STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10088

ZSHON KRISTOF

Romain Rolland

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָמען ראָלאַנד.

זשאַן קריסטאָף

II. דער פריהמאָרגען.

איבערזעצט אונטער דער רעדאַקציאָן פון
דר. ק. פאַרנבערג.

ליטעראַרישער פערלאַג, ניו יאָרק
.1918

.1

דער טוידט פון זשאַן-מישעל.

JEWISH PUBLIC LIBRARY יידישע פאלקס ביבליאטעק
LA BIBLIOTHEQUE JUIVE PUBLIQUE
CHOMEDEY "Y" COMMUNITY CENTER X4203

דריי יאָהר זיינען פאַרביי. קריסטאָף ווערט עלף יאָהר אַלט. ער געהט ווייטער אָן מיט זיין מוזיקאַלישער ערציהונג. ער לערנט האַרמאָניע ביי פלאָריאַן האָלצער, דעם אָרגאַניסט פון סענט־מאַרטין קירך, דעם אַלטענס א גוטען פריינד, וועלכער איז זעהר א געלערנטער מאַן; און ער לערנט איהם, אַז דוקא יענע אַקאָרדען, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק האָלט; דוקא יענע האַרמאָניען, וואָס זיינען אַזוי ליעב און זיס פאַר זיין אויער און האַרצען, און צו וועלכע ער קאָן זיך ניט צוהערען אָהן דעם, אַז א ציטער זאָל איהם ניט דורכנעמען; אַז דוקא זיי זיינען שלעכט און פאַרבאָטען. ווען ער פרעגט: פאַר וואָס? באַקומט ער ניט קיין אַנדער ענטפער ווי נאָר דעם: עס איז פאַרבאָטען לויט די כללים. אבער אַזוי ווי ער איז בטבע ניט קיין פאָלגער, באַקומט ער זיי נאָך מעהר ליעב. זיין גרעסטע שמחה איז אויסצוגעפינען אַזוינע ביישפּיעלען ביי די גרויסע מוזיקאַנטען, וועלכע מען באַוואונדערט, און זיי פאַרצולעגען פאַר דעם זיידען, אָדער דעם לעהרער. אויף דעם ענטפערט דער זיידע, אַז ביי די גרויסע מוזיקאַנטען איז אפילו דאָס אויך צו באַוואונדערען, אַז בעטהאָווען, אָדער באַך האָבען זיך געקאָנט אַלץ ערלויבען. דער לעהרער אבער, וואָס איז בטבע וויניגער נאַכגיביג, ווערט בייז און ענטפערט שאַרף, אַז דאָס איז ניט דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבען געשאַפען.

קריסטאָף האָט א פרייען איינטריט צו די קאָנצערטען

און אין טעאטער און באַקומט א שטיקעל ידיעה אין אלע אינסטרומענטען. אין פידעל־שפּיעלען ווייזט ער זאַגאַר ארויס א געוויסע קראַפט, און ביי זיין פאטער שווימט ארויף דער געדאַנקען איהם צו געבען א סטענדער אין אָרקעסטער. ער האַלט אויס זיין ראָלע אזוי גוט, דאָס נאָך עטליכע פּראָבע־חדשים, ווערט ער אָפיציעל אַנגענומען אלס צווייטער פּיע־דעל שפּיעלער אין הויף־מוזיק־פעראיין. אָט אזוי הייבט ער אָן צו פאַרדיענען זיין חיונה. און דאָס איז ניט פריה, ווארום דער מצב פון זיין היים ווערט אַלץ ערגער און ערגער. מעל־כיאָר׳ס שוואכקייט צום ביטערן טראָפּען ווערט גרעסער; און דער זיידע ווערט אַלט.

קריסטאָף גיט זיך אָפּ חשבון וועגען די טרויעריגקייט פון דער לאַגע; ער האָט שוין דעם ערנסטען און פאַרזאָרג־טען אויסזעהן פון א קליינעם מאַן. מוטיג ערפילט ער זיין אויפגאַבע, כאָטש זי אינטערעסירט איהם גאַנץ ווענינ; און עס ווילט זיך איהם אין די אָוועגטען, ווען ער זיצט אין אָר־קעסטער, אזוי שטארק שלאָפען, ווייל עס איז שפּעט און עס איז אזוי לאַנגווייליג. דאָס טהעאטער רופט שוין מעהר ניט ארויס ביי איהם די געפיהלען פון אמאָל, ווען ער איז געווען קליין. דאמאָלט — מיט פיער יאָהר צוריק — איז זיין העכס־טע אמביציע געווען צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ, וואו ער זיצט איצט. היינט ליעבט ער מעהר ניט דעם גרעסטען טייל פון דער מוזיק, וואָס מען מאכט איהם צו שפּיעלען; ער האָט נאָך ניט די העזה צו באשטימען גענוי זיין מיינונג וועגען דעם; אבער אין תוך גענומען, געפינט ער, אז דאָס איז נאַריש; און ווען מען שפּיעלט אמאָל, דורך א צופאַל, שעהנע זאכען, איז ער אונצופריעדען פון דער וואָכעדיגקייט, מיט וועלכע זיי ווערען געשפּיעלט; די ווערק, וואָס ער האָט אזוי האָלט,

הויבען אן סוף כל סוף, צו זיין עהנליך אויף זיינע חברים פון ארקעסטער. זיי, ווען דער פארהאנג לאזט זיך אראפ און זיי זיינען פארטיג מיט'ן בלאזען אדער רייבען, ווישען זיך אפ דעם שוויים מיט א שמייכעל און דערצעהלען זיך רוהיג זייערע קליינליכע מעשה'לאך, אזוי ווי זיי וואלטען אקארשט געהאט געענדיגט גימנאסטישע איבונגען. ער האט אויך וויעדער געזעהן פון נאהענטען זיין אלטע ליעבשאפט, די בלאנדע זינגערקע מיט די נאקעטע פיס; ער טרעפט איהר אפט, בעת די אנטראקטען, אין רעסטאראן. אזוי ווי זי ווייס, אז ער איז אין איהר פארליעבט, קושט זי איהם גאנץ געשמאק; ער האט אבער גאר קיין פארגניגען דערפון ניט: עס עקעלט איהם פון איהר שמינקע, פון איהר רח, פון איהרע גרויסע הענט, און פון דעם, וואס זי איז אזא פרעסערקע; איצט האסט ער איהר.

דער גרויספירשט האט אן זיין הויף־פיאניסט ניט פארגעסען: דאס הייסט ניט, אז מען צאהלט איהם פינקטליך דעם מעסיגען געהאלט, וואס איז באשטימט פאר איהם— ער מוז שטענדיג עס מאנען. — נאר פון צייט צו צייט ווערט קריסטאף גערופען אין שלאס, ווען דארט זיינען איינגעלאדען חשוב'ע געסט, אדער, איינפאך, ווען זייער האהייט פאלט איין דער קאפריז איהם צו וועלען הערען. דאס קומט אוים כמעט שטענדיג אין אווענט, אין א צייט, ווען קריסטאף'ן ווילט זיך אזוי שטארק פארבלייבען אליין. אפט דארף ער ווארטען אין קארידאר, ווייל דער מאלצייט איז נאך ניט געענדיגט. די דיענער, וואס זיינען געוואוינט איהם צו זעהן, ריידען צו איהם ווי צו א גוטען באקאנטען. נאכהער פיהרט מען איהם אריין אין א העלבאלויכטענעם און מיט שפיגלען באפוצטען זאל, וואו שטייפע מענשען קוקען אויף

איהם מיט א באליידיגענדער נייגעריגקייט. ער מוז דורכגעהן דעם באזונדערס שטארק אנגעוועקסטען זאל, כדי א קוש צו טאן איהר האהייט אין האנט; און וואס עלטער ער ווערט אלץ מעהר אונגעשיקט פארהאלט ער זיך דערביי, ווארום ער פיהלט זיך אין א לעכערליכער לאגע, זיין שטאלץ ליידעט דערפון.

ענדליך זעצט ער זיך אוועק ביים קלאוויר, און מוז שפּיעלען פאר די, ווי ער רופט זיי, גלאמפען. צייטענווייז פאלט איהם די גלייכגילטיגקייט פון דער חברותא צו זיין שפּיעלען אזוי שווער, אז עס ווילט זיך איהם אויפהערען פלוצלונג, אין מיטען פון א שטיק. עס פעהלט איהם לופט, און ער פיהלט ווי ער וואלט ווערען דערשטיקט און אריינפאלען אין א תהום. ווען ער איז פארטיג, באווארפט מען איהם מיט גראטולאציאנען און מען פארגלושעט איהם מיט קאמפּלימענטען און מען פיהרט איהם ארום פון איינעם צום צווייטען. איהם דאכט זיך, אז מען באטראכט איהם ווי א זאנדערבארע חיה, וואס געהערט צו דעם פירשט׳ס קאלעקציע, און אז די שבחים ווערען אדרעסירט מעהר צו זיין בעל־הבית איידער צו איהם. ער פיהלט זיך ערנידעריגט און באקומט א קראנקהאפטע עמפּפינדליכקייט, פון וועלכע ער ליידעט נאך מעהר, ווייל ער האט ניט די העזה עס ארויסצואווייזען. ער זעהט באליידיגונגען אין די איינפאכסטע האנדלונגען: לאכט מען אין א ווינקעל פון זאל, איז ער זיכער, אז דאס לאכט מען פון איהם; ער וויים נאר ניט: צי מאכט מען חוזק פון זיינע מאניערען און פון זיין קאסטיום, אדער פון זיין אויסזעהן, פון זיינע הענט און פיס. אלץ קריינקט איהם: עס קריינקט איהם, ווען מען רעדט צו איהם ניט, און עס קריינקט איהם, ווען מען רעדט יא; ווען

מען דערלאַנגט איהם קאָנפעקטען, ווי מען גיט א קינד, און באַזונדערס קריינקט איהם, ווען דער פירשט שיקט איהם אָפּ אהיים מיט א פירשטליכער גאוה, אריינשפּאַרענדיג אין האַנט א מטבע. ער פיהלט זיך אונגליקליך, ווייל ער איז ארים, און ווייל מען באהאַנדעלט איהם ווי אן אָרימאַן. איין אָוועגט, געהענדיג אהיים, האָט דאָס געלט, וואָס ער האָט באַקומען איהם אזוי געדריקט, אז ער האָט עס אריינגעוואָרפען אין דעם לאָך פון א קעלער, פאַר וועלכען ער איז פאַר־ביי. און באַלד נאָכדעם איז ער געווען גרייט צו באַגעהן וועך ווייס וואָס פאַר א פאַרברעכען, אבי נאָר עס צוריק צו באַקומען. ווארום אין דער היים איז מען שוין פאַר עטלי־כע חדשים שולדיג דעם קצב.

זיינע עלטערן האָבען קיין אהנונג ניט געהאַט ווי שטאַרק ער ליידעט פון זיין באַליידיגטען שטאָלץ. זיי זיי־נען געווען גליקליך, וואָס ער איז אזוי באַליעבט ביים פירשט. די גוטע לואיזע האָט זיך ניט געקאָנט פאַרשטעלען קיין בע־סערע זאַך פאַר איהר אינגעל, ווי די אָוועגטען אין שלאָס, אין אַזאַ גלענצענדע געזעלשאַפט. מעלכיאָר׳ן האָט דאָס גע־געבען א געלעגענהייט שטענדיג זיך צו באַריהמען פאַר זיינע פריינד. אבער גליקליכער פאַר אַלעמען איז געווען דער זיידע. ער האָט זיך אפילו געגרויסט מיט זיין כלומרשט׳דיי־גער אונאָפּהענגיגקייט, שאַרפקייט און פאַראַכטונג פאַר אַלע גדולים; אבער באמת האָט ער געפיהלט גאָר א גרויסען דרך־ארץ פאַר געלט, פאַר מאַכט, פאַר כבוד, און בכלל פאַר אַלע געזעלשאַפטליכע אויסצייכנונגען; און עס איז געווען זיין העכסטער שטאָלץ צו זעהן, ווי זיין אייניקעל דערנעהענ־טערט זיך צו די, וואָס האָבען אין דעם אַלץ א חלק. ער האָט זיך מחיה געווען דערמיט, אזוי ווי דער גלאַנץ וואָלט אָבגע־

שטראַהלט צוריק אויף אויף איהם; און כאָטש ער האָט זיך אָנגעטאָן א כח צו פארבלייבען רוהיג, דאָך האָט זיין פּנים געשטראַהלט. אין יענע אָווענטען, ווען קריסטאָף פלעגט דאַר־פען געהן אין שלאָס, פלעגט זשאַן מישעל אזוי איינאָרדנען, אז ער זאָל, אונטער דעם אָדער יענעם אויסרייד, פארבלייבען ביי לואיזען. ער פלעגט וואַרטען מיט א קינדערשער אונגע־דולד אויף דעם אייניקעלס קומען צוריק אהיים; און אז קריסטאָף פלעגט אריינקומען, פלעגט ער מיט א געמאַכטער גלייכגילטיגקייט איהם שטעלען עטליכע ניט וויכטיגע פראַ־גען: ווי:

„נו, ווי איז עפּעס היינט געגאַנגען?“

אָדער מיט א צערטליכען שמייכעל:

„אָט איז אונזער קליינער קריסטאָף! וואָס וועט ער אונז דערצעהלען עפּעס נייעס?“

אָדער ער פלעגט אויסטראַכטען עפּעס א קאָמפּלימענט איהם צו חנפ'ענען:

„א ברוך הבא פאַר אונזער יונגען הויף־קאַוואַליר!“

אָבער קריסטאָף פלעגט ענטפערן בייז און טרוקען:

„גוט נ'אָווענט“ און זיך אוועקזעצען א פאַרמאַטערטער אין א ווינקעל.

דער אַלטער פלעגט צושטעהן, פלעגט שוין שטעלען קלאָהרערע פראַגען, אויף וועלכע דאָס קינד פלעגט ענט־פערן מיט יאָ אָדער ניין. די אַנדערע פלעגען זיך אריינ־מישען אויסצוגעפינען וועגען מעהר איינצעלהייטען: קריס־טאָף פלעגט ווערען אַלץ מעהר אָנגעכמורעט; מען פלעגט מו־זען ארויסרייסען פון איהם די ווערטער מיט געוואַלט, ביז זשאַן מישעל פלעגט ווערן אין אָנגעצונדענער און איהם אריינזאָגען באַליידיגונגען. קריסטאָף פלעגט ענטפערן מיט

זעהר ווייניג רעספּעקט און עס פּלעגט זיך ענדיגען מיט אַ גרויסער מחלוקה. דער אַלטער פּלעגט אוועק, אַ קלאַפּ טוענ־דיג מיט'ן טיר הינטער זיך. אַט אַזוי פאַרדאַרבט קריסטאָף די שמחה ביי די אָרימע מענשען, וואָס פאַרשטעהן ניט זיין שלעכטע שטימונג. עס איז דאָך געווען ניט זייער שולד, וואָס זיי האָבען געהאַט נשמות פון לאַקייען, און ניט געהאַט קיין אהנונג, אַז מען קען זיין אַנדערש.

קריסטאָף האָט זיך פאַרשלאָסען אין זיך; און כאָטש ער האָט זיין פאַמיליע ניט פאַראורטיילט, דאָך האָט ער גע־פיהלט, אַז אַ תהום טיילט איהם אָפּ פון זיי. ער האָט בלי ספק מגזם געווען; ניט קוקענדיג אויף די פאַרשיעדענקייט פון זייער זאָרט דענקען, וואָלטען זיי איהם וואַרשיינליך פאַרשטאַנען, אויב זיי וואָלטען געקאָנט זיך דורכריידען אָפענהערציג. אבער יעדער איינער ווייס, אַז קיין זאַך איז ניט אַזוי שווער ווי אַ פולע אָפענהערציגקייט צווישען עלטערן און קינדער, זאָגאַר ווען זיי פיהלען דעם צערטליכסטען צו־בונד איינער צו די אַנדערע; ווארום פון איין זייט שטערט דער רעספּעקט זיך ארויסצוזאָגען אין גאַנצען אָפענהערציג. פון דער צווייטער זייט איז די, גאַנץ אָפט פאַלשע, מיינונג וועגען דעם, אַז די עלטערע און ערפאַרענע שטעהען העכער ווי די איינגערע, אַ שטערונג אויפצונעהמען מיט דער נויטי־גער ערנסטקייט די געפיהלען פון די קינדער, כאָטש זייערע געפיהלען זיינען דאָס רוב פונקט אַזוי אינטערעסאַנט ווי פון די גרויסע און, כמעט שטענדיג, עהרליכער.

די מענשען, וועלכע קריסטאָף האָט געזעהן אין דער היים, די געשפּרעכען וואָס ער האָט דאָרט געהערט, האָבען איהם נאָך מעהר דערווייטערט פון דער פאַמיליע.

אַט קומען מעלכיאָר'ס פריינד; דאָס רוב מיטגליעדער

פון אָרקעסטער, בחורים, טרינקער; זיי זיינען ניט קיין שלעכ־טע מענשען, אָבער פּראָסטע נפשות. דאָס הויז ציטערט פון זייער געלעכטער און פון זייערע טריט. זיי האָבען האָלט מו־זיק, אָבער זיי ריידען דערפון עקלהאַפט — נאַריש. זייער שרייענדיגע, גראָביאַנסקע באַגייסטערונג פאַרוואונדעט טיעף דעם קינדס צניעות'דיגע געפיהלען. ווען זיי פלעגען לויבען אַ ווערק, וואָס ער האָט האָלט געהאַט, איז עס געווען פאַר איהם ווי זיי וואָלטען איהם פּערזענליך באַליידיגט. ער פלעגט ווערן בלאַס, אַנגעבלאָזען, קאַלט ווי אייז, און זיך מאַכען ווי ער האָט, כלומרשט, גאָר קיין אינטערעס ניט אין מוזיק; אויב ער וואָלט נאָר געווען ביכולת, וואָלט ער זי געהאַסט. מעלכיאָר פלעגט זאָגען וועגען איהם:

„דער נפש האָט קיין האַרץ ניט. ער פיהלט קיין זאַך ניט. איך וויים באמת ניט אין וועמען ער האָט זיך איינגע־געבען."

אָפטמאָל זינגען זיי צוזאַמען יענע דייטשע ליעדער פאַר פיער שטימען — פיער פיסיגע — וואָס זיינען שטענ־דיג עהנליך איינס אויף דאָס אַנדערע, און וואָס באַוועגען זיך אַזוי שווער מיט אַן אַנגעבלאָזענער וואַזשנעקייט, און מיט אַ פלאַכע האַרמאָניע. קריסטאָף אַנטלויפט דאַמאָלט אין ווייטעסטען צימער און שילט די ווענט.

דער זיידע האָט אויך געהאַט פריינד: דער אָרגאַניסט, דער טאַפּעצירער, דער זייגערמאַכער און דער באַנדורע שפּיע־לער — אַלטע לייט, וואָס האָבען האָלט געהאַט צו פּלוידערן, איבערצוקייען שטענדיג דיזעלבע וויצען, און זיך אַריינצולאָ־זען אין לאַנגע וכוחים מכח קונסט, פּאָליטיק און דעם יחוס פון לאַנד־משפחות. זיי זיינען געווען ווייניג פאַראינטערע־סירט אין דער זאַך גופא, וועגען וועלכע זיי האָבען גערעדט,

נאָר זיי זיינען געווען גליקליך צו קענען פּלוידערן און צו גע־
פינען איינעם, צו וועמען מען קען ריידען.

וואָס איז שייך לואיזען, פלעגט זי זיך זעהן נאָר מיט
עטליכע שכנות, וואָס פלעגען קומען איהר אפּצוראַפּאָרטירען
די געשעהענישען פון ארום. אין אַן אָווינט פלעגט זיך
באַווייזען וועלכע עס איז א „גענעדיגע דאַמע“, און מיט דעם
אויסרייד, אז זי וויל וויסען וואָס לואיזע מאַכט, פלעגט זי
איהר רופען צו קומען העלפען צו א פאַראַדנעם מאַהלצייט
און דערביי זיך מאַכען ווי זי וואָלט כלומרשט אכטונג געבען
אויף די רעליגיעזע ערציהונג פון די קינדער.

פון אַלע באַזוכער איז קיינער ניט געווען אַזוי ניט סימ־
פּאַטיש צו קריסטאָף'ן, ווי זיין פעטער טעאָדאָר. דאָס איז
געווען דעם זיידענס א שטיפזון, א זון פון ערשטען מאַן פון
דער באַבע קלאַרא, וועלכע איז געווען זשאַן מישעלס ערשטע
ווייב. ער איז געווען א שותף אין א גרויסען געשעפט, וואָס
האָט אַנגעהאַלטען פאַרבינדונגען מיט אפריקא און מיט דעם
ווייטען מזרח. ער איז געווען א טיפּ פון יענע דייטשען פון
נייעם זאָרט, וואָס זוכען צו מאַכען חוזק פון דעם אַלטען אי־
דעאַליזם פון דער ראַסע. און זייענדיג פאַר'שכור'ט פון נצחון,
מאַכען זיי אַן אָבגאָט פון ערפאָלג און קראַפט, וואָס דאָס
ווייזט, אַז זיי זיינען ניט געוואָהנט עס צו זעהן אויף זייער
זייט. אָבער אַזוי ווי עס איז ניט מעגליך צו ענדערן מיט
איין קלאַפּ די, זינט פיעל דורות אַלטע, נאַטור פון א פאָלק,
פלעגט דער צוריקגעשטויסענער אידעאַליזם זיך אומקעהרען
צוריק יעדע מינוט; אין ריידען, אין האַלטונג, אין די מיי־
נונגען, אין דיציטאַטען פון געטהע ביי יעדער קלענסטער פּאַ־
סירונג אין הויז; אָט אַזוי איז ארויסגעקומען א משונה'דיי־
גער מיש־מאַש פון געוויסענהאַפטיגקייט און עגאָאיזם, א

זאַנדערבאַרע באַמיהונג צו ברײנגען אין האַרמאָניע די פּרינ־ציפּען־עהרליכקייט פון דעם אַלטען דייטשען בירגער מיט דעם ציניזם פון דעם נייעם געשעפטס־רויבער; עס איז גע־ווען אַ געמיש, וואָס האָט געהאַט זעהר אַ שלעכטען גערוך פון צבועצטווע — וואַרום מען האָט געזאָלט דערמיט כשר'ן קראַפט, געלדגייציגקייט און די דייטשע אינטערעסען אַלס דעם סימבאָל פון יעדען רעכט, פון יעדער גערעכטיגקייט און פון יעדען אמת.

קריסטאָף'ס עהרליכקייט איז דורך דעם געווען טיעף פאַרוואונדעט. ער איז ניט געווען אים שטאַנד צו באַשליסען: צי איז זיין פעטער אונגערעכט; אָבער ער האָט איהם געהאַסט און האָט אין איהם געפיהלט אַ שונא. אויך דער זיידע האָט איהם ניט זעהר האָלט געהאַט און איז שטאַרק אויפגעבראַכט געווען געגען זיינע טעאָריעס; אָבער אין געשפּרעכען פלעגט ער גיך ווערען צוקלאַפּט פון טעאָדאָרס שאַרפען צונג, פאַר וועמען עס איז ניט געווען שווער צו מאַכען לעכערליך דעם אַלטענס איידעלע תמימות. זשאַן מישעל האָט געענדיגט דערמיט, וואָס ער האָט זיך אָנגעהויבען צו שעמען מיט זיין גוטהאַרציגקייט; און כדי צו ווייזען, אַז ער איז גאָר ניט אַזוי אָפּגעשטאַנען ווי יענער מיינט, האָט ער געפּרובירט אָנ־הויבען ריידען ווי טעאָדאָר: דאָס האָט געקלונגען אַזוי פאַלש אין זיין מויל, אַז עס האָט איהם אַליין וועה געטאָן. כאָטש ער האָט גאָר אַנדערע מחשבות געהאַט, דאָך האָט ער געהאַט גרויס דרך ארץ פאַר טעאָדאָר'ן; ער האָט געהאַט גרויס אַבשיי פאַר זיין פּראַקטישע פלינקייט, פאַר וועלכע ער האָט איהם נאָך מעהר מקנא געווען, וויל ער אַליין איז אויף דעם ניט געווען קאַפּאַבל. ער האָט גע'חלומ'ט, אַז זיין אייניקעל זאָל פאַרנעהמען אַזאַ שטעל. דאָס איז געווען אויך דער וואונש

פון מעלכיאר'ן, וועלכער האט שוין באשלאסען ביי זיך, אז קריסטאף זאל געהן אין זיין פעטערס טריט. אט אזוי האט די גאנצע הויז זיך פארגענומען צו חנפ'ענען דעם רייכען קרוב. פון וועלכען מען האט ערווארט טובות. ער אליין, זעהענדיג ווי מען דארף צו איהם אנקומען, האט גענומען זיך האלטען מעשה בעל־הבית; ער האט אנגעהויבען אין אלץ זיך אריינ־צומישען, געבען יעדען איינעם עצות, און האט ניט געפונען פאר נויטיג צו באהאלטען זיין גרויסע פאראכטונג צו קונסט און קינסטלער; פארקעהרט, ער האט זיך נאך דערמיט גע־גרויסט, כדי מבזה צו זיין זיינע מוזיקאלישע קרובים; און ער פלעגט מאכען גראבע וויצען אויפ'ן חשבון פון איינעם און א צווייטען; וויצען, פון וועלכע מען האט פון פייגהייט גע־לאכט.

קריסטאף איז געווען א באזונדערס אפטער ציעל פאר זיין פעטער'ס שפאט; ער איז אבער ניט געווען געדולדיג. ער האט געשוויגען און, א בייזער, פארביסען די ציין. יענער האט געקליבען נחת פון זיין שטומען גרימצארן. אבער איין מאל ביים טיש, ווען טעאדאר האט איהם שוין צופיעל דער־נומען, האט קריסטאף, ארויסגעהענדיג פון די כלים, איהם א שפיי געטאן אין פנים אריין. עס איז ארויס א שרעק־ליבער סקאנדאל. די באליידיגונג איז געווען אזא שרעקלי־כע, אז דער פעטער איז תחלת געבליבען שטום פון שרעק; באלד אבער האט זיך א גאס געטאן א שטראם פון זלזולים. קריסטאף איז געבליבען זיצען אויף זיין שטול, ווי פארשטיי־נערט פון שרעק פאר זיין אייגענעם אויפטו, און האט גאר ניט געפיהלט די קלעפ, וואס האבען זיך געשאטען איבער איהם; אבער, ווען מען האט געוואלט, איהם מאכען זיך צו שטעלען אויף די קניע פאר'ן פעטער, האט ער גענומען

זיך ראַנגלען, האָט אַ שטוים געטאָן די מוטער אָן אַ זייט און איז אנטלאָפען פון הויז. ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אפילו אויפ׳ן פרייען פעלד, ביז ער האָט שוין מעהר ניט געקאָנט אָפּכאַפּען דעם אָטעם. ער האָט געהערט שטימען, וואָס האָבען איהם גערופען פון ווייטען; ער האָט זיך געפרעגט: צי זאָל ער בעסער זיך ניט אריינוואַרפען אין טייך, אזוי ווי אריינצואוואַרפען זיין שונא דאָרט, קען ער דאָך ניט? ער האָט פארבראכט די נאכט אין פעלד. ערשט פארטאָג האָט ער אָנגעקלאַפּט ביים זיידען אין טיר. דער אלטער איז געווען אזוי אונרוהיג וועגען קריסטאָף׳ס אנטלויפען — ער האָט צוליעב דעם ניט געקאָנט איינשלאָפען, אז ער האָט ניט געהאָט דעם מוט אויף איהם זיך צו בייזערן. ער האָט איהם געבראכט אהיים, וואו מען האָט אויסגעמידען צו ריידען וועגען דעם, ווארום מען האָט געזעהן, אז ער געפינט זיך נאָך אלץ אין אן אויפגערעגטען צושטאַנד; און מען האָט געמוזט איהם שאנעווען, ווארום ביינאכט האָט ער געדאַרפט שפּיעלען אין הויף. נאָר וואָכענלאנג האָט מעלכיאָר איהם דערנומען מיט זיינע יללות — כאָטש זיך ניט ווענדענדיג דירעקט צו קיינעם — מכח דעם, ווי שווער עס איז צו געבען ביישפּיעלען פון א שענעם לעבען און פון גוטע מאניערען צו אונדאנקבארע ברואים, וואָס פארשאַפען נאָר שאַנד; און ווען דער פעטער טעאָדאָר האָט איהם געטראָפען אויפ׳ן גאַס, האָט ער אָפּגעדרעהט דעם קאָפּ און צוגעמאכט די נאָז, אַרויסווייזענדיג אלע סמנים פון העכסטען עקעל.

געפינענדיג אזוי וועניג סימפּאַטיע אין דער היים, פלעגט ער דאָרט פארבלייבען אזוי וועניג ווי נאָר מעגליך. ער האָט געליטען פון דעם שטענדיגען צוואַנג. וואָס מען האָט געזוכט אויף איהם ארויפצולעגען: עס זיינען געווען צו פיעל

זאכען, צו פיעל מענשען, וועלכע מען האָט איהם געמאכט רעספעקטירען, ניט ערלויבענדיג צו פרעגען פארוואָס; און קריסטאָף איז בטבע ניט געווען אויפגעלעגט צו רעספעקטירען. וואָס מעהר מען האָט געזוכט איהם צו מושטירען און פון איהם צו מאכען א קליינעם, בראווען דייטשען בירגער, אלץ גרעסער איז געוואָרען זיין וואונש פון דעם זיך צו באפרייען. זיין בעסטער פארגניגען איז געווען, נאָך דעם איינגעצאַמטען, לאנגווייליגען אפזיצען אין אָרקעסטער, אָדער אין שלאָס, זיך ארומצוקייקלען אין די גראז ווי א לאָשאקל; אָדער, אין זיינע נייע הויזען, זיך ארונטערצוגליטשען דעם גראָזיגען בערגעל פון אויבען ביז אראָפּ; אָדער זיך דורכצואווארפען מיט שטיינער מיט די שכנ׳ישע אינגלאָך. אויב ער האָט עס ניט עפטער געטאָן, איז עס געווען ניט דערפאר, וואָס ער האָט מורא געהאט פאר געשרייען און קלעפּ; נייז, ער האָט פשוט ניט געהאט קיין חברים: עס האָט איהם זיך ניט איינגעגעבען זיך מתקרב צו זיין מיט די אנדערע אינגלאָך. אפילו די גאסעניונגען האָבען ניט געוואָלט מיט איהם זיך שפּיעלען, ווארום ער האָט צו ערנסט זיך באצויגען צום שפּיעל און האָט געגעבען צו שטארקע קלעפּ. אָט אזוי איז ביי איהם געוואָרען א געוואָהנהייט צו זיין איינגעשלאָסען אין זיך, און זיך צו האלטען אָן א זייט פון די קינדער אין זיינע יאָהרען; ער האָט זיך געשעהמט זיך ארויסצורוייזען ניט פלינק אין שפּיעל, און האָט ניט געהאט די העזה זיך ארייננצומישען אין זייערע שטיפעררייען. ער האָט דערפאר זיך געמאכט, ווי דאָס וואָלט בלומרשט איהם בכלל ניט אינטערעסירען, כאָטש ער האָט געברענט פון דעם באגעהר גערופען צו ווערען מיטצושפּיעלען. אבער מען האָט איהם ניט גערופען; און ער פלעגט זיך אפטראָגען א באליידיג־

טער, אבער מיט א גלייכגילטיגער מינע.

עס איז געווען פאר איהם א טרויסט זיך ארום צושלעפּען מיט דעם פעטער גאָטפריעד, ווען יענער פלעגט זיין אין זיי־ערע געגענדען. ער האָט זיך אלץ מעהר און מעהר מתקרב גע־ווען צו איהם, און איז געווען אין גרויס סימפּאַטיע מיט יע־נעמס אונאפּהענגיגער האלטונג. ער האָט איצט גאנץ גוט פארשטאַנען דעם פעטער גאָטפריעד'ס תשוקה זיך ארומ־צושלעפּען איבער'ן לאנד, זיך ניט צובינדענדיג אין ערגעץ! אָפטמאָל פלעגען זיי צוזאמען זיך ארומשלעפּען איבער די פעלדער, אָהן א ציעל, סתם אזוי אין דער וועלט אריין; און אזוי ווי גאָטפריעד פלעגט שטענדיג פארגעסען ווי שפּעט עס איז, פלעגט מען קומען צוריק אהיים צו שפּעט און ער פלעגט כאפּען א מפּלה. אז אמת'ע פרייד איז דערפאר געווען פאר איהם בייצאכט זיך ארויסצו'גנב'ענען שטילערהייט, ווען אלע האָבען געשלאָפען. גאָטפריעד האָט געוואוסט, אז דאָס איז ניט רעכט, אבער קריסטאָף האָט זיך אזוי שטארק גע־בעטען; און ער אליין האָט ניט געקאָנט גובר זיין דעם יצר הרע. ארום האלבע נאכט פלעגט ער פארבייגעהן די הויז און א פּייף טאָן לויט א געוויסען אָפּמאַך. קריסטאָף פלעגט זיך לעגען אין בעט אין גאנצען אָן אנגעטאָנענער; ער פלעגט זיך ארויסכאפּען פון בעט מיט די שיך אין די הענט און, איינהאלטענדיג דעם אטעם, מיט אלע קונצען פון א ווילדען, דערקריכען ביז צום פענסטער פון קיך צו דער זייט פון וועג. דאָרט פלעגט ער ארויפקריכען אויפ'ן טיש. גאָטפריעד פלעגט איהם ארויסטראָגען אויף די פּלייצעס; און גליקלי־כע, ווי חדר־אינגלאך, פלעגען זיי זיך אָפּטראָגען.

עטליכע מאָל זענען זיי געגאנגען אויסזוכען ירמיהו דעם פישער, גאָטפריעדס אן אלטען פריינד, און האָבען געכאפּט

פיש אין זיין לאָדקע, ביי דער ליכט פון דער לבנה. דאָס וואסער, וואָס האָט געטריפט פון די וויאָסלעס, האָט ארויס־געגעבען טענער ווי פון א הארף אין כראָמאָטישער אָרדנונג. א מילך־פאָרע האָט געציטערט אויף דער אויבערפלעך פון טייך. די שטערן האָבען געפינקעלט. די הענער האָבען פון איין ברעג צום צווייטען זיך גערופען און געענטפערט; און מיט אמאָל האָבען זיך אין דער טיעפעניש פון הימעל דער־הערט די טרעלען פון א נאכטיגאל, וואָס האָט זיך אויפגע־הויבען אין דער לופט, אָפּגענארט פון דעם שיין פון דער לבנה. מען האָט געשוויגען. גאָטפריעד האָט גאנץ שטיל גע־זונגען א ליעד. ירמיהו האָט דערצעהלט משונה'דיגע מעשות פון דעם לעבען פון די חיות; זיי זיינען אויסגעקומען נאָך משונה'דיגער, וויל ער האָט זיך אויסגעדריקט אין קורצע ווערטער און אין א פארשטעלטען אופן. די לבנה האָט זיך באהאלטען הינטער די וועלדער. מען איז פארבייגעפאָהרען די פינסטערע מאסע פון בערג. די פינסטערניש פון הימעל און פון וואסער האָבען זיך צוזאמענגעגאָסען. דער טייך איז געווען גלאט אָהן איין קנייטש. אלע גערוישען זיינען אויסגע־שטאָרבען. די לאָדקע האָט זיך שטיל געטראָגען אין דער נאכט. האָט זי טאקי זיך געטראָגען? געשוועבט? אָדער גאָר געשטאַנען, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט?... דער ראָר האָט זיך פארנאָנדערגעבויגען ווי זיידענס וואָס רייסט זיך. מען איז צוגעקומען צום ברעג אָהן גערויש, ארויסגעקראָכען אויפ'ן ברעג און זיך אוועקגעלאָזען געהן צופוס. עס האָט שוין גע־טראָפען, אז מען איז געקומען צוריק אהיים מיט'ן שפּראָץ טאָג, נאָכגעהענדיג דעם שטראָם פון טייך. מחנות זילבערנע אוקלאָפּישלאָך, גרין ווי זאנגען, אָדער בלוי ווי עדעלשטיינער, האָבען זיך צוזאמענגעקליבען ביי די ערשטע שטראַהלען פון

טאָג און האָבען געקישעט, ווי די שלאַנגען ארום דעם קאָפּ פון דער מעדוזע, זיך רייסענדיג זשעדנע נאָך די שטיקלאַך ברויט, וואָס מען האָט זיי צוגעוואָרפען; זיי האָבען זיך ארונטערגעטונקט טיעף, זיך יאגענדיג נאָך דעם ברויט, זיך געדרעהט אין שפּיראַלען און זיינען פּלוצלונג פארשוואונדען, ווי ליכטשטראַהלען. דער טייך האָט זיך געפארבט אין ראָזיגע, פורפורנע אָפּשפּיגלונגען. די פייגלאַך האָבען ערוואכט איינע נאָך די אנדערע. מען פלעגט האסטיג געהען צוריק אהיים און מיט דערזעלבער פאַרזיכטיגקייט, ווי ביים אוועקגעהן, פלעגט קריסטאָף אריינקריכען צוריק אין שטיקיגען צימער און זיך אריינלעגען אין בעט. זיין קערפּער פלעגט זיין פריש פון דעם ריח פון די פעלדער, און ער פלעגט באלד אריינפאלען אין א טיעפען שלאָף.

אלץ איז געגאנגען כשורה, און קיינער וואָלט קיין שום אהנונג ניט געהאט דערפון, אויב דער אינגערער ברודער ערנסט וואָלט איין מאָל ניט פאר'מסר'ט וועגען קריסטאָף'ס ביינאכטיגע שפּאַצירען. פון דאמאָלט אַן האָט מען עס איהם פארבאָטען, און מען האָט איהם שטארק געהיט. אבער איהם האָט זיך ווידער איינגעגעבען זיך ארויסצו'גנב'נען; וואָרום די חברותא פון דעם הויזירער און זיין פריינד איז איהם געווען טייערער ווי יעדער אנדער געזעלשאפט. די משפּחה איז געווען שטארק סקאנדאליזירט. מעלכיאר האָט גע'טענה'ט, אז ער האָט די תשוקות פון א פויעריונג. דער אלטער זשאַן מישעל איז געווען אייפערזיכטיג אויף קריסטאָף'ס צובונד צו גאָטפריעד'ן; און ער האָט איהם גע'מוסר'ט, אז אזא פּראַסטע קאָמפּאַניע איז פאר איהם א בזיון, בעת ער האָט די זכיה צו האָבען א צוטריט צו די העכסטע קרייזען, דינענדיג דעם פירשט. מען האָט אויסגעפונען, אז קריסטאָף'ן פעהלט די נויטיגע חשיבות.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די דחקות אין געלט איז געוואָרען אלץ גרעסער, וואָס מעהר מעלכיאר האָט זיך אריינגעלאָזען אין שכרות און אין פוסט און פּאַסעווען, דאָך איז דאָס לעבען געווען נאָך צו דערטראָגען כל זמן זשאן־מישעל האָט געלעבט. ער איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט נאָך געהאט אויף איהם א שטיקעל איינפלוס, און וואָס האָט איהם געווישערמאָסען צוריקגעהאלטען פון זיין שוואכקייט. אויסערדעם האָט מען צוליעב די אלגעמיינע אכטונג צום אלטען אַפּט זיך געמאכט פארגעסענדיג אין די מחזקות פון שכור. און ועל כולם פלעגט דער אלטער שטענדיג ארויסהעלפען די בעל־הבית׳ישקייט מיט געלט. אויסער די באשיידענע פּענסיע, וואָס ער האָט באקומען אלס געוועזענער הויפקאַפּעלמייסטער, פלעגט ער נאָך אלץ פארדיענען קלענערע סומען געלט פון שטונדען געבען און פאר׳ן אָנשטעלען די קלאווירען. דעם גרעסטען טייל דערפון פלעגט ער אריינשפּארען דער שנור, וועמעס דחקות ער האָט גוט געזעהן, כאָטש זי פלעגט זיך פלייסען עס פון איהם צו באהאלטען. לואיז׳ען האָט שטאַרק געקריינקט, וואָס ער ענטזאָגט זיך אזוי פיעל צוליעב איהר. נאָך מעהר איז עס געווען א גרויסער פארדיענסט פון אלטען, ווייל ער איז שטענדיג געוועזען געוואָהנט צו לעבען ברייטלאָך און האָט געהאט גרויסע באדירפנישען. אָפּטמאָל זיינען די קרבנות אויך געווען ניט גענוג, און זשאן־מישעל פלעגט מוזען שטילערהייט פארקויפען א שטיק מעבעל, א בוך, אָדער עפּעס א מתנה, כדי צו קענען באצאָהלען א דריקענדען חוב.

מעלכיאָר האָט באַמערקט, אַז דער אַלטער מאַכט לואיזען שטילערהייט מתנות, און אַפּט פּלעגט ער אויף דעם ארויפ־לעגען א האַנט, ניט קוקענדיג אויף איהרע פּראָטעסטען. אבער ווען דער אַלטער פּלעגט זיך דערוויסען דערפון, — ניט פון לואיזען, וואָס האָט איהר צער ביי זיך געהאַלטען, נאָר פון איינעם פון די אייניקלאַך — פּלעגט ער אריינפאַלען אין שרעקליכען צאָרן; און צווישען די צוויי מענער פּלעגען פאָר־קומען סצענעס, פון וועלכע אַלע פּלעגען פאַרציטערטע ווערן.ביידע זיינען געוועזען אויסערגעוואוינליך היציג; זיי פּלעגען באַלד זיך ארויפוואַרפען איינער אויף דעם אַנדערן מיט גע־שרייען, און סטראַשונקעס; און עס פּלעגט האַלטען זאָגאר ביי קלעפּ. אבער אפילו אין מיטען פון זיין גרעסטען צאָרן פּלעגט מעלכיאָר דאָך ניט קענען פאַרגעסען אַז זיין טיעפען רעספּעקט צום אַלטען; און, ווי שכור ער פּלעגט ניט זיין, פּלעגט ער סוף כל סוף דאָך איינבויגען דעם קאָפּ אונטער דעם האָגעל פון באַשולדיגונגען און באַליידיגונגען, מיט וועל־כע דער פאַטער פּלעגט איהם פאַרוואַרפען. דאָך ניט קוקענ־דיג אויף דעם, פּלעגט ער לויערן אויף א צווייטע געלעגענ־הייט כדי פון דאָס ניי דאָסזעלבע אָנצוהויבען; און זשאַן מישעל האָט מיט גרוים צער און מורא געטראַכט וועגען דער צוקונפט.

— „מיינע אָרימע קינדער“ — פּלעגט ער זאָגען צו לואיזען — „וואָס וועט ווערן פון אייך, ווען איך וועל מעהר ניט זיין!“...

„צום גליק“ — פּלעגט ער צוגעבען, צערטלענדיג קריס־טאָף'ן — „האַלט איך זיך נאָך אויף די פיס, ביז אַט ד ע ר וועט אייך ארויסציהען פון זומפּ“.

אָבער ער האָט א טעות געהאַט אין חשבון; ער איז

שוין געווען ביים ענד פון זיין וועג. קיינער האָט עס ניט פאַראויסגעזעהן. כאָטש שוין אריבער שמונים, האָט ער נאָך געהאט די גאנצע האָר, א ווייסע גריווע, ערטערווייז נאָך גרויס, און א געדיכטען באָרד, זאָגאר נאָך מיט גאנץ שווארצע פעדים. עס איז איהם אפילו פארבליבען ניט מעהר ווי א דוצענט ציינער; אבער מיט זיי האָט ער קרעפטיג געארבייט. עס איז געווען א פארגעניגען איהם צו זעהן ביים טיש. ער האָט געהאט א געזונטען אפעטיט; און כאָטש ער פלעגט פאַרוואַרפען מעלכיאר'ן, פאר וואָס יענער טרינקט, האָט ער דאָך אליין אויך געהעריג אריינגעגאָסען... ער האָט געהאט א שוואכקייט צו מאָזעל־וויין. איבעריגענס, — וויין, ביער, אַדער עפּעלוויין, ער האָט ניט פארשעמט קיין זאך, וואָס גאָט האָט אזוי פּרעכטיג געשאפען. אבער ער איז ניט געווען אזוי נאַריש, צו לאָזען דעם שכל אין גלאָז; ער האָט געוואוסט ווי צו האלטען מאָס. אמת איז אפילו, אז די מאָס איז געווען א גאנץ ברייטלאכע און אז א שוואכערער קאָפּ וואָלט בלי ספק דערטרונקען געוואָרען אין זיין גלאָז. ער איז געווען שטארק אויף די פיס, האָט געהאט א גוטע ראיה און איז געווען אונערמידליך טעטיג. זעקס אזייגער איז ער שוין געווען אויף די פיס, און האָט מיט גרויס זאָרג געמאכט זיין טואלעט, ווארום ער האָט גרויס געוויכט געלעגט אויף זיין אויסזעהן, און אויף דעם איינדרוק, וואָס זיין פּערזאָן האָט געמאכט. ער האָט געוואוינט איינער אליין אין הויז; האָט אלץ אליין געטאָן פאר זיך, און האָט ניט געקאָנט פארטראַגען, אז זיין שנור זאָל אריינשטעקען די נאָז אין זיינע זאַכען: ער האָט אליין אויפגעראמט דעם צימער, אויפגעקאכט קאַפע, אליין זיך איינגענייט קנעפּלאך, צוגעשלאָגען וואָס מען האָט געדארפט, געפּלעט, פארגייט; און לויפענדיג ארויף

און אראָפּ די טרעפּ, געהענדיג אריין און ארויס פון הויז אין איין העמד, מיט פארקאשערטע ארבעל, האָט ער געהאלטען אין איין זינגען מיט זיין הילכיגער באס שטים, וועלכע ער האָט האָלט געהאט צו לאָזען קלינגען, און באגלייטענדיג די נגונים מיט העויות, ווי אין אָפּערא. — נאָכהער פלעגט ער פארלאָזען די הויז אין יעדען וועטער. ער פלעגט באזארגען אלע זיינע געשעפטען, ניט פארגעסענדיג אָן קיין איינציגס פון זיי; ער איז אבער זעלטען ווען געווען פּינקטליך: מען פלעגט איהם באגעגענען אויף אלע גאסען־עקען, זיך אונטער־האלטענדיג מיט עפּעס א באקאנטען, אָדער זיך חכמה׳נדיג מיט עפּעס א שכנה, וועמעס געזיכט עס איז איהם פארגע־קומען באקאנט; ווארום ער האָט האָלט געהאט יונגע, שעה־נע מיידלאך און די אלטע פריינד. אָט אזוי פלעגט ער זיך פארשפּעטיגען, און האָט קיין מאָל ניט געוואוסט, ווי פיעל דער זייגער איז. דאָך אָן די צייט פון מיטאָג עסען האָט ער קיינמאָל ניט פארגעסען: ער פלעגט עסען דאָרט, וואו ער האָט זיך געפונען, זיך איינלאדענדיג ביי וועמען עס איז. צו־ריק אהיים פלעגט ער קומען ערשט שפּעט אין אָוונט, אין דער פינסטערניש פון דער נאכט, נאָך דעם ווי ער האָט לאנג געהאט פארבראכט ביי זיינע אייניקלאך. ער פלעגט זיך אוועקלעגען און דורכלייענען א זייטעל פון זיין אלטען תנ״ך, איידער ער פלעגט צומאכען די אויגען; און ביינאכט — ווארום מעהר ווי א שעה — צוויי נאָך אנאנד האָט ער קיינמאָל ניט געשלאָפען — פלעגט ער זיך אויפהויבען, כדי צו נעהמען איינעם פון זיינע אלטע ספרים, וואָס ער האָט געקויפט וואָלוועל ביי געלעגענהייטען: היסטאָריע, פרומע ספרים, ליטעראטור, וויסענשאפט; ער פלעגט דורכלייענען א פּאָר זייטען, וואָס ער האָט צופעליג אויפגעמישט און וואָס

האבען איהם אי אינטערעסירט, אי געלאנגוויילט, ווייל ער האט אפט ניט אין גאנצען פארשטאנען, דאך אין זיך אויפגענומען ווארט פאר ווארט, ביז... ער פלעגט ווידער איינשלאפען. — זונטאג פלעגט ער געהן אין קירך, שפא־צירען מיט די קינדער און שפיעלען פילקעס. — ער איז קיין מאל קראנק ניט געווען, מיט אויסנאהם פון אביסעל פא־דאגרא אין די פינגער פון די פיס, וואס פלעגט כאפען ביי־נאכט, אין מיטען פון לייענען דעם תנ"ך און ארויסרופען ביי איהם קללות. עס האט באמת אויסגעזעהן, אז ער וועט אויף אזא אופן קענען ווערן הונדערט יאהר אלט; און ער אליין האט ניט געזעהן קיין אורזאך, פאר וואס ער זאל ניט דער־ציהען נאך לענגער. ווען מען פלעגט איהם זאגען נביאות, אז ער וועט שטארבען א הונדערט יעהריגער זקן, פלעגט ער טראכטען, ווי איינער א באריהמטער זקן פאר איהם, אז מען דארף קיין גרעניץ ניט מאכען פאר די חסדים פון כול־יכול. אז ער ווערט אלט, האט מען נאר געקאנט מערקען פון דעם, וואס ער איז מיט יעדען טאג געווארען אלץ מעהר לייכט אויף טרערען און אלץ מעהר גיך אויפגעקאכט. די קלענסטע אונגעדולד האט ביי איהם גענומען ארויסרופען אן אויסברוך פון א משוגענעם צארן. זיין רויטער פנים און זיין קורצער האלז פלעגען דערביי ווערן רויט ווי פייער. ער פלעגט אנהויבען שווידערליך צו שטאמלען, און פלעגט מוזען זיך אפשטעלען, ווייל עס פלעגט איהם שטיקען. דער הויזדאקטאר, זיינער אן אלטער פריינד, האט איהם געגעבען אן עצה: צו זיין פארזיכטיגער און איינגעהאלטענער, סאי אין זיין כעס, און סאי אין זיין אפעטיט. אבער, איינגעשפארט ווי אלטע לייט זיינען בכלל, איז ער נאך מעהר ניט פארזיכ־טיג געווען פון באריהמעריי; און האט חוזק געמאכט פון

מעדיצין און דאָקטוירים. ער האָט זיך געפּלייסט צו ווייזען, אַז ער האָט גרויס פאַראַכטונג צום טוידט, און האָט ניט גע־זשאַלעוועט קיין רייד צו באַווייזען, אַז ער האָט פאַר'ן טוידט קיין שום מורא ניט.

עס איז געווען אין א זעהר הייסען זומערטאָג. נאָך דעם ווי ער האָט שטאַרק אַרייַנגעגאָסען און זיך אָנגעהיצט דאָרט אונטען, ביים מארק, איז ער געקומען אהיים און גענומען אר־בייטען אין גאַרטען. ער האָט האַלט געהאַט ארומצוגראַבען בייטען. מיט א הוילען קאָפּ אונטער דער ברענענדיגער זון, נאָך אויפגערעגט פון די וכוחים, האָט ער מיט היץ געגראַ־בען. קריסטאָף איז געזעסען אין שאָטען מיט א בוך אין האנט; ער האָט אבער ווייניג וואָס געלייענט; ער האָט גע־חלום'ט, זיך צוהערענדיג צו דעם איינשלעפערנדיגען פּיש־טשענען פון גריל, און האָט מעכאַניש נאָכגעקוקט דעם זיי־דענס באַוועגונגען. דער אַלטער האָט זיך אויסגעדרעהט צו איהם מיט'ן רוקען, האָט זיך איינגעבויגען, און האָט אויסגע־ריסען די ווילדע גראָזען. פּלוצלונג האָט קריסטאָף דערזעהן, ווי ער הויבט זיך אויף, קלאַפּט מיט די הענט אין דער לופט, און פאַלט אנידער ווי א סנאָפּ מיט'ן פּנים צו דער ערד. דעם ערשטען אויגענבליק האָט ער געהאַט חשק צו לאַכען. אבער דערזעהענדיג, אַז דער אַלטער ריהרט זיך ניט, האָט ער איהם גענומען רופען, איז צוגעלאָפען צו איהם, און איהם גענומען טרייסלען מיט אַלע כחות. אַן אימה איז איהם באַ־פאַלען. ער האָט זיך געשטעלט אויף די קניע, און האָט גע־פּרובירט מיטביידע הענט אויפהויבען פון דער ערד דעם גרויסען קאָפּ. דער קאָפּ איז געווען אזוי שווער און ער אליין האָט אזוי געציטערט, אַז נאָר מיט גרויס מאַטערניש האָט ער געקאָנט איהם אויפהויבען. אבער ווען ער האָט דערזעהן די

אויסגעדרעהטע אויגען, וואס זיינען געהאנגען אין קאפ וויי־
סע און פארלאפענע מיט בלוט, איז ער פארגליווערט גע־
ווארען פון שרעק, און האט איהם אראפגעלאזען מיט א שוי־
דערליכען געשריי. ער האט זיך אויפגעהויבען א פארציטער־
טער, און זיך א לאז געטאן לויפען אויפ'ן גאס. ער האט גע־
שריען און געוויינט. א פארבייגעהער האט איהם אפגעהאל־
טען; אבער קריסטאף איז ניט געווען בכח אויסצורייידען א
ווארט; ער האט אנגעוויזען אויפ'ן הויז; יענער איז אריין;
און קריסטאף איז איהם נאכגעגאנגען. אנדערע האבען דער־
הערט זיינע קולות, און זיינען צונויפגעלאפען פון די שכנ'י־
שע הייזער. באלד איז דער גארטען געווען פול מיט מענ־
שען. מען האט צוטראטען די בלומען, מען האט זיך ארוי־
בערגעבויגען איבער'ן אלטען, מען האט געיאמערט. צוויי־
דריי לייט האבען איהם אויפגעהויבען. קריסטאף איז גע־
בליבען שטעהן ביים אריינגאנג, אומגעקעהרט צום מויער,
און האט באהאלטען זיין פנים אין די הענט; ער האט מורא
געהאט צו קוקען; ער האט אבער ניט געקאנטביישטעהן
דעם נסיון; און ווען דער עולם איז פארביי פאר איהם, האט
ער דורכגעקוקט דורך די פינגער, און דערזעהן דעם אלטענס
גרויסען קערפער, וואס איז אראפגעהאנגען אהן שום לע־
בען אין זיך; איין ארעם האט זיך געשלעפט אויף דער
ערד; דער קאפ, אנגעשפארט אן די קניע פון א טרעגער,
האט זיך געשאקעלט ביי יעדען טריט אהין און אהער: דער
פנים איז געווען פארבלוטיגט און מיט שראמען באדעקט,
דער מויל אפען, און די אויגען שרעקליך. ער האט ווידער
ארויסגעלאזען א קלאג־געשריי, און האט גענומען לויפען. ער
איז געלאפען, ווי מען וואלט זיך געיאגט נאך איהם, זיך ניט
אפשטעלענדיג, ביז ער איז געקומען צו דער מוטערס הויז.

ער האָט זיך ארייגעכאַפּט אין קיך מיט אַ שרעקליכען געשריי. לואיזע האָט געריינינגט גרינסען. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איהר, און האָט איהר ארומגענומען מיט פאַרצווייפלונג, אזוי ווי ער וואָלט געזוכט, אז זי זאָל איהם ראַטעווען. זיין פּנים האָט געציטערט קאָנוואולסיוו, און ער האָט קוים געקאָנט ריידען. אבער שוין פון ערשטען וואָרט האָט זי פאַרשטאַנען. זי איז געוואָרען אין גאַנצען בלאַס, האָט געלאָזען פאַלען אלץ, וואָס זי האָט געהאַט אין האַנט און, אָהן איין וואָרט, האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן פון הויז.

קריסטאָף איז געבליבען אליין אין צימער, איינגעקאַרטשעט לעבען אלמער, און האָט ווייטער געוויינט. זיינע ברידער האָבען זיך געשפּיעלט. ער האָט זיך ניט אָפּגעגעבען קיין גענויען חשבון, וואָס עס איז געשעהן; ער האָט ניט געטראַכט וועגען זיידען; ער האָט נאָר געטראַכט וועגען די שרעקליכע בילדער, וואָס ער האָט אקאָרשט געזעהן, און ער האָט געציטערט פאַר דעם געדאַנק זיי ווידער צו זעהן, וויעדער צו דאַרפען געהן אהין.

און באמת, פאַרנאַכט, בעת די אנדערע קליינע האָבען אנגעהויבען צו כניקען, נאָך דעם ווי זיי האָבען אַ גאַנצען טאָג איבערגעקעהרט די שטוב קאַפּויער, אפּטועענדיג אַלערליי מחזקות, אז זיי איז אומעטיג און אז זיי זיינען הונגעריג, איז לואיזע געקומען צו לויפען, האָט זיי גענומען פאַר די הענט און אוועקגעפיהרט צום זיידען. זי איז געגאַנגען זעהר גיך, און ערנסט און רודאָלף האָבען אָנגעהויבען צו בורטשען, ווי דער שטייגער איז; דאָך לואיזע האָט זיי געהייסען שווייגען אין אזא טאָן, אז זיי זיינען אנטשוויגען געוואָרען. אינסטינקטיוו איז אַ שרעק אויף זיי באַפאַלען: ווי נאָר זיי זיינען אריין אין הויז, האָבען זיי גענומען וויינען. עס איז נאָך

ניט געווען אין גאנצען פינסטער. דער לעצטער שימער פון דער פאָרגעהענדער זון האָט באלויכטען משוגה'דיגע אפּשפּיגלונגען אינעווייניג אין הויז — אויפ'ן הענטעל פון טיר, אויפ'ן שפּיגעל, אויף דער פידעל, וואָס איז געהאנגען אויפ'ן וואנט פון ערשטען האלב־פינסטערן צימער. אבער ביים אלטען אין צימער האָט געברענט א ליכט, וועמעס פינקעלדיגער פלאם האָט זיך צוזאמענגעשטויסען מיט דעם בלאסען שיין פון אָפּשטארבענדען טאָג, מאכענדיג נאָך מעהר דריקענד דעם שווערען שאטען פון צימער. לעבען פענסטער איז געזעסען מעלכיאר און האָט הויך געוויינט: דער דאָקטאר איז געווען אריבערגעבויגען איבער'ן בעט און ניט געלאָזען זעהן, וואָס דאָרט ליעגט. קריסטאָף'ס הארץ האָט געקלאפּט ווי צום צופּלאצט ווערן. לואיזע האָט באפוילען די קינדער זיך צו שטעלען אויף די קניע ביים ברעג פון בעט. קריסטאָף האָט ריזיקירט א קוק צו טאָן. נאָך דער סצענע ביי טאָג, האָט ער ערווארט צו זעהן עפּעס אזוינס שרעקליכעס, אז ער האָט דעם ערשטען אויגענבליק דערפיהלט כמעט א דערלייכטערונג. דער זיידע איז געלעגען ניט ריהרענדיג זיך, און עס האָט אויסגעזעהן ווי ער וואָלט שלאָפען. דאָס קינד האָט אויף א מינוט געהאט דעם איינדרוק, אז דער זיידע איז געזונט געוואָרען, און אז אלץ איז פארביי. אבער, ווען ער האָט דערהערט זיין שווערען אָטעם, און ווען זיך צוקוקענדיג נאָהענטער, האָט ער דערזעהן זיין געשוואָלענעם פּנים, אויף וועלכען עס איז געווען א גרויסער, א בלויער פלעק פון פאל: ווען ער האָט פארשטאַנען, אז דער, וואָס ליעגט דאָרט האלט ביים שטארבען, האָט ער אָנגעהויבען צו ציטערן; און נאָכזאָגענדיג הויך לואיזעס תפלה, אז דער זיידע זאָל געזונט ווערן, האָט ער דאָך טיעף אין הארצען

מתפּלל געווען, אַז אויב דער זיידע קען ניט געזונט ווערן, זאָל ער בעסער שוין שטאַרבען. ער האָט מורא געהאַט פאַר דאָס, וואָס דאַרף נאָך פאָרקומען.

נאָך דעם פאַל איז דער אַלטער שוין מעהר צו זיך ניט געקומען. נור איין אויגענבליק האָט אַ ליכט זיך באַוויזען אין איהם, לאַנג גענוג, ער זאָל פאַרשטעהן אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד ער געפינט זיך — און דאָס איז געווען שרעקליך. דער גלח האָט איבער איהם ודוי געזאָגט; מען האָט דעם אַל־טען אויפגעהויבען אין זיין קישען; ער האָט שווער געעפענט די אויגען, וועלכע האָבען קוים געפאָלגט זיין ווילען; ער האָט מיט גערויש געאָטעמט, האָט באַטראַכט די סביבה, די פּנים'ער, די ליכט, ניט פאַרשטעהענדיג, וואָס דאָ טוט זיך; און, פּלוצלונג, האָט ער געעפענט דעם מויל; אַן אונבאַשרייב־ליכער שוידער איז געווען אויסגעמאָלט אויף זיין פּנים:

— „הייסט עס — האָט ער געשטאַמעלט — „הייסט עס — איך שטאַרב!“...

דער שוידערליכער טאָן פון קול האָט זיך דורכגעגראָבען דורך קריסטאָף'ס האַרץ; קיין מאָל אין לעבען האָט ער דעם קול ניט געקאָנט אויסמעקען פון זיין זכרון. דער אַלטער האָט שוין מעהר ניט גערעדט; ער האָט געקרעכצט ווי אַ קליין קינד. נאָכהער איז ער ווידער אריינגעפאַלען אין אַ באַטויב־בונג, האָט אָבער נאָך שווערער געאָטעמט, האָט געיאָמערט, געצאַפּעלט מיט די הענט, און עס האָט אויסגעוויזען, אַז ער ווערט זיך גענען טוידט־שטראָף. אין זיין האַלב־באַוואוסטען צושטאַנד האָט ער איינמאָל אויסגערופען: „מאַמע!“

אָ, אָט דער שרעקליכער איינדרוק! דאָס שטאַמלען פון אַלטען מאַן, וואָס האָט פון שרעק זיין מאַמען גערופען, פּונקט ווי קריסטאָף אַליין וואָלט עס געטאָן, — זיין מאַמען, פון

וועלכער ער האָט קיין מאָל אין זיין לעבען ניט געהערט, און צו וועלכער ער האָט איצט זיך אינסטינקטיוו געווענדעט:
דער העכסטער אבער אומזיסטער שוץ אין העכסטען שרעק!...
עס האָט אויסגעוויזען ווי ער וואָלט איין מינוט זיך בארו־היגט; נאָך איינמאָל האָט דאָס באוואוסטזיין א פינקעל גע־טאָן. זיינע שווערע אויגען, וועמעס שוואַרץ־אַפּעל האָבען אויסגעזעהן זיך ארומצודרעהען צוועקלאָז, האָבען אָנגעטראָ־פען דעם קליינעם, וואָס איז געווען פאַרגליווערט פון שרעק. זיי האָבען זיך אָנגעצונדען. דער אַלטער האָט געמאכט אַן אָנשטרענגונג צו שמייכלען און צו ריידען. לואיזע האָט גע־נומען קריסטאָף'ן און איהם צוגעפיהרט צום בעט. זשאַן מי־שעל האָט געשאָקעלט מיט די ליפּען, און געזוכט איהם א גלעט צו טאָן מיט דער האנט, אָבער באלד איז ער ווידער אריינגעפאלען אין זיין באטויבונג. דאָס איז געווען דער סוף.

מען האָט די קינדער אוועקגעשיקט אין צווייטען צי־מער; אבער עס איז געווען צו פיעל צו טאָן, אַז מען זאָל זיך פארנעהמען מיט זיי. קריסטאָף, צוגעצויגען פון שרעק, האָט דורכגעקוקט דורך די האלב אָפענע טיר, און האָט דערזעהן דעם שוידערליכען פּנים, וואָס איז געלעגען צוריקגעוואָרפען אויפ'ן קישען, צושמעטערט פון שרעקליכען דרוק, וואָס האָט איהם דעם האלז צוזאמענגעשנורעוועט... דעם פּנים, וואָס איז פון מינוט צו מינוט אַלץ מעהר איינגעפאלען... אָט דאָס פארזונקען ווערן פון דעם זיין אין נישט־זיין, וואָס האָט אויס־געוויזען איהם אויסצוזויגען ווי א פּאָמפּע; דאָס שוידערליכע גסיסה־כאָרכלען, דאָס מעכאַנישע אָטעמען, וואָס איז עהנ־ליך צו לופט־בלעזלאך, וואָס פּלאַצען אויף דער אויבערפלעך פון וואסער; די לעצטע אָטעמצוגען פון א גוף, וואָס מאָ־

טערט זיך נאָך צו לעבען בעת די נשמה איז שוין ניטאָ מעהר...
— נאָכהער האָט דער קאָפּ זיך אַראָפּגעגליטשט אַן דער זייט פון קישען, און אַלץ איז געוואָרען שטיל.

ערשט אין עטליכע מינוט ארום, אין מיטען פון דער לויפעניש, תפלות און צורודערטקייט, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען דורכ'ן טוירט, האָט לואיזע באמערקט דעם אינגעל, ווי ער איז געשטאַנען א טויט־בלאסער, מיט אַן אָפענעם מויל, מיט אויסגעשטאַרצטע אויגען, זיך האַלטענדיג צוגעדריקט קאַנוואולסיוו אַן דער קלאַמקע פון טיר. זי איז צוגעלאָפען, צו איהם, און אין איהרע הענט איז א קריזיס באַפאַלען אויף איהם. זי האָט איהם אַוועקגעטראַגען אין זיין צימער. ער איז אריינגעפאַלען אין חלשות. צו זיין באַוואוסטזיין איז ער געקומען ערשט שפּעטער, ליגענדיג ביי זיך אין בעט, האָט שרעקליך געשריען, ווייל מען האָט אויף איין מינוט איהם געלאָזען אליין, איז אריינגעפאַלען אין א נייעם קריזיס און ווידער אין חלשות. די לעצטע שעה פון דער נאַכט און דעם אנדערן פאַרמיטאַג איז ער געלעגען אין היץ. צום סוף האָט ער זיך בארוהיגט, און אין דער צווייטער נאַכט איז ער אריינגעפאַלען אין א טיעפען שלאָף, וואָס האָט אָנגעהאַלטען ביז אויף מאָרגען בייטאָג. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אז מען געהט ארום אין צימער, אז די מוטער האָט זיך אריבערגעבויגען איבער זיין בעט און איהם א קוש געטאָן; איהם האָט זיך געדאַכט, אז פון דער ווייטענס הערט ער דאָס זיסע קלינגען פון גלאָקען. אבער ער האָט ניט געוואָלט זיך ריהרען; ער איז געווען ווי אין א חלום.

ווען ער האָט געעפענט די אויגען, איז דער פעטער גאָטפריעד געזעסען לעבען איהם. קריסטאָף האָט זיך געפיהלט ווי צובראָכען, און האָט אַן קיין זאַך זיך ניט דערמאָנט.

נאָכהער האָט דער זכרון ערוואכט אין איהם, און ער האָט אנגעהויבען צו וויינען. גאָטפריעד האָט זיך אויפגעהויבען און איהם א קוש געטאָן.

— „נו, מיין קליין קינד, נו?“ — האָט ער צערטליך א זאָג געטאָן.

„אך! פעטער, פעטער!“ — האָט דאָס קינד געיאָמערט און זיך צוגעדריקט צו איהם.

— „וויין!“ — האָט גאָטפריעד געזאָגט — „וויין!“

ער אליין האָט אויך געוויינט.

ווען קריסטאָף האָט זיך דערפיהלט אביסעל לייכטער, האָט ער אויסגעווישט די אויגען און א קוק געטאָן אויף גאָטפריעד'ען. גאָטפריעד האָט באמערקט, אז ער וויל איהם עפּעס וואָס פרעגען.

— „ניין“ — האָט ער א זאָג געטאָן, אוועקלעגענדיג דעם פינגער אויפ'ן מויל — „ניט ריידען. וויינען איז גוט, ריידען איז שלעכט.“

דאָס קינד האָט אבער ניט נאָכגעלאָזען.

— „דאָס וועט ניט העלפען.“

„נאָר איין פראגע, איין איינציגע“!...

קריסטאָף האָט זיך געשלאָגען מיט דער דעה.

„אך, פעטער“ — האָט ער ענדליך א פרעג געטאָן — „וואו איז ער איצט“?

גאָטפריעד האָט געענטפערט:

„ער איז ביי גאָט דעם האר, מיין קינד.“

אבער דאָס האָט קריסטאָף גאָר ניט געוואָלט וויסען.

„ניין, דו פארשטעהסט מיך ניט: וואו איז ע ר, ע ר?“

(ער האָט געוואָלט זאָגען: דער גוף.)

מיט א ציטערנדיגען קול האָט ער ווייטער גערעדט:
„איז ער נאָך אַלץ אין דער הײם"?

„היינט אין דער פריה האָט מען אונזער טייערן אַלטען מקבר געווען" — האָט גאָטפריעד געזאָגט — „האָסטו ניט געהערט די גלאָקען?"

קריסטאָף האָט זיך געפיהלט דערלייכטערט. באַלד האָט ער אבער ווידער אָנגעהויבען ביטער צו וויינען, פאַר וואָס ער וועט מעהר שוין קיינמאָל ניט זעהן דעם טייערן זיידען.

— „ארימער, קליינער נפש'ל!" — האָט גאָטפריעד א פאָר מאָל איבערגע'חזר'ט, באַטראַכטענדיג דאָס קינד מיט רחמנות.

קריסטאָף האָט געוואַרט, אַז גאָטפריעד זאָל איהם אָנ־הויבען טרייסטען; אבער גאָטפריעד האָט עס אפילו ניט גע־פּרובירט, ווייסענדיג, אַז דאָס איז נוצלאָז.

„פעטער גאָטפריעד!" — האָט דאָס קינד א פרעג גע־טאָן — „האָסטו גאָר קיין מורא ניט פאַר דעם?"

(וואָס וואָלט ער ניט געגעבען, אויב גאָטפריעד וואָלט ניט מורא געהאַט, און איהם אויך אויסגעלערנט דעם סוד!)
אָבער גאָטפריעד איז געוואָרען אונרוהיג.

— „שוויינ!" האָט ער א זאָג געטאָן מיט א דערשראָ־קענעם קול.

— „ווי אזוי זאָל מען ניט האָבען קיין מורא" — האָט ער געזאָגט אין א ווייַלע ארום — „אבער וואָס קען מען טאָן? עס איז שוין אזוי. מען מוז זיך אונטערגעבען".

קריסטאָף האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אַלס פּראָטעסט.

— „מען מוז זיך אונטערגעבען, מיין קינד" — האָט גאָטפריעד איבערגע'חזר'ט—„ע ר, וואָס זיצט אויבען, האָט עס געוואָלט. מיר מוזען ליעב האָבען, וואָס ע ר וויל!"

„איך האַס איהם" — האָט קריסטאָף זיך אָפּגערופען

מיט כעס, סטראשענדיג דעם הימעל מיט זיין קליינעם פויסט:

גאָטפריעד, א צושראָקענער, האָט איהם געהייסען שווייגען. קריסטאָף אליין האָט זיך דערשראָקען פאר דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, און האָט אָנגעהויבען, צוזאמען מיט גאָטפריעד'ן, צו זאָגען תפלה. אבער טיעף ביי איהם אין הארצען האָט געקאָכט; און בעת ער האָט נאָכגעזאָגט די ווערטער פון בלינדער געהאָרכזאמקייט און אונטערגעבענקייט, האָט ער טיעף אין זיך געהאט נאָר א געפיהל פון ליידענשאפטליכען בונט און שרעק געגען יענע העסליכע בריאה, געגען יענע משונה'דיגע עפעס, וואס האָט געקאָנט אזוינס שאפען.

טעג און רעגענדיגע נעכט ציהען זיך, געהען פאַרביי איבער די פריש־אַנגעשאָטענע ערד, וואו עס ליעגט טיעף, פון אַלעמען פאַרלאָזען, דער אָרימער אַלטער זשאַן מישעל. אַ קורצע צייט האָט מעלכיאָר פיעל געוויינט, געשריען, געכלי־פּעט. אבער נאָך איידער די ערשטע וואָך איז פאַריבער, האָט קריסטאָף איהם געהערט לאַכענדיג פון פולען האַרצען. ווען מען פלעגט פאַר איהם דערמאָנען דעם נאָמען פון פאַרשטאָר־בענעם, פלעגט ער מאַכען אַ טרויעריגע מינע; אבער אַ־ין אַ מינוט אַרום פלעגט ער ריידען און מאַכען העוויות מיט התלהבות. ער האָט באמת צער געהאַט, אבער ער האָט ניט געקאָנט לאַנג בלייבען אונטער אַ טרויעריגען איינדרוק.

לואיזע האָט שטיל און אונטערטעניג אויפגענומען דעם אונגליק, ווי זי האָט אַלץ אויפגענומען. צו איהרע טעגליכע תפלות האָט זי צוגעגעבען נאָך אַ נייע; זי געהט רעגעלמע־סיג אויפ׳ן בית־עלמין, און זאָרגט פאַר׳ן קבר, אַזוי ווי דער קבר וואָלט געהערט צו איהר בעל־הבית׳ישקייט.

גאָטפריעד ווייזט אַרויס אַ ריהרענדע אויפמערקזאַמ־קייט צו דעם שטיקעל ערד, וואו דער אַלטער ליעגט. ווען ער קומט אין יענער געגענד, ברייננגט ער מיט זיך מיט עפּעס אַן אָנדענקען: אַ צלם, אַליין אויסגעשניטען, אָדער אַ פּאָר בלו־מען, וואָס דער אַלטער זשאַן מישעל האָט האָלט געהאַט. ער פאַרפעהלט עס קיינמאָל ניט, אפילו ווען ער איז נאָר עטליכע שעה אין שטאָדט; אבער ער טוט עס באהאַלטענער־הייט.

לואיזע נעהמט אָפּט מיט קריסטאָף'ן, ווען זי באזוכט דעם בית עלמין. קריסטאָף פיהלט א שטארקען עקעל צו דער פעטער ערד, וואָס איז באקליידעט מיט א טרויעריגער ציער־רונג פון בלומען און בוימער; אויך פון דעם שווערען ריח, וואָס שוועבט ארום אין דער לופט, און מישט זיך דורך מיט דעם הויך פון די ציפּרעסען. אבער ער האָט ניט קיין העזה פאר ווען עס איז זיך מודה צו זיין אין זיין ווידערווילען, ווייל ער אליין ווארפט זיך פאר, אז דאָס איז א פייגהייט און זינד. ער איז זעהר אונגליקליך. דער געדאנקען וועגען זיי־דענס טויט פארפאָלגט איהם אָהן אן אויפהער. עס איז שוין אפילו זעהר לאנג, זינט ער וויים, וואָס עס איז אזוינס דער טויט, זינט ער טראכט וועגען דעם און האָט מורא פאר דעם. אבער ער האָט נאָך קיינמאָל דעם טויט ניט געזעהן; און ווער עס זעהט דעם טויט צום ערשטען מאָל, באמערקט דאמאָלט, אז ער האָט פריהער גאָר גאָר ניט געוואוסט מכח לעבען און טויט. אלץ ווערט מיט אמאָל אויפגעטרייסעלט, און וויפיעל שכל מען האָט, נוצט גאָר ניט. מען דענקט, אז מען לעבט, און מען האָט לעבענסערפאהרונג: און מען זעהט מיט אמאָל, אז מען האָט גאָר ניט געוואוסט; מען זעהט, אז מען האָט גאָר ניט געזעהן, אז מען האָט געלעבט איינגעוויר־קעלט אין א שלייער פון אילוזיעס, אויסגעוועבט פון גייסט, וואָס האָט פארשטעלט פון די אויגען דעם שרעקליכען בילד פון דער ווירקליכקייט. עס איז ניטאָ קיין פארבינדונג צווי־שען דער אידעע וועגען ליידען און יענעם באשעפעניש, וועד מעם הארץ עס ליידעט און בלוטיגט. עס איז גאָר ניט פאראַן קיין באציהונג צווישען דעם געדאנק וועגען טויט און יענע קאָנוואולסען פון פלייש און נשמה, וואָס שטעלען זיך אנט־קעגען טויט און וואָס שטארבען דאָך. די גאנצע מענשליכע

שפּראַך און אונזער גאַנצע מענשליכע חכמה זיינען נאָר אַ שפּיעל פון ליאַלקעס נאָך דער טרויעריגער ענטדעקונג פון דער שרעקליכער ווירקליכקייט — ווענען די עלענדע באַשעפעני־שען פון פלייש און בלוט, ווענעם גאַנצע אומזיסטע, פאַר־צווייפעלטע אַנשטרענגונג עס ווערט אוועקגעגעבען אַנצו־האַלטען דעם לעבען, וואָס האַלט אין פוילען פון שעה צו שעה.

אַט ווענען דעם האָט קריסטאָף געטראַכט טאָג און נאַכט. די זכרונות אַן דער גסיסה האָבען איהם פאַרפאָלגט: ער האָט געהערט דאָס שרעקליכע כאַרכלען. נאַכט פאַר נאַכט פלעגט דער זיידע זיך איהם באַווייזען. די גאַנצע נאַטור האָט זיך געענדערט. עס האָט אויסגעוויזען, ווי אַן אייזיגער נעבעל האָט זיך איבער איהר פאַרצויגען. אַרום און אַרום, איבעראַל וואו ער האָט זיך נאָר געקעהרט, האָט ער אויף זיין פּנים געפיהלט דעם מערדערישען הויך פון דער בלינדער און אַלמעכטיגער בעסטיע; ער האָט זיך געפיהלט אונטער דעם פויסט פון אַט דער צושטערענדער קראַפט, געגען וועלכע מען קען קיין זאַך ניט טאָן. אָבער אַנשטאַט איהם צוצוברעכען, האָט דער געדאַנק איהם אָנגעפילט מיט פּראָטעסטען און האַס. ער האָט זיך ניט אונטערגעגעבען. ער האָט זיך גע־וואָרפען מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ געגען דאָס אונמעגלי־כע; ער האָט אפילו געמענט ברעכען דעם קאָפּ און זיך אי־בערציינען, אַז ער איז ניט דער שטאַרקערער. ער האָט אבער ניט אויפגעהערט זיך צו בונטעווען געגען דאָס ליידען. פון איצט אָן איז זיין לעבען געוואָרען אַ שטענדיגער קאַמפּף גע־גען די גרויזאַמקייט פון שיקזאַל, וועלכע ער האָט ניט גע־קאָנט דערלאָזען.

פון אַט דער גערדאנקען־מאטערניש האָט דאָס עלענד פון לעבען גופא איהם אפגעווענדעט. דאָס חרוב־ווערן פון דער פאמיליע, וואָס זשאן־מישעל אליין האָט צוריקגעהאלטען, איז איצט, נאָך זיין טויט, אָנגעגאַנגען מיט א באזונדערער שנעל־קייט. אין אלטען האָבען די קראפטס פארלאָרען זייער שטארקסטע שטיצע; און דאָס עלענד האָט זיך איצט אריינגע־קליבען אין הויז.

מעלכיאָר האָט נאָך מיטגעהאָלפען אין דעם. אנשטאָט מעהר צו ארבייטען, האָט ער זיך איצט, ווען עס איז ניט געבליבען, ווער עס זאָל איהם צוריקהאלטען, זיך אין גאנ־צען אריינגעלאָזען אין שכרות. כמעט יעדע נאכט פלעגט ער קומען אהיים א שכור'ער, און קיין מאָל האָט ער ניט מיט־געבראכט וואָס עס איז פון זיין פארדיענסט, ועל כולם האָט ער פארלאָרען כמעט אלע זיינע שטונדען. איין מאָל איז ער געקומען צו א שילערין טויט־שכור: דער סוף פון דעם סקאנ־דאל איז געווען, וואָס אלע הייזער זיינען פאר איהם געוואָרען פארמאכט. אין אָרקעסטער האָט מען איהם געהאלטען נאָר צוליעב דעם אָנדענקען אַז זיין פאָטער; אבער לואיזע האָט געציטערט יעדען טאָג, אז מען זאָל איהם ניט משלח זיין נאָך עפּעס א סקאנדאל. מען האָט איהם שוין גאנץ ערנסט מתרה געווען; אין געוויסע אָווענטען האָט ער זיך געשטעלט ביי זיין שטענדער, ערשט צו ענד פון דער פאָרשטעלונג; צוויי־דריי מאָל האָט ער אינגאנצען פארגעסען צו קומען. און אויף וואָס איז ער ניט געווען קאפאבעל אין די מינוטען פון נאָ־

רישער אויפרעגונג, ווען עס פלעגט איהם ציהען ארויסצורייד־
דען, אָדער אַפּצוטאַן עפּעס א נאַרישקייט! עס איז איהם
איין אַוועגט גאַר אריינגעקומען מיט אמאָל די משוגעת, אין
מיטען פון אן אקט פון ו ו א ל ק י ר ע צו וועלען אויפ־
שפּילען זיין גרויסען פידעל־קאָנצערט! מיט גרויס מאטער־
ניש האָט מען איהם דערפון צוריקגעהאלטען. עס איז שוין
אויך פאָרגעקומען, אז ער האָט זיך פארנאַנדערגעלאַכט הויך
אויפ'ן קול אין רעכטען מיטען פון דער פאָרשטעלונג, אונטער
דעם איינדרוק פון די שפּאסיגע בילדער אויף דער סצענע,
אָדער אין זיין מוח. ער האָט היימלאַך געמאכט זיינע שכנים.
מען האָט איהם פיעל מוחל געווען צוליעב זיין לעבערליכ־
קייט. אבער אזא נאָכגעבעניש איז געווען ערגער ווי די גרעס־
טע שטרייגקייט; און קריסטאָף פלעגט פּלאצען פון שאנד.

דאָס קינד איז איצט געווען דער ערשטער פידלער אין אָר־
קעסטער. ער האָט אזוי זיך איינגעשטעלט, דאָס ער האָט גע־
קאָנט האלטען אן אויג אויפ'ן פאטער, פארנעהמען זיין
פלאץ, און איהם מאכען שווייגען, ווען ער פלעגט זיך פאר־
נאַנדערלאָזען פלוידערן. לייכט איז עס אבער איהם ניט אָנ־
געקומען, און די בעסטע זאך איז געווען זיך צו מאכען ניט
זעהענדיג; ווארום ווי נאָר מעלכיאר פלעגט פיהלען
שכור'ערהייט, אז מען קוקט איהם נאָך, פלעגט ער אָנהויבען
מאכען משונה'דיגע העויות און זיך אריינלאָזען אין גע־
שפּרעכען. קריסטאָף פלעגט אָפּקעהרען דעם בליק. כאָטש ער
פלעגט ציטערן, ער זאָל ניט אָפּטאָן עפּעס א שפּיצעל: ער
פלעגט זיך פלייסען צו פארטיפען זיך אין די נאָטען, אבער
דאָס פלעגט איהם ניט שטערען צו הערען מעלכיאר'ס באַ־
מערקונגען און דעם געלעכטער פון די שכנים. טרעהרען פלע־
גען זיך איהם שטעלען אין די אויגען. די מוזיקאנטען, עהר־

ליבע מענשען, האָבען עס געמערקט און רחמנות געהאַט מיט איהם; זיי האָבען געזוכט איינצוהאַלטען זיך פון לאַכען, און האָבען אויסגעמיידט צו ריידען אין קריסטאָף'ס אַנוועזענ־הייט וועגען זיין פאָטער. אבער קריסטאָף האָט געפיהלט זייער רחמנות. ער האָט געוואוסט, אז ווי נאָר ער קעהרט זיך אָפּ, גערען די לצנות ווייטער אן כסדר, און אז פון מעל־כיאר'ן מאַכט די גאַנצע שטאָדט חוזק.

ער האָט קיין זאַך ניט געקאָנט טאָן עס צו שטערען; און דאָס האָט איהם שטאַרק וועה געטאָן. ער האָט גענומען פיהרען דעם פאָטער אהיים נאָך דער פאָרשטעלונג, האָט איהם געגעבען די האַנט, געלאָזט איהם פּלאַפּלען, און געזוכט צו באַהאַלטען זיינע ניט־פעסטע טריט. אבער וועמען האָט ער גענאַרט דערמיט? ניט קוקענדיג אויף אַלע זיינע אָנ־שטרענגונגען, האָט ער גאַנץ זעלטען געקאָנט דערפיהרען דעם פאָטער ביז צום ציעל. אַנקומענדיג צום עק גאַס, פלעגט מעל־כיאר ערקלערען, אז ער האָט א וויכטיגע צוזאַמענטרעפונג מיט עטליכע פריינד, און קיין טענות האָבען ניט געהאָל־פען איהם צו מאַכען ניט האַלטען זיין אָפּמאַך. עס איז זאָגאַר געווען א סך קליגער ניט פיעל אריינצו'טענה'ן, כדי ניט צו דאַרפען אריבערטראָגען א סצענע פון פאָטערליכע קללות, וואָס פלעגט צוזאַמענרופען די שכנים ביי די פענס־טער.

דאָס גאַנצע געלט פון דער בעל־הבית'ישקייט איז אויף אַזא אופן אוועק. מעלכיאר האָט זיך ניט באַגנוגענט דערמיט, וואָס ער פלעגט פארטרינקען זיין אייגענעם פאַרדינסט; ער פלעגט נאָך פאַרטרינקען, וואָס זיין פרוי און זיין זוהן האָ־בען מיט אַזוי פיעל אַנשטרענגונג פאַרדינט. לואיזע האָט גע־

וויינט; אבער זי האָט ניט געוואגט זיך צו שטעלען אנטקעגען, זינט דער מאַן האָט איהר גאַנץ גראָב דערמאָנט, אַז קיין זאַך אין הויז געהערט ניט איהר. ווארום זי האָט ניט געהאט קיין איין גראָשען, ווען ער האָט מיט איהר חתונה געהאט. קריסטאָף האָט געפּרובירט זיך שטעלען אנטקעגען, אבער מעלכיאָר איז איהם פאַרפאָהרען א פּאַטש, האָט איהם באַהאַנדעלט ווי א גאַסעניונג, און האָט ארויסגעריסען דאָס געלט ביי איהם פון האַנט. דער איינגעל איז דאַמאָלט אַלט געווען צווישען צוועלף און דרייצעהן יאָהר; ער איז געווען קרעפטיג און געזונט, און האָט אָנגעהויבען אונטערצובורטשען געגען אזוינע שטראָף'ן; אבער ער האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט אָפּען צו רעוואָלטירען; און כדי ניט צו דאַרפען אריבערטראָגען נאָך אזוינע ערנידערונגען, האָט ער זיך געלאָזען באַראַבעווען. דער איינציגער מיטעל פאַר איהם און לואיזען איז געווען צו באַהאַלטען זייער געלט, אבער מעלכיאָר האָט געהאַט א מערקווירדיגע פעהיגקייט אויסצוגעפינען זייערע באַהעלטענישען, ווען זיי פלעגען ניט זיין אין דער היים.

באַלד איז דאָס אויך ניט געווען גענוג פאַר איהם. ער האָט אויספאַרקויפט די זאַכען, וואָס ער האָט גע'ירש'נט פון טאַטען. קריסטאָף האָט מיט גרויס הארצווייטאָג געזעהן, ווי די טייערע אָנדענקונגען פאַרשווינדען: די ביכער, דאָס בעט, די מעבעל, די פּאָרטרעטען פון די מוזיקאַנטען, אבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט זאָגען. איינמאָל האָט מעלכיאָר זיך אָפּגעשלאָגען אָן דעם אַלטענס קלאַוויר, און זיך רייבענדיג די קניע, האָט ער געשריען, אַז עס איז ניטאָ וואו זיך א קעהר צו טאָן; און האָט געשוואָרען מיט כעס, אַז ער וועט די גאַנצע אַלטוואַרג אויסראַמען פון שטוב. קריסטאָף האָט זיך שטאַרק צושריען.

עס איז אפילו געווען אמת, אז די צימערן זיינען געווען אָנגעשטאפּט, זינט מען האָט דאָרט ארייגעשפּארט דעם אַל־טענס מעבעל, נאָכדעם ווי מען האָט פארקויפט זיין הויז, דאָס טייערע הויז, וואו קריסטאָף האָט די שענסטע שטונ־דען פון זיינע קינדער־יאָהרען פארבראכט. עס איז אויך אמת, אז דער אַלטער קלאַוויר האָט קיין גרויסען ווערט ניט געהאט, אז ער האָט געהאט א הייזעריגען טאָן, און אז קריס־טאָף האָט שוין זינט א לאַנגער צייט עס מעהר ניט באַנוצט, און געשפּיעלט אויף דעם נייעם, שעהנעם קלאַוויר, וואָס ער האָט געקראָגען א דאַנק דער ברייטער האַנט פון פירשט; אָבער ווי אַלט און שוואַך דער אינסטרומענט איז ניט געווען, איז ער אַלץ פארבליבען קריסטאָף'ס בעסטער פריינד: דאָס האָט ער ענטפּלעקט פאר'ן קינד די וועלט פון מוזיק, וואָס ווייס פון קיין גרענעצען ניט; אויף זיינע געלע, אבגעריבע־נע קלאַווישען האָט ער אויסגעפונען דאָס קעניגרייך פון טע־נער און זייערע געזעצען; עס איז געווען דאָס ווערק פון זיי־דען, וועלכער האָט פארבראכט חדשים לאַנג עס צו מאַכען פאר א כלי פאר זיין אייניקעל, און וואָס האָט אזוי שטאָל־צירט דערמיט; עס איז געווען א הייליגע זאַך. דערפאר האָט קריסטאָף פּראָטעסטירט, אז ער האָט ניט קיין רעכט עס צו פארקויפען. מעלכיאר האָט איהם באפוילען צו שווייגען. קריסטאָף האָט זיך נאָך העכער צושריען, אז דער קלאַוויר איז זיינער, און אז ער פארבאָט עס אָנצוריהרען. ער האָט ער־ווארט צו קריגען א שטאַרקע מפּלה. אבער מעלכיאר האָט א קוק געטאָן אויף איהם מיט א בייזען שמייכעל און האָט גע־שוויגען.

אויף מאָרגען האָט קריסטאָף אַלץ שוין געהאט פאר־געסען. ער איז געקומען א היים א פארמאַטערטער, אבער

גאַנץ גוט אויפגעלעגט. מיט אמאָל האָט ער באמערקט די כיטרע בליקען פון זיינע ברידער: זיי האָבען ביידע זיך גע־מאכט, ווי זיי וואָלטען געווען פארטיעפט אין א בוך; אבער דערביי האָבען זיי נאָכגעקוקט זיין יעדער באוועגונג, און זיך ווייעדער פארטיעפט אין לייענען, ווי נאָר ער פלעגט א קוק טאָן אויף זיי; ער האָט א מינוט ניט געצווייפעלט, אז זיי האָבען איהם אָפגעטאָן עפּעס א שפּיצעל; אבער אזוי ווי ער איז דערצו שוין געוואָהנט געווען, האָט ער זיך ווייניג געקי־מערט וועגען דעם, באשליסענדיג פעסט ביי זיך, זיי גוט אָנ־צוקלאפּען די ביינער, ווי געוועהנליך, ווען ער וועט עס אויס־געפינען. ער האָט אבער געהאלטען פאר ניט וויכטיג נאָכ־צופאָרשען, וואָס די זאך איז אזוינס, און האָט זיך אריינגע־לאָזען אין א געשפּרעך מיט זיין פאטער, וואָס איז געזעסען ביים פייער, און איהם אויסגעפרעגט וועגען דעם, ווי עס איז איהם היינט געגאנגען מיט אזא צערטליכקייט און אינטע־רעס, צו וועלכע ער איז גאָר ניט געווען געוואָהנט. בעת דער פאָטער האָט מיט איהם גערעדט, האָט ער באמערקט, אז מעלכיאָר ווארפט זיך איבער מיט ביידע קליינע מיט באַ־האלטענע בליקען. עס האָט איהם פארקוועטשט ביים הארצען. ער איז אריינגעלאָפען אין זיין צימער... דער אָרט, וואו דער קלאוויר איז געשטאַנען, איז געווען פוסט. ער האָט ארויס־געלאָזען א יאָמער־געשריי. פון צווייטען צימער האָט ער דערהערט דעם פארשטיקטען געלעכטער פון ביידע ברידער: זיין גאנצע בלוט האָט איהם א שלאָג געטאָן אין פנים אריין. ער האָט זיך א וואָרף געטאָן אויף זיי און געשריען:

— „מיין קלאוויר!“

מעלכיאר האָט רוהיג אויפגעהויבען דעם קאָפּ מיט אזא פארוואונדערטער מינע, אז די קינדער האָבען אויסגעפלאצט

מיט א געלעכטער. ער אליין האָט זיך ניט געקאָנט איינהאל־טען, קוקענדיג אויף קריסטאָף'ס יאָמערליכען פּנים. ער האָט זיך אַפּגעקעהרט אַן זייט, און האָט אויך אויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער. קריסטאָף איז איינגאַנצען ארויס פון די כלים. ווי א ווילדער האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אויף זיין פּאָטער. מעלכיאָר, זיך וויגענדיג אין פּוטעל, האָט ניט געהאַט קיין צייט זיך צו פאַרטיידיגען. דער אינגעל האָט איהם א כאַפּ געטאָן ביים האלז און געשריען:

— „גנב"!

דאָס איז געקומען ווי א בליץ. באלד האָט אבער מעל־כיאָר זיך אַזא טרייסעל געטאָן, אז קריסטאָף, וואָס האָט זיך פעסט איינגעטשעפּעט אין איהם, האָט מיט'ן קאָפּ זיך א זעץ געטאָן אָן פייער־אייזען. אבער ער האָט זיך באלד ווידער אויפגעשטעלט אויף די קניע; זיין שטערן איז געווען אויפ־געשוואָלען, און מיט א פאַרשטיקטען קול האָט ער געשריען פון דאָס ניי:

„גנב!... גנב, וואָס באַ'גנב'עט אונז, די מאַמען און מיר!... גנב, וואָס פאַרקויפט דעם זיידען פּאַר געלט!"

מעלכיאָר האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף די פיס און האָט אויפגעהויבען דעם פויסט איבער קריסטאָף'ס קאָפּ. דאָס קינד האָט זיך געשטעלט געגען איהם מיט אויגען פול פון האַס, און האָט געציטערט פון צאָרן. מעלכיאָר האָט אויך אָנ־געהויבען צו ציטערן. ער האָט זיך אוועקגעזעצט און באַ־האַלטען דעם פּנים אין זיינע הענט: דיביידע קליינע זיינען אַנטלאָפען יאָמערנדיג. נאָכ'ן גערודער איז געקומען א שטיל־קייט. מעלכיאָר האָט געבומען ארויסלאָזען ניט פאַרשטענד־ליכע ווערטער. קריסטאָף איז נאָך אַלץ געשטאַנען צוגעדריקט

צום וואנט, און ניט אויפגעהערט צו קוקען אויפ'ן פאָטער, קריצענדיג מיט די ציין און ציטערנדיג מיט'ן גאנצען לייב. מעלכיאר האָט אנגעהויבען זיך אליין צו באשולדיגען:

„יא, איך בין א גנב! איך זעה ווי מיין פאמיליע, מיי־נע קינדער פאראכטען מיך. איך וואָלט בעסער געוואָלט זיין טויט!"

ווען ער האָט געענדיגט זיין יללה, האָט קריסטאָף איהם א פרעג געטאָן מיט א הארטען קול, זיך ניט ריהרענדיג פון אָרט:

— „וואו איז דער קלאוויר?"

— „ביי וואָרמסער" — האָט מעלכיאר געזאָגט. ער האָט אבער ניט געוואגט צו קוקען אויפ'ן זוהן.

קריסטאָף האָט געמאכט א טריט צו איהם און געזאָגט:

— „דאָס געלט!"

מעלכיאר, אינגאנצען א צובראָכענער, האָט דאָס געלט ארויסגענומען פון קעשענע און עס איבערגעבען זיין זוהן. קריסטאָף האָט זיך א לאָז געטאָן צום טיר.

— „קריסטאָף!" — האָט איהם מעלכיאר א רוף גע־טאָן.

קריסטאָף האָט זיך אָפגעשטעלט. מעלכיאר האָט ווידער אָנגעהויבען מיט א ציטערנדיגער שטים:

— „מיין קליינער קריסטאָף!... פאראכט מיך ניט!"

קריסטאָף האָט זיך א וואָרף געטאָן איהם אויפ'ן האלז און געכליפעט:

— „פאפא, מיין ליעבער פאפא! איך פאראכט דיך ניט. איך בין אזוי אונגליקליך!"

ביידע האָבען זיך פארנאנדערגעוויינט אויפ'ן קול, און מעלכיאר האָט געיאָמערט:

— „עס איז ניט מיין שולד. איך בין דאָך ניט שלעכט! ניט אמת, קריסטאָף? דו וועסט זעהן, קריסטאָף, איך בין דאָך ניט שלעכט!“

ער האָט פאַרשפּראָכען מעהר ניט צו טרינקען. קריס־טאָף האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אלס צייכען פון צווייפעל, און מעלכיאָר האָט צוגעגעבען, אז ער קען זיך ניט צוריק־האַלטען, ווי נאָר ער האָט געלט אין האַנט. קריסטאָף האָט נאָכגעטראַכט און געזאָגט:

„ווייסטו, פּאַפּאַ, מען וואָלט געדאַרפט...“

ער איז געבליבען שטעהן.

— „וואָס אזוינס?“

„איך שעהם זיך...“

— „פאַר וועמען?“ — האָט מעלכיאָר א פרעג געטאָן נאַיוו.

„פאַר דיר!...“

מעלכיאָר האָט אויסגעשטעלט א פּאָר אויגען און גע־זאָגט:

— „עס מאַכט ניט אויס“.

קריסטאָף האָט ערקלעהרט, אז דאָס גאַנצע געלט פון דער פאַמיליע, אפילו מעלכיאָר'ס געהאַלט, מוז מען איבערגעבען אן אנדערן, וואָס זאָל איהם געבען יעדען טאָג אָדער יעדע וואָך אלץ וואָס ער מוז האָבען פאַר די נויטיגסטע זאַכען. מעלכיאָר, וואָס האָט זיך געפונען אין א געדריקטען צושטאַנד — ער איז געוועזן ניט אין גאַנצען ניכטער — איז געגאַנגען נאָך ווייטער ווי דער פאָרשלאָג, און האָט זיך אָנגעבאָטען אָנצושרייבען באַלד א בריעף צום פירשט, אז זיין געהאַלט זאָל אויסגעצאָהלט ווערען כסדר אויף זיין נאָמען צו קריס־טאָף'ן. קריסטאָף האָט זיך ענטזאָגט, רויט ווערענדיג פון

דעם פאטערס ערנידערונג. מעלכיאר, וואָס האָט געברענט מיט א פארלאנג צו ברייננגען קרבנות, האָט דורכאויס באשטאנען צו שרייבען אזא בריעף. ער איז אליין געווען געריהרט פון די גרויסקייט פון זיין טאָט. קריסטאָף האָט זיך ענטזאגט דעם בריעף צו נעמען; און לואיזע, וואָס איז אקאָרשט גע־קומען אהיים, און זיך באקאנט מיט דער גאנצער זאך, האָט ערקלעהרט, אז זי וועט בעסער געהן בעטלען, איידער אנצור־טאָן אזא חרפה צו איהר מאן. זי האָט נאָך צוגעגעבען, אז זי האָט צו איהם צוטרויען, און אז זי איז נאָך אלץ זיכער, דאָס אוים ליעבע צו זיי און צו זיך וועט ער זיך בעסערן. עס האָט זיך געענדיגט מיט אן אלגעמיינער ריהרענדער סצענע; און מעלכיאר'ס בריעף, וואָס איז געבליבען ליגען אויפ'ן טיש, איז אראָפּגעפאלען אונטער'ן שאַף, וואו ער איז געבליבען באהאלטען.

אין עטליכע טעג ארום האָט איהם אבער לואיזע ביים אויפראמען געפונען; און אזוי ווי זי איז געווען זעהר אונ־גליקליך פון נייע שטות'ערייען פון מעלכיאר'ן, וועלכער האָט שוין לאנג אלץ פארגעסען, האָט זי דעם בריעף אוועקגע־לעגט אָן א זייט, אנשטאָט איהם צוצורייסען. זי האָט עס גע־האלטען עטליכע חדשים, שטענדיג אָפּשטויסענדיג פון זיך דעם געדאנק עס צו באנוצען, ניט קוקענדיג אויף די אלע צרות, וואָס זי האָט געהאט אויסצושטעהן. אבער איינמאָל, ווען זי האָט ווידער געזעהן, ווי מעלכיאר שלאָגט קריסטאָף'ן און נעמט ביי איהם אוועק דאָס געלט, האָט זי שוין מעהר ניט געקאָנט אויסהאלטען; און ווען זי איז געבליבען אליין מיט'ן וויינענדיגען קינד, האָט זי גענומען דעם בריעף, עס דער־לאנגט קריסטאָף'ן און געזאגט:

— „געה!“

קריסטאָף האָט זיך נאָך געקווינקעלט; אבער ער האָט פאַרשטאַנען, אז עס איז ניטאָ קיין אַנדער מיטעל, אויב מען וויל נאָר ראַטעווען פון חורבן די שיריים, וואָס זיינען נאָך געבליבען. ער איז אַוועק אין שלאָס. עס האָט איהם גענומען כמעט אַ שעה דורכצוגעהן דעם מהלך פון צוואַנציג מינוט גאַנג. די שאַנד פאַר דאָס, וואָס ער געהט טאָן האָט איהם אינגאַנצען צובראָכען, זיין שטאָלץ, וואָס איז נאָך געוואַקסען אין די לעצטע טרויעריגע און איינזאַמע יאָהרען, האָט געבלוטיגט פון דעם געדאַנק ארויסצושטעלען אָפען פאַר דער וועלט זיין פאָטערס שמאַך. אַ משונה'דיגע ניט אויסגעהאַלטענקייט איז עס געווען. ער האָט, דאַכט זיך, געוואוסט, אַז די שמאַך איז אַלעמען באַקאַנט, פונדעסטוועגען האָט ער געזוכט זיך אָפּצונאַרען, אַזוי ווי ער וואָלט גאָר ניט געמערקט; ער וואָלט זיך בעסער געלאָזט צושניידען אויף שטיקער, אַנשטאָט עס צוצוגעבען, און איצט געהט ער גאָר מיט'ן פרייען ווילען!...

צוואַנציג מאָל האָט ער געהאַלטען דערביי זיך אומצוקעהרען צוריק; צוויי דריי מאָל איז ער דורכגעגאַנגען די גאַנצע שטאָדט, זיך אומקעהרענדיג יעדעס מאָל צוריק. אָבער עס האָט זיך דאָך ניט געהאַנדעלט וועגען איהם. עס האָט זיך דאָך געהאַנדעלט וועגען זיין מוטער און זיינע ברידער. היות ווי דער פאָטער האָט זיי פאַרלאָזען, היות ווי ער האָט זיי פאַראַטען, דערפאַר איז געלעגען די פליכט אויפ'ן עלטעסטען זוהן צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ און זיי צו קומען צו הילף. ניטאָ וואָס צו קווינקלען זיך און זיך גרויס צו האַלטען; ער מוז אויסטרינקען די גאַנצע שאַנד. ער איז אַריין אין פּאַלאַץ. אויפ'ן טרעפּ האָט ער נאָך געפיהלט ווי צו אַנטלויפען. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אויף אַ טרעפּל. עטליכע מינוט

האָט ער אַזוי פאַרבראַכט, די גאַנצע האַלטענדיג אויפ'ן טיר־קנאָפּ, ביז איינער איז אָנגעקומען און איהם אויף אַזאַ אופן געצוואונגען אריינצוגעהן.

אין די קאַנצעלאַריעס האָט יעדער איינער איהם גע־קענט. ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל ריידען מיט זיין עקסע־לענץ דעם דירעקטאָר פון טעאַטער, באַראָן פאָן האַמער־לאַנגבאַך. אַ בעאַמטער, יונג, פלינק, פליכּעוואַטע, מיט אַ רויטען פּנים, אין אַ ווייסע וועסט און אַ רויטען האַלזטוך, האָט איהם אַ פריינדליכען שלום־עליכם אָפּגעגעבען, און האָט אָנגעהויבען צו ריידען וועגען דער אָפּערא, וואָס איז נעכטען געשפּיעלט געוואָרען. קריסטאָף האָט איבערגע'חזר'ט זיין בקשה. דער בעאַמטער האָט געענטפערט, אַז זיין עקסעלענץ איז איצט גראַדע פאַרנומען, נאָר אויב קריסטאָף האָט איהם צו דערלאַנגען אַ פּראָשעניע, וועט ער עס איבערגעבען, צו־זאַמען מיט אַנדערע פּאַפּירען, וואָס ער דאַרף איצט טאַקי שיקען אונטערצושרייבען. קריסטאָף האָט איהם דערלאַנגט דעם בריעף. דער בעאַמטער האָט אַ וואַרף געטאָן אַ בליק אויפ'ן בריעף, און האָט ארויסגעלאָזען אַ געשריי פון איבער־ראַשונג:

„אין אמת'ן" — האָט ער פרעהליך אויסגערופען, — „דאָס איז אַ גוטער געדאַנק. דאָס האָט ער שוין לאַנג גע־דאַרפט טאָן! זיין גאַנצען לעבען האָט ער קיין קליגערע זאַך ניט געטאָן, דער אַלטער שכור! ווי אַזוי, צום שוואַרץ יאָהר, האָט ער זיך אויף דעם באַשלאָסען?"

ער איז פּלוצלונג געבליבען שטעהן. קריסטאָף האָט ארויסגעריסען דאָס פּאַפּיער פון זיינע הענט און געשריען, בלייך פון כעס:

— „איך וועל ניט דערלאָזען!... איך וועל אייך ניט לאָזען מיך באַליידיגען“!

דער קליינער בעאַמטער איז געווען שטאַרק פאַרוואונדערט:

„אָבער, מיין ליעבער קריסטאָף“ — האָט ער געפּרובירט זיך צו פאַרענטפערן — „וועער טראַכט גאָר וועגען באַליידיגונגען? איך האָב גאָר אַרויסגעזאָגט, וואָס די גאַנצע וועלט טראַכט. דו אַליין טראַכסט עס אויך!“

— „ניין!“ — האָט קריסטאָף געשריען אַ צוקאַכטער.

„וואָס? דו טראַכסט ניט, אַז ער טרינקט“?

— „עס איז ניט אמת!“ — האָט קריסטאָף געזאָגט.

ער האָט געטופּעט מיט די פיס.

דער בעאַמטער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

„פאַרוואָס זשע האָט ער, אויב עס איז אַזוי, געשריבען דעם בריעף?“

„ווייל... — האָט קריסטאָף געזאָגט — (ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ווייטער צו זאָגען), ווייל — אַזוי ווי איך נעהם דאָך יעדען חודש סאַי ווי סאַי אָפּ מיין געהאַלט, איז עס באַקוועמער, אויב איך וועל צו דערזעלבער צייט מיטנעהמען אויך דעם פאָטערס... עס איז איבעריג, אַז מיר ביידע זאָלען זיך מטריח זיין... מיין פאָטער איז זעהר פאַרנומען“.

ער איז אַליין רויט געוואָרען פון דער ווילדקייט פון זיין ערקלעהרונג. דער בעאַמטער האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם מיט אַ געמיש פון איראָניע און מיטלייד. קריסטאָף, צוזאַמענדריקענדיג דאָס פּאַפּיר אין זיין האַנט, האָט געמאַכט אַ מינע ווי אַוועקצוגעהן. דער אַנדערער האָט זיך אויפגעהויבען און איהם געכאַפּט ביים האַנט.

„וואַרט נאָר א מינוט“ — האָט ער געזאָגט — „איך וועל טאָן וואָס מען דאַרף“.

ער איז אוועק אין קאַבינעט פון דירעקטאָר. קריסטאָף איז געבליבען וואַרטען אונטער די בליקען פון אַנדערע אָנ־געשטעלטע. זיין בלוט האָט געקאָכט. ער האָט מעהר ניט געוואוסט, וואָס ער האָט געטאָן, וואָס ער וועט טאָן, וואָס ער דאַרף טאָן. ער האָט געטראַכט, אז מען דאַרף מאַכען פּליטה, איידער מען וועט איהם ברענגען א תשובה; און ער האָט טאַקי שוין געהאַלטען דערביי, ווען די טיר האָט זיך ווידער געעפענט:

„זיין עקסעלענץ וויל דיך טאַקי זעהן“ — האָט איהם דער צו איבערגעבענער בעאַמטער געזאָגט.

קריסטאָף האָט געמוזט אריינגעהן.

זיין עקסעלענץ, באַראָן פאָן האַמער־לאַנגבאַך, א קליי־נער אַלטיטשקער, מיט באַקען־בערד און וואַנצעס, און א גע־גאָלטער מאָרדע, האָט א קוק געטאָן אויף קריסטאָף'ן איבער זיינע גאָלדענע ברילען, זיך ניט אפּרייסענדיג פון זיין שריי־בען, און ניט ענטפערענדיג אפילו מיט א שאָקעל פון קאָפּ אויף קריסטאָף'ס צומישטע באַגריסונג.

— „אַלזאָ“ — האָט ער א פרעג געטאָן אין א מינוט ארום — „וואָס פאַרלאַנגט איהר, הער קראַפט?“

„עקסעלענץ“ — האָט קריסטאָף גיך ארויסגערעדט — „זייט מיר מוחל, איך האָב זיך אַנדערש איבערלעגט. איך פאַרלאַנג מעהר גאָר נישט!“

דער אַלטיטשקער האָט ניט געפאָדערט קיין ערקלערה־רונג וועגען דער פּלוצליכער חרטה. ער האָט אביסעל שאַר־פער זיך צוגעקוקט צו קריסטאָף'ן, האָט זיך אויסגעהוסט און געזאָגט:

„ווּעט איהר זיין אזוי גוט און מיר געבען דעם בריעף, וואָס איהר האלט דאָ אין האנט, הער קראפט?"

קריסטאָף האָט באמערקט, אז דעם דירעקטאָרס בליק רוהט אויף דאָס פּאַפּיר, וואָס ער האָט מעכאַניש צוזאמענגע־דרעהט ביי זיך אין פויסט.

— „עס איז איבעריג, אייער עקסעלענץ" — האָט ער געשטאמעלט — „עס לוינט זיך ניט מעהר".

„זייט אזוי גוט און גיט עס מיר אהער" — האָט דער אלטער איבערגע'חזר'ט רוהיג, ווי ער וואָלט גאָר ניט גע־הערט.

קריסטאָף האָט מעכאַניש איהם דערלאנגט דעם צוזאַ־מענגעדרעהטען בריעף. ער האָט זיך דערביי אריינגעלאָזען אין א ים פון ניט קלאָהרע ווערטער, און האָט אויסגעצויגען די האנט, כדי צוריק צו באקומען דעם בריעף. זיין עקסעלענץ האָט זארגפעלטיג פארנאַנדערגעלעגט דאָס פּאַפּיר, האָט עס דורכגעלייענט, א קוק געטאָן אויף קריסטאָף'ן, איהם א ווײַלע נאָך געלאָזען אָנגעהן מיט זיינע רייד, און דאן איהם איבער־געשלאָגען, און געזאָגט, וואָרפענדיג דערביי א כיטרען בליק פון די אויגען:

„שוין רעכט, הער קראפט. די בקשה איז ערפילט!"

ער האָט א מאַך געטאָן מיט'ן האנט, און זיך גענומען ווידער פאַר זיין שרייבען.

קריסטאָף איז ארויס א צומישטער.

— „נעמט ניט פאַר אומגוט, קריסטאָף!" — האָט דער בעאמטער פריינדליך געזאָגט, ווען דאָס קינד איז דורכגע־גאנגען דורך די קאַנצעלאַריע. קריסטאָף האָט געלאָזען שאָק־לען זיין האנט, גיט וואגענדיג אויפצוהויבען די אויגען.

ער האָט זיך ווידער געפונען פאַר דעם שלאָס. ער איז געווען ווי דורכגעפראָרען פון שאנד. אַלץ וואָס מען האָט איהם געזאָגט, איז איהם ווידער געקומען אויפ׳ן זינען; און איהם האָט זיך געדאכט, אַז ער פיהלט די באַליידיגענדע איראָניע און רחמנות פון די לייט, וואָס אכטען איהם און באַליידיגען איהם. ער האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אהיים; און האָט אויף לואיזעס פראגען קוים געענטפערט מיט געצעהלטע, בייזע ווערטער, אזוי ווי ער וואָלט אויף איהר געוואָלט אויסלאָזען דעם כעס פאַר דאָס, וואָס ער האָט געטאָן. דער געוויסען האָט איהם געפּלאָגט, ווען ער האָט געטראַכט וועגען פאָטער. ער האָט געוואָלט זיך פאַר איהם מתודה זיין און בעטען מחילה. אבער מעלכיאר איז ניט געווען אין דער היים. קריס־טאָף האָט געוואַרט אויף איהם א גאַנצע נאַכט, ניט צומאַ־כענדיג אַן אויג. וואָס מעהר ער האָט געטראַכט וועגען איהם, אַלץ גרעסער איז געוואָרען זיין חרטה; ער האָט דעם פאָטער אידעאַליזירט; ער האָט זיך איהם פארגעשטעלט פאַר שוואַך, גוט, אונגליקליך, און פאַראַטען פון זיינע אייגענע. ווען ער האָט דערהערט זיינע טריט אויף די טרעפּ, איז ער ארויס־געשפּרונגען פון בעט כדי איהם אנטקעגען צו לויפען און זיך ווארפען אין זיינע אָרימס. מעלכיאר איז אבער געקומען אין אזא עקעלהאפטען, שכור׳ען צושטאנד, אַז קריסטאָף האָט אפילו ניט געהאַט דעם מוט צו איהם צוצוגעהן, און ער האָט זיך ווידער אוועקגעלעגט, ביטער לאַכענדיג פון זיינע אייגע־נע אילוזיעס.

ווען מעלכיאר האָט אין עטליכע טעג ארום זיך דער־וואוסט, וואָס עס איז געשעהן, איז ער געוואָרען שרעקליך אויפגעקאָכט. און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס קריסטאָף האָט זיך געבעטען ביי איהם עס ניט צו טאָן, איז ער פאָרט

אוועק אין שלאָס מאכען דאָרט א סצענע. אבער ער איז גע־קומען צוריק מיט אן אראָפּגעלאָזענער נאָז, און ניט א וואָרט געזאָגט וועגען דעם, וואָס דאָרט איז געשעהן. מען האָט איהם דאָרט געגעבען זעהר א קאַלטען קבלת־פּנים. מען האָט איהם קודם כל געזאָגט, אז ער זאָל נעמען א גאנץ אנדער טאָן — אז מען צאָהלט איהם די פּענסיע נאָר צוליעב די פאַרדיענס־טען פון זיין זוהן, און אז אויב ער וועט ווייטער מאכען נאָך עפּעס א סקאַנדאַל, וועט מען עס אין גאנצען אוועקנעהמען ביי איהם. קריסטאָף איז אויך געווען גאָר נשתומם און דער־לייכטערט, זעהענדיג ווי דער פאָטער נעהמט אָן די לאַגע לייכטער פון טאָג צו טאָג; און הערענדיג, ווי ער באַריהמט זיך זאָגאָר, וואס ער אליין האָט דער ערשטען זיך ארויסגע־רופען צו ברייגגען דעם קרבן.

דאָס האָט אבער מעלכיאָר'ן בשום אופן ניט אָפּגע־האַלטען זיך צו באַקלאָגען פאַר דער וועלט, אז ער ווערט באַראַבעוועט פון זיין פרוי און קינדער; אז ער האָט א גאַנ־צען לעבען אוועקגעגעבען פאַר זיי, און אז איצט לאָזט מען איהם זיין אזא נצרח אין אלץ. ער האָט אויך געזוכט ארויס־צוקריגען געלט פון קריסטאָף'ן מיט אַלערליי קונצען און חניפות. דאָס פּלעגט אָפט מאכען קריסטאָף'ן צום לאַכען, כאָטש עס איז גאָר קיין געלעכטער ניט געווען. אבער אזוי ווי קריסטאָף האָט זיך געהאַלטען פעסט, האָט מעלכיאָר עס אָפּגעלאָזען. ער האָט זיך געפיהלט שטאַרק איינגעשראָקען פון דעם שטרענגען בליק פון אָט דעם פערצעהניאָהריגען אינגעל, וועלכער איז געווען זיין שופט. ער האָט זיך נוקם געווען שטילערהייט דורך זעהר א שלעכטען שפּיצעל: ער פלעגט אוועק אין שענק, זיך אָנטרינקען און אָנפרעסען ווי פיעל אין האַלז איז געקראָכען, און פלעגט גאָר ניט צאָהלען,

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHÈQUE JUIVE PUBLIQUE
MONTREAL
יידישע פאָלקס ביבליאָטעק
הספריה העברית העממית
53175

טענה'ענדיג, אז זיין זוהן דארף באצאָהלען זיינע חובות. קריסטאָף האָט ניט פּראָטעסטירט, ניט וועלענדיג מאכען נאָך גרעסער דעם סקאנדאל; ער און לואיזע פלעגען פון דאָס לעצטע זיך אָפּזאָגען, אבי נאָר צו באצאָהלען מעלכיאָר'ס חובות. — ועל כולם האָט מעלכיאָר, זינט ער האָט אויפגע־הערט צו באקומען געהאלט, אליין מעהר און מעהר באַרלאָרען דעם אינטערעס צו זיין פּראָפעסיע אלס פידעלשפיעלער; ער האָט אָנגעהויבען אזוי אָפט צו פעהלען אין טעאטער, אז ניט קוקענדיג אויף קריסטאָף'ס אלע בקשות, האָט מען איהם סוף כל סוף געוויזען די טיר. און דאָס קינד אליין האָט גע־מוזט אויסהאלטען דעם פאטער, די ברידער און די גאנצע הויז.

אָט אזוי איז קריסטאָף געוואָרען דער ראש פון א פאַ־מיליע צו פערצעהן יאָהר.

ער האָט איבערגענומען די דריקענדע אויפגאבע פעסט ענטשלאָסען. זיין שטאָלץ האָט איהם ניט דערלאָזען צו זוכען הילף ביי אנדערע. ער האָט זיך פארשוואָרען אליין גובר צו זיין אלץ. ער האָט צופיעל געליטען פון קינדוויז אָן, צוזע־הענדיג ווי זיין מוטער נעהמט אָן ערנידעריגענדע נדבות. עס איז שוין ניט איינמאָל געקומען צו סכסוכים צווישען זיי, ווען די גוטע פרוי פלעגט קומען אהיים, אנווייזענדיג מיט צו־פרידענהייט אויף עפּעס א מתנה, וואָס זי האָט באקומען פון איינע פון איהרע שטיצערינס. זי פלעגט אין דעם קיין בייז ניט זעהן, און פלעגט זיך פרעהען, וואָס זי וועט קענען פון דעם געלט מאכען פאר איהר קריסטאָף'ן נאָך עפּעס א געריכט צום מאָגערן אָוונט־עסען. קריסטאָף אבער פלעגט ווערן בייז און זיך ענטזאגען, זאָגאר זיך צוצוריהרען צו די מאכלים, וואָס זי פלעגט אויף אזא אופן באקומען. לואיזען האָט עס געקריינקט; זי פלעגט צושטעהן צו איהר זוהן, ער זאָל כאָטש פארזוכען; אבער ער פלעגט זיך ענטזאגען; זי פלעגט פארלירען די געדולד און איהם אריינזאָגען אונאָנ־גענעהמע זאכען, אויף וועלכע ער פלעגט ניט בלייבען שול־דיג קיין ענטפער; ענדיגען פלעגט זיך דערמיט, וואָס ער פלעגט א ווארף טאָן זיין סערוועטקע און אוועק פון טיש. דער פאטער פלעגט קוועטשען מיט די פּלייצעס און איהם רו־פען קאָמעדיאנט. זיינע ברידער פלעגען חוזק מאכען פון איהם און אויפעסען זיין חלק.

מען האָט אבער געמוזט קריגען די מיטלען צום לעבען.

זיין געהאלט אין אָרקעסטער איז ניט געווען גענוג. ער האָט געגעבען שטונדען. זיין טאַלאַנט פון א ווירטואָז, זיין גוטער נאָמען, און, ועל כולם, די פּראָטעקציע פון פירשט האָבען איהם פאַרשאַפען פיעל שילערינס אין דער בעסטער געזעלשאַפט. יעדען פריהמאָרגען, פון ניין אזייגער אָן, האָט ער געגעבען קלאַוויר־שטונדען צו יונגע מיידלעך, פון וועלכע אייניגע זיינען געווען עלטער פון איהם אליין; פאַר זייער קאָקעטסוואַ האָט ער זיך שטאַרק געשעמט, און זייער צרה'דיגער שפּילען פלעגט איהם ארויסברייננגען פון די כלים. אין מוזיק זיינען זיי געווען גאָר אין גאַנצען טעמפּ; דערפאַר אבער האָבען זיי אלע פאַרמאָגט א מעהר ווייניגער פיינעם געפיהל פאַר דאָס לעכערליכע: און פון זייער אָפּלאַכענדיגען בליק פלעגט ניט פאַרביי קיינע פון קריסטאָף'ס אונגעשיקטקייטען. דאָס איז געווען פאַר איהם אן אמת'ע מאַטערניש. זיצענדיג לעבען זיי ביים ברעג שטול, שטייף, רויט פון צאָרן, ניט וואַגענדיג זיך א ריהר צו טהאָן: זיך איינהאלטענדיג, כדי ניט ארויסצורייידען עפּיס א נארישקייט; און מורא האָבענדיג זאָגאָר פאַר דעם קלאַנג פון זיין אייגענער שטים; פלעגט ער זיך מאַטערן ארויפצוציהען א שטרענגע מינע; אָבער פיהלענדיג, ווי מען קוקט אויף איהם פון דער זייט, פלעגט ער פאַרלירען די האַלטונג, זיך פאַרהוסטען אין מיטען פון א באַמערקונג, מורא האָבען צו ווערען לעכערליך, און פלעגט סוף כל סוף ווערען לעכערליך און ארויספּלאַצען מיט באַליידיגענדע באַמערקונגען. אבער זיינע שילערינס האָבען גאַנץ לייכט געקאָנט זיך נוקם זיין אָן איהם. און זיי פלעגען ניט פאַרפעהלען א האָר איהם צו שטעלען אין פאַרלעגענהייט: דורך איינפאַכע פראַגען, וואָס פלעגען איהם מאַכען רויט צו ווערען ביז די שפּיץ האָר; אָדער זיי פלעגען איהם בעטען

PUBLIC LIBRARY יידישע פאָלקס ביבליאָטעק
THEQUE JUIVE PUBLIQUE הספריה העברית הצבורית
MEDEY "Y" COMMUNITY CENTER

עפּיס אַ קליינע געפעליגקייט — ווי צום ביישפּיעל דערלאַנגען אַ זאַך, וואָס זיי האָבען פאַרגעסען אויף די מעבעל — און דאָס איז געווען פאַר איהם דער שווערסטער עקזאַמען, ווייל ער פּלעגט מוזען דורכגעהן דעם צימער אונטער דעם פייער פון בייזע בליקען, וואָס האָבען נאָכגעשפּירט די קלענסטע אונבאהאָלפענקייט פון זיינע באוועגונגען: זיינע לאַנגע פיס, זיינע שטייפע אָרימס, זיין גאַנצען גוף, וואָס איז געווען צונויפגעקרעמפּט פון שרעקעדיגקייט.

פון זיינע שטונדען האָט ער געמוזט לויפען צו דער רעפּעטיציע אין טעאַטער. אָפט האָט ער קיין צייט ניט געהאַט אָנצובייסען; ער פּלעגט מיטנעהמען אין קעשענע אַ שטיק ברויט און וואורשט און פּלעגט עס עסען אין די אַנטראַקטען. אָפטמאָל פּלעגט ער פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון טאָביאַס פּייפער, דעם מוזיק דירעקטאָר, וועלכער האָט זיך אינטערעסירט מיט איהם, און איהם געלאָזען פון צייט צו צייט דיריזשירען דעם אָרקעסטער ביי די רעפּעטיציעס, כדי זיך איינצואיבען. ער האָט אויך געמוזט ווייטער אָנגעהן מיט זיין אייגענער מוזיקאַלישער בילדונג. און ווידער פּלעגען קלאַווירשטונדען אויספילען די צייט ביז דער אָווענט־פאָרשטעלונג, און גאַנץ אָפט פּלעגט מען איהם נאָך ווערען הערען אין פּאַלאַץ נאָך דער פאָרשטעלונג. דאָרט פּלעגט ער מוזען שפּיעלען אַ שעה אָדער צוויי. די פּרינצעסין האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גאַנצע קענערקע אין מוזיק; זי האָט עס טאַקי שטאַרק האָלט געהאַט, ניט קענענדיג קיינמאָל אונטערשיידען צווישען גוטע און שלעכטע מוזיק. זי האָט צוזאַמענגעשטעלט פאַר קריסטאָף'ן די משונה'דיגסטע פּראָגראַמען, אין וועלכע נאַרישע ראַפּסאָדיעס פּלעגען זיך געפינען אין שכנות מיט אמת'ע קונסטווערק. איהר גרעסטער פאַרגניגען איז אבער

געווען איהם צו לאָזען שפּילען פון קאָפּ אייגענע זאכען, און זי פלעגט איהם ארויסגעבען טעמאס פון הארצברעכענדער סענטימענטאַליטעט.

קריסטאָף פלעגט פון דאָרט אוועק ארום האַלבע נאכט, א פארמאַטערטער, מיט ברענענדיגע הענט, מיט א פיבער־רישען קאָפּ און א ליידיגען מאָגען; ער פלעגט זיין דורכגע־ווייקט אין שווייס; און אויף דרויסען פלעגט אָפט פאלען א שניי אָדער אן אייזיגער טומאַן. ער האָט געמוזט דורכגעהן מעהר ווי א האַלבע שטאָדט כדי צו קומען אהיים; ער פלעגט געהן צו פוס; די ציינער פלעגען איהם קלאַפּען, און איהם פלעגט זיך אזוי וועלען וויינען אָדער שלאָפען; און דערביי פלעגט ער מוזען גוט אכטונג געבען, אז זיין איינציגער פאַ־ראדנער אַנצוג זאָל זיך ניט איינפאַטשקענען אין בלאָטע.

אין דער היים פלעגט ער גלייך זיך ארייננכאַפּען ביי זיך אין צימער, וועלכען ער האָט נאָך אלץ געטיילט מיט זיינע ברידער; און קיינמאָל איז דאָס לעבען איהם ניט געווען אזוי איבערדריסיג און די פארצווייפלונג איז ניט געווען אזוי גרויס; קיינמאָל האָט ער ניט געהאט אזוי שטאַרק דעם גע־פיהל פון איינזאַמקייט, ווי אין דער מינוט, ווען עס פלעגט איהם זיך איינגעבען אין דער שטיקענדער לופט פון אָט דעם בוידעם, ענדליך אראָפּצואווארפען פון זיך דעם שווערען יאָך פון עלענד. צום גליק אבער, ווי נאָר ער פלעגט אוועקלייגען דעם קאָפּ אויפ'ן קישען, פלעגט אויף איהם ארויספאלען א שווערער שלאָף, וואס פלעגט אוועקנעהמען ביי איהם דאָס באוואוסטזיין פון זיינע צרות.

אבער באגינען אין זומער, און פארטאָג נאָך אין ווינ־טער, פלעגט ער שוין ווידער אויפשטעהן. ער האָט געוואלט ארבייטען פאר זיך אליין: זיינע איינציגע פרייע מינוטען

זיינען געווען צווישען פינף און אכט א זייגער אין דער פריה. דערפון האָט ער נאָך געמוזט פארלירען א טייל פאר באַר שטעלטע ארבייטען: ווארום זיין טיטול פון הויפמוזיקאַנט און דער חן וואָס ער האָט געהאט ביים פירשט האָבען אויף איהם ארויפגעלייגט דעם חוב צו פארפאסען אפיציעלע קאָמ־פּאָזיציעס פאר די הויף־פּאַראַדען.

אָט אזוי איז זיין לעבען געווען פארגיפטעט ביז׳ן מקור אריין. זאָגאר זיינע חלומות זיינען ניט געווען פריי. אבער, ווי עס געשיהט געוועהנליך, האָט דער צוואַנג איהם נאָך שטאַר־קער געמאכט. אויב קיין זאך האָלט ניט געבונדען די טע־טיגקייט, האָט די נשמה פיעל וויי‌ניגער אורזאך זיך צו באַ־וועגען. וואָס ענגער איינגעשלאָסען עס איז ארום קריסטאָף׳ן געוואָרען די טורמע פון זאָרג און קליינליכע אויפגאבען, אלץ מעהר האָט זיין רעוואָלוציאָנערעס הארץ געפיהלט איהר אונ־אָפּהענגיגקייט. וואָלט זיין לעבען געווען אָהן שטערונגען, דאמאָלסט וואָלט ער, בלי ספק, זיך איבערגעגעבען צום גליק־שפּיעל פון א חיי שעה און צו דער פוסט־און פאסטקייט פון דער תאווה׳דיגער יוגענד. אבער ניט זייענדיג פריי מעהר ווי א שעה אָדער צוויי אין טאָג, האָט זיין גאנצע קראפט אריינגע־שטראָמט אין זיי, ווי א טייך צווישען פעלזען. עס איז א גוטע דיסציפּלין פאר די קונסט צו מוזען צוזאמענדריקען איהרע אָנשטרענגונגען צווישען גרענעצען, וואָס לאָזען זיך ניט ריהרען פון אָרט. אין דעם זינען קען מען זאָגען אז עלענד איז דער לעהרער ניט נאָר פון געדאנקען, זאָנדערן אויך פון סטיל: עס לערנט דעם גייסט און דעם קערפּער זיך צו האַל־טען ניכטער. ווען די צייט איז אויסגערעכענט און די ווערטער געצעהלט, רעדט מען ניט צופיעל, און מען באקומט די גע־וואָהנהייט צו טראַכטען נאָר וועגען דאָס וואָס איז וויכטיג.

אויף אַזאַ אופן לעבט מען דאָפּעלט דוקא ווייל מען האָט ווייניג צייט צו לעבען.

דאָס איז געווען דער פאַל מיט קריסטאָף'ן. אונטער'ן יאָך איז איהם אײנגאַנצען קלאָהר געוואָרען דער ווערט פון פרייהייט; און ער האָט ניט צוגייסעט די טייערע מינוטען אויף זאַכען אָדער ווערטער, וואָס ברײנגען קיין נוצען ניט. זיין נאַטירליכע תשוקה זיך פאַראַנאַנדערצושרייבען ברייט־ליך און זיך צו לאָזען פיהרען פון די קאַפּריזען פון זיינע, כאָטש אפילו אויפריכטיגע, אבער דאָך אונבאַשטימטע גע־דאַנקען, האָט באַקומען איהר תקנה דורך די נויטווענדיגקייט צו דענקען און צו שרייבען אַזוי פיעל ווי מעגליך, און אַזוי ווייניג צייט ווי מעגליך. קיין אַנדער זאַך האָט ניט געהאַט אַזאַ גרויסען איינפלוס אויף זיין קינסטלערישע און מאָראַלי־שע ענטוויקלונג: ניט די שטונדען פון די לעהרער, און ניט דער ביישפּיעל פון די מייסטערווערק, — אין די יאָהרען, ווען דער כאַראַקטער בילדעט זיך אויס, איז ביי איהם גע־וואָרען אַ געוואָהנהייט צו קוקען אויף מוזיק ווי אויף אַ קלאָה־רע שפּראַך, אין וועלכער יעדער טאָן האָט זיין אייגענע באַ־דייטונג; און צו דערזעלבער צייט האָט ער זיך אייגעוואָהנט צו האַסען יענע מוזיקאַנטען, וואָס ריידען, אום גאָרנישט צו זאָגען.

דאָך די קאָמפּאָזיציעס וואָס ער האָט דאַמאָלט געשריי־בען זיינען געווען נאָך וויט פון דעם, אויסצודריקען אין גאַנ־צען זיין נשמה, ווארום ער אליין איז נאָך געווען וויט דער־פון צו האָבען זיך ענטדעקט אין גאַנצען: ער האָט זיך אליין געזוכט אין דער גרויסער מאַסע פון ערוואָרבענע עמפּפינ־דונגען, וועלכע די ערציהונג צווינגט אַרויף אויף אַ קינד ווי זיין צווייטע נאַטור. ער האָט נאָר בחוש געפיהלט, וואָס זיין

נשמה איז באמת, באזונדערס ווייל ער האָט נאָך ניט גע־שפירט די ליידענשאַפטען פון דער ערוואַכענדער יוגענד, וואָס באפרייט די נשמה פון מענשען פון איהרע געבאָרגטע קליי־דער, פונקט ווי א דונער רייניגט דעם הימעל פון די וואָל־קענס, וואָס וויקלען איהם ארום. ניט־קלאָרע, מעכטיגע אה־נונגען האָבען זיך ביי איהם דורכגעמישט מיט פרעמדע זכרונות, פון וועלכע ער האָט זיך ניט געקאָנט באפרייען. ער פלעגט זיך ערגערן פון אזוינע שקרים. ער פלעגט ווערן פאר־צווייפעלט, זעהענדיג אויף ווי פיעל דאָס וואָס ער האָט אָנגע־שריבען שטעהט ניעדעריגער, ווי דאָס וואָס ער האָט גע־טראַכט. ער האָט אָנגעהויבען אין זיך אליין צו צווייפלען. אבער ער האָט ניט געקאָנט זיך בארוהיגען מיט אזוינע נא־רישע נידערלאגען; ער האָט געברענט מיט דעם פארלאנג צו מאכען בעסער, צו שרייבען עפּעס וואָס גרויסעס. אבער שטענדיג פלעגט ער דורכפאלען. נאָך א מינוט פון פולער אי־לוזיאָן ביים שרייבען, פלעגט ער באמערקען, אז דאָס וואָס ער האָט געשאפען טויג אויף גאָר ניט; ער פלעגט צורייסען און פארברענען אלץ, וואָס ער האָט געשאפען. אבער כדי צו מאכען זיין שאנד פארפול, פלעגט ער מוזען לאָזען ניט גע־ריהרט, ניט קענענדיג זיי פארניכטען דוקא די מיטעלמע־סיגסטע, די ניט געראָטענסטע פון זיינע ווערק, די אָפיציעלע: דעם קאָנצערט, „דעם קעניגס אדלער“, וואָס איז געשריבען געוואָרען לכבוד דעם געבורטסטאָג פון פירשט; די קאנטאטע „פעלאס׳ חתונה“, וואָס איז געשריבען געוואָרען לכבוד דער חתונה פון דער פרינצעסין אָדעלאַאידע, זיי זיי־נען ארויסגעגעבען געוואָרען מיט גרויס פאראד אין טייערע לוקסוס־אויסגאבען, כדי צו פאראייביגען זיין נאַרישקייט פאר די קומענדע דורות. און ער האָט געוויינט פון שאנד.

פיבערישע יאָהרען! קיין רוה, קיין נאָכגעבען. קיין זאַך ניט, וואָס רייסט אָפּ פון דער פּאַרקאָכטער ארבייט. קיין צייטפאַרטרייב, קיין פריינד. ווי שטאַרק עס האָט איהם זיך געוואָלט אַזוינס האָבען! נאָכמיטאַג, אין אַ צייט, ווען די אַנדערע קינדער האָבען זיך געלאָזט וואוילגעהן, איז דער קליינער קריסטאָף געזעסען ביי זיין אָרקעסטער־סטענדער אין שטויביגען, שלעכט־באַלויכטעטען טעאַטער־זאַל, דער שטערן צורונצעלט פון אויפמערקזאַמקייט; און אין אָווענט, ווען אַנדערע קינדער האָבען שוין געשלאָפען, איז ער נאָך אַלץ געזעסען דאָרט אויף זיין שטול אַ צוזאַמענגעקאָרטשעטער פון פאַרמאַטערטקייט.

קיין נאָהענטקייט ניט מיט זיינע אַנדערע ברידער. דער איינגסטער, ערנסט איז אַלט געווען צוועלף יאָהר. ער איז געווען אַ קליינער לאַידאַק, פאַרדאָרבען און חוצפה'דיג, וואָס פלעגט פאַרברייננגען די טעג מיט אַזעלכע חברהלייט, ווי ער אַליין איז; און פון דער חברותא זיך אָנגענומען ניט נאָר מיט קלאָגעדיגע מאַניערען, נאָר אויך מיט שענדליכע געוואָהנהייטען. וועגען וועלכע דער עהרליכער, אַנשטענדיגער קריסטאָף האָט קיין שום פאַרשטעלונג אפילו ניט געהאַט, ביז ער האָט עס איינמאָל מיט עקעל באַמערקט. דער צווייטער, רודאָלף, דער ליעבלינג פון פעטער טעאָדאָר, האָט געוואָלט ווערן אַ סוחר. ער איז געווען אַ רוהיגער, געזעצטער אָבער אַ ביט־רער; ער האָט זיך געהאַלטען פיעל העכער פאַר קריסטאָף'ן און האָט ניט דערלאָזען, אַז יענער זאָל האָבען אַ דעה אין הויז, כאָטש ער האָט געהאַלטען פאַר גאַנץ נאַטירליך צו עסען זיין ברויט. ער האָט געפיהלט די זעלבע פאַרביטערונג געגען איהם, ווי טעאָדאָר און מעלכיאָר, און פלעגט פאַרנאַנדערטראָגען זייערע לעבערליכע רכילות וועגען איהם. קיינער פון די

ביידע ברידער האָט ניט האַלט געהאַט קיין מוזיק. און, נאָכ־מאַכענדיג דעם פּעטער, האָט אויך רודאָלף זיך באַמיהט אַרויסצואַווייזען צו איהר פּאַראַכטונג. זיך פיהלענדיג ניט באַקוועם, וואָס קריסטאָף, וועלכער האָט זעהר ערנסט גענו־מען זיין ראָלע אַלס דער הויפּט פון דער פאַמיליע, גיט אויף זיי אַכטונג און בייזערט זיך אַז, האָבען די ביידע קליינע גע־פּרובירט רעוואָלטירען; אַבער קריסטאָף האָט געהאַט שטאַר־קע הענט און דאָס באַוואוסטזיין פון זיין רעכט; און ער האָט זיי געוויזען ווער עלטער איז. פונדעסטוועגען האָבען זיי מיט איהם געמאַכט, וואָס זיי האָבען געוואָלט; זיי האָבען אויסגע־נוצט זיין לייכטגלויביגקייט און איהם געלייגט פּאַסטקעס, אין וועלכע ער פלעגט שטענדיג אַריינפאַלען; זיי פלעגען פון איהם אויסנאַרען געלט, אָנזאָגען שקרים אָהן שום בושה און חרפּה און מאַכען חוזק פון איהם הינטער זיין רוקען. דער גוטער קריסטאָף האָט שטענדיג זיך געלאָזען אָפּנאַרען. ער האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקען פאַרלאַנג צו ווערען געליעבט, אַז איין צערטליך וואָרט איז געווען גענוג אוועקצונעהמען ביי איהם דעם כעס. פאַר אַ קליין ביסעל ליעבע וואָלט ער זיי אַלץ מוחל געווען. אַבער זיין צוטרוי איז געווען שרעקליך צושטערט, ווען ער האָט איין מאָל געהערט ווי זיי מאַכען חוזק פון איהם פאַר זיין נאַרישקייט, גלייך נאָכדעם, ווי זיי האָבען מיט איהם אָפּגעשפּיעלט אַ צבועצ׳קע סצענע און איהם אַרומגענומען, וואָס האָט איהם געריהרט ביז צו טרעהרען; דאָס האָבען זיי נאָר אָפּגעשפּיעלט, כדי פון איהם אַרויסצו־נאַרען דעם שעהנעם גאָלדענעם זייגער, אַ מתנה פון פירשט, וועלכען זיי האָבען גע׳חלש׳ט אַרויסצוקריגען. ער האָט זיי פאַראַכטעט, און האָט זיך פון דעסטוועגען ווייטער געלאָזט פיהרען פאַר׳ן נאָז צוליעב זיין פאַרלאַנג צו ווערען געליעבט

און צוליעב זיין צוטרויען צו מענשען. ער האָט עס געוואוסט און פלעגט ווערן שטארק בייז אויף זיך אליין און פלעגט די ברידער שלאָגען רוק און ביין, ווען ער פלעגט אויסגעפינען, אז זיי האבען ווידער געפיהרט ליצנות מיט איהם. אבער דאָס האָט איהם ניט אפּגעהאלטען באלד ווידער איינצובייסען דעם נייעם קרוטשיק, וועלכען זיי האָט זיך נאָר געוואָלט איהם אונטערוואַרפען.

נאָך א ביטערער וועהטאָג איז איהם פאַרגעשטאַנען. ער האָט זיך דערוואוסט פון שכנים — בעלי טובות, אז זיין פאָטער רעדט רשעות אויף איהם. נאכדעם ווי ער האָט געשטאָלצירט מיט דעם ערפאָלג פון זיין זוהן און זיך אומעטום באַריהמט מיט איהם, איז אויף איהם ארויפגעפאלען די מאָוס׳ע שוואכקייט איהם מקנא צו זיין. ער האָט געזוכט איהם צו מאכען צו קליינגעלט. עס איז געווען נאריש ביז צום וויינען. מען האָט נאָר געקאָנט קוועטשען מיט די פּלייצעם; זאָגאר ניט ווערן איז כעס; ווארום ער האָט אליין ניט געוואוסט, וואָס ער טוט, זייענדיג פארביטערט דורך זיין מפּלה. קריסטאָף האָט געשוויגען, ווארום ער האָט מורא געהאט, אז ער וועט זיך ארויסריידען צו הארבע ווערטער, אויב ער וועט ריידען, אבער זיין הארץ איז געווען מיט בלוט אפּגעגאסען.

א טרויעריגע באַנגעניש פלעגט עס זיין ביי דער וועטשערע, ווען אלע פלעגען זיצען צוזאמען אין קרייז פון דער פאמיליע, ארום בלאָטיגען טישטוך ביים ליכט פון לאָמפּ; ארום איהם — נאָר נארישע פלוידעריי און דער גערויש פון די יאַסלעס פון אָט די נפשות, וועלכע ער האָט מבזה געווען, אויף זיי רחמנות געהאט און, ניט קוקענדיג אויף אלץ, דאָך געליעבט! נאָר צו דער בראווער מוטער האָט קריסטאָף געפיהלט א באנד פון געגענזייטיגער צערטליכקייט. אבער לויי־

זע פלעגט, ווי ער, זיך אַנמאטערן א גאנצען טאָג: אין אָוועגט פלעגט זי זיין ווי אויסגעלאָשען, פלעגט ניט אויסריידען א וואָרט און איינשלאָפען נאָכ'ן עסען ביים פארצירעווען די זאַ־ קען, זיצענדיג אין שטול. אויסערדעם איז זי געווען אזוי גוט, אז זי האָט ניט געמאכט קיין אונטערשיעד אין איהר ליעבע צווישען דעם מאן און די דריי זיהן; זי האָט זיי אלעמען גלייך האָלט געהאט. קריסטאָף האָט אין איהר ניט געפונען די פארטרויטע, אין וועלכע ער האָט זיך גענויטיגט.

אָט אזוי האָט ער זיך איינגעשלאָסען אין זיך אליין. ער איז ארומגעגאנגען א שווייגענדיגער גאנצענע טעג, אַפּטור־ ענדיג זיין איינפאָרמיגע, שווערע טעגליכע ארבייט אין א שטור־ מען צאָרן. אזא זאָרט לעבען איז געווען זעהר געפעהרליך, בפרט נאָך פאר א קינד אין אזא קריטישען עלטער, ווען דער אָרגאניזם איז מעהר עמפפינדליך און איז מעהר קאפאבעל אויפצונעהמען אלע צושטערונגען וואָס קענען לייכט פאר־ קריפלען פאר'ן גאנצען לעבען. קריסטאָף'ס געזונט האָט שטארק געליטען פון דעם. ער האָט גע'ירש'נט פון די עלטערן א געזונטע געבוי און א קרעפטיגען קערפער. אבער אזא שטארקע געבוי גיט נאָך מעהר שפייז פאר ליידען, ווען צו גרויסע אַנשטרענגונג און פריהצייטיגע זאָרג רייסען דורך שפאלטען, דורך וועלכע זיי קענען זיך אריינ'גנב'נען. שוין גאנץ פריה האָבען זיך ביי איהם באוויזען ערנסטע, נערוועזע שטערונגען. נאָך אלס גאנץ קליינער קינד פלעגט ער ביי יע־ דער אונאנגענעהמליכקייט פאלען אין חלשות, באקומען קאָנ־ וואולסען און נעהמען ברעכען. צווישען זיעבעטען און אכטען יאָהר, אין דער צייט, ווען ער איז צום ערשטען מאָל אויפ־ געטראָטען אין קאָנצערט, האָט ער אָנגעהויבען צו שלאָפען זעהר אונרוהיג: ער האָט גערעדט, געשריען, געלאכט און

געוויינט אין שלאָף; און אַט די קראַנקהאַפטע סמנים פלעגן זיך אומקעהרען יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיך שטאַרק אויפרעגען. דערצו האָט ער געליטען פון שרעקליכע קאָפּ־וועהטאָגען, וואָס פלעגען זיך אויסדריקען אמאָל אין א שטעכעניש און הינטער'ן קאָפּ און אין די זייטען פון שאַרבען; אַן אַנדער מאָל — ווי מען וואָלט בלייענע רייפען איהם אַנטאָן אַרום קאָפּ; די אויגען האָבען איהם וועה געטאָן; צייטענווייז פלעגט איהם זיך דאַכטען, ווי מען וואָלט איהם שטעכען אין די אויגענלעכער מיט נאָדלען; ער פלעגט זיין ווי פאַרבלענדעט, און ער פלעגט ניט קענען לייענען, און מינוטען־לאַנג פלעגט ער מוזען אויפהערען לייענען. פון דעם ניט דערעסען און פון עסען ניט קיין געזונטע שפייז און דערצו נאָך אין ניט רעגולערע צייטען, איז זיין געזונטער מאָגען אינגאַנצען חרוב געוואָרען; ער האָט שטאַרק געליטען פון וועהטאָגען אין בויך און אַפּשוואַכענדען שלשול; אבער פון קיין זאַך האָט ער ניט אזוי פיעל געליטען ווי פון זיין האַרץ: עס האָט געקלאַפּט אין א משוגע'נער ניט רעגעלמעסיגקייט; אַט איז עס געשפּרונגען צוואַווילדעט, ווי עס וואָלט וועלען צופּלאַצען; און אַט האָט עס קוים זיך גערירט און איז ווי שטעהן געבליבען. ביינאַכט פלעגט די טעמפּעראַטור ביים קינד זיך ענדערן אויפ'ן שרעקליכסטען אופן: זי פלעגט זיך וואַרפען צווישען הויכער היץ און בלוטאָרימקייט, גאָר אָהן א הפסקה אין מיטען. ער האָט געברענט, געציטערט פון קעלט, געהאַט שרעק־אַנפאַלען, ער פלעגט באַקומען א קראַמפּף אין קעהל און א קיילכעל פלעגט זיך אוועקשטעלען אין האַלז, וואָס פלעגט איהם ניט לאָזען אָטעמען. — נאַטירליך איז זיין פאַנטאַזיע פון דעם געוואָרען שטאַרק איינגעשראָקען: ער האָט ניט געהאַט דעם מוט צו דערצעהלען זיין פאַמיליע מכח

דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געפיהלט; אָבער ער האָט עס שטענ־
דיג זיך צוגעהערט דערצו און דורך דעם נאָך שטאַרקער גע־
מאַכט די וועהטאָגען. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער האָט
אַלע קראַנקהייטען פון וועלכע ער האָט געוואוסט; ער האָט
געגלויבט, אַז ער מוז ווערען בלינד; און אַזוי ווי ביים געהן
פלעגט איהם אַמאָל אַנהויבען שווינדלען, פלעגט ער טראַכ־
טען, אַז ער וועט פלוצלונג אַנידערפאַלען אַ טויטער — שטענ־
דיג האָט איהם באַהערשט, געדריקט, אָבער צו דערזעלבער
צייט אונטערגעטריבען אַט די שרעקליכע מורא אָפּגעהאַלטען
צו ווערען אויפ'ן האַלבען וועג, צו שטאַרבען פריהצייטיג.
אַך! אויב מען מוז שוין שטאַרבען, טו כאָטש, וויינינגסטענס,
ניט איצט, איידער מען איז נאָך דער זיעגער...

דער זיעג... אַט די פיקסע אידעע, וואָס האָט געברענט
שטענדיג אין איהם, כאָטש ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּגע־
בען קיין חשבון פאַרוואָס, זי האָט איהם דורכגעטראָגען דורך
אַלע צרות, אַנשטרענגונגען און געשטיצט אין גאַנצען זומפּ
פון לעבען. דאָס אונקלאָהרע און מעכטיגע באַוואוסטזיין פון
דאָס, וואָס ער וועט שפּעטער זיין, וואָס ער איז שוין איצט!...
וואָס איז ער? אַ קרייפּקליך, נערוועז קינד, וואָס שפּיעלט אין
אָרקעסטער און שרייבט מיטעלמעסיגע קאָנצערטען? — ניין,
פיעל מעהר, ווי אַזא קינד. דאָס איז נאָר דער צודעק, דאָס
היינטיגע אויסזעהן, דאָס איז ניט זיין תמצית. עס איז ניטאָ
קיין שייכות צווישען זיין אמת'ען יש, און די איצטיגע
פאָרמען פון זיין פנים און פון זיינע געדאַנקען. דאָס ווייס ער
גאַנץ גוט. דערזעהט ער זיך אין שפּיעגעל, דערקענט ער זיך
ניט. אַט דער ברייטער, רויטער פנים, אַט די גרויסע ברע־
מען, די טיעפליעגענדע אויגען, אַט דער קורצער נאָז, גראָב
ביים ענד, מיט ברייטע נאָזלעכער, אַט די שווערע קיהנביי־

נער. אַט די אַנגעבלאָזענע מויל — אַט די גאַנצע העסליכע און וואַכעדיגע מאַסקע איז איהם אַליין פרעמד. פּונקט אַזוי ווייניג דערקענט ער זיך אין זיינע ווערק. ער קריטיקירט זיך אַליין, ער וויים, אַז דאָס אַלץ, וואָס ער מאַכט, וואָס ער איז איצט, האָט קיין שום ממשות ניט, און פונדעסטוועגען איז ער זיכער אין דעם, וואָס ער וועט זיין און וואָס ער וועט מאַכען. אָפטמאָל וואַרפט ער זיך אַליין פאָר אַט די זיכער־קייט זיינע, אַלס אַ שקר פון אַ בעל־גאוה: און עס איז פאַר איהם אַ פרייד זיך אַליין צו ערנידעריגען, זיך צו פּייניגען און צו באַשטראָפען. אָבער די זיכערקייט שלאָגט זיך דורך און קיין זאַך קען איהר ניט שעדיגען. וואָס ער זאָל ניט טאָן, וואָס ער זאָל ניט טראַכטען, קיין איינציגער פון זיינע גע־דאַנקען, קיין איינציגע פון זיינע האַנדלונגען, נעהמט איהם ניט אַריין, דריקט איהם ניט אויס. ער וויים עס; ער האָט דעם וואונדערליכען געפיהל, אַז דאָס וואָס ער איז באמת, איז ער נאָך היינט ניט, אָבער אַז ער וועט עס זיין מ אָ ר־ג ע ן... ע ר ו ו ע ט ז י י ן!... ער ברענט מיט דעם גלויבען, ער פאַר'שכור'ט זיך פון דעם ליכט! אַך! זאָל נאָר דער ה י י נ ט איהם ניט אָפּהאַלטען ביים פאַריבערגעהן! זאָל ער נאָר ניט אַריינפאַלען אין איינע פון יענע פאַסטקעס. וועלכע דער היינט הערט ניט אויף איהם אונטערצולייגען אונטער זיינע פיס!

אַט אַזוי קירעווערט ער זיין שיפעל דורך דעם שטראָם פון טעג, ניט אָפּקעהרענדיג די אויגען ניט אויף רעכטס און ניט אויף לינקס; ער שטעהט פעסט ביים רודער, זיך ניט ריהרענדיג, דער בליק אָנגעשטרענגט אויף דעם ציעל, אויף דעם האַפען, דאָס ענד, וואָס ער זעהט פאָראויס. וואו ער זאָל זיך ניט געפינען: צי אין אָרקעסטער צווישען די מו־

זיקאנטען; ביי דער פלוידערייַ ביים טיש אין מיטען פון זיין פאַמיליע; אין פּאַלאַץ, בעת ער שפּיעלט אהן קאָפּ, כדי צו אונטערהאַלטען די פירשטליכע ליאַלקעס; שטענדיג איז עס די אונבאַוואוסטע צוקונפט, אַט די צוקונפט, וואָס קען דורך גאַר נ שט חרוב ווערען אויף אייביג — שטענדיג איז עס די צוקונפט, אין וועלכע ער לעבט.

ער זיצט אין זיין שאַלקע איינער אַליין ביי זיין אַל־טען קלאַוויר. דער אָפּשטאַרבענדער שיין פון טאָג גליטשט זיך איבער דעם נאַטען־העפט. ער פאַרדאַרבט זיך די אויגען, כדי צו לעזען ביז צום לעצטען טראָפּען ליכט. די צערטליכ־קייט פון די גרויסע, אויסגעלאָשענע הערצער, וואָס אָטעמט פון אָט די שטומע זייטען, דרינגען דורך פול פון ליעבע. זיינע אויגען פילען זיך אָן מיט טרערען. ער פיהלט, ווי אַ געליעבט באַשעפעניש וואָלט געשטאַנען הינטער איהם, ווי אַ זיסער הויך וואָלט געצערטעלט זיינע באַקען, ווי צוויי אָרימס וואָל־טען איהם ארומגעהמען פאַר'ן האַלז. אַ פאַרציטערטער קעהרט ער זיך אום. ער פיהלט, ער ווייס עס, אַז ער איז ניט אַליין. אַ ליעבענדע און געליעבטע נשמה איז דאָ פאַראַן ביי זיין זייט. ער קרעכצט הויך, ווייל ער קען עס ניט באַנעהמען. און דאָך ברייננגט אויך דער שאָטען פון ביטערקייט, וואָס מישט זיך דורך אין זיין התלהבות, אַ פאַרבאָרגענע זיסקייט. דער טרויער אַליין ליכבט פאַר איהם. ער טראַכט וועגען זיינע פיעלגעליעבטע לעהרער, די פאַרשוואונדענע גאונים, וועמעס נשמות עס שטעהן ווידער אויף תחית המתים אין דער מוזיק, אין וועלכער זיי האָבען אַמאָל געלעבט. מיט אַ האַרץ אויפ־געשוואָלען פון ליעבע, טראַכט ער וועגען יענעם איבער־מענשליכען גליק, וואָס האָט געמוזט אויספאַלען אויף זיינע באַריהמטע פריינד, אויב אפילו נאָר די בלאַסע אָפּשטראַה־לונג פון זייער גליק, ברענט אַזוי ליכטיג. ער חלומ'ט דער־פון צו ווערען גלייך מיט זיי און אויך צו לייכטען מיט אַזאַ

ליעבע, ווי די, וואָס באַלייכטען איצט אין אַ פּאָר פּאַרלאַ־רענע שטראַהלען זיין עלענד מיט אַ גוטליכען שמייכעל. אליין אויך צו זיין אַ גאָט, אַ היים פון פרייד, אַ זון פון לעבען!...

אָבער אַ, וועהגעשריען! ווען ער וועט אמאָל ווערן גלייך צו די, וועמען ער ליעבט: ווען ער וועט דערגעהן צו דעם שטראַהלענדען ליכט, וואָס ער איז מקנא, דאַמאָלט וועט ער ערשט זעהן, וואָס פאַר אַ פאַלשער חלום עס איז געוועזן!...

II.

אָטָא.

איינמאָל אַ זונטאָג איז קריסטאָף געווען איינגעלאַדען פון זיין מוזיק־דירעקטאָר, טאביאס פפייפער, צום מיטאָג־עסען אויף זיין דאטשע, וואָס עס האָט זיך געפונען אַ שעה רייזע פון שטאָדט. ער האָט גענומען דעם רהיין דאמפף־שיף. אויפ׳ן דעק האָט ער זיך אוועקגעזעצט לעבען אַ יונגען בחור׳ל אין זיינע יאָהרען, וואָס האָט זיך געפלייסט צו מאכען פלאַץ פאר איהם. קריסטאָף האָט ניט געשאָנקען דערצו קיין אויפמערקזאמקייט. אבער אין אַ מינוט ארום, מערקענדיג, אז זיין שכן הערט ניט אויף איהם צו באקוקען, האָט אויך ער זיך שארף צוגעקוקט צו איהם. עס איז געווען אַ בלאָנ־דער יונגערמאנטשיק מיט רויטע, קיילעכדיגע באקען, מיט די האָר גלאַט פארקאמט אויף אַ זייט און מיט אַ שאטען פון וואנצעס אויף די ליפען; ער האָט געהאט דעם אויסזעהן פון אַ גוטמוטיגען „דראָגג“, כאָטש ער האָט זיך אָנגעטאָן אזוי, אז ער זאָל אויסזעהן ווי אַ גאנצער דזשענ־טעלמען. ער איז געווען אָנגעטאָן מיט גרויס פרעטענזיעס: אַ פלאַנעלענער אנצוג, מיט העלע הענדשקעס, מיט ווייסע שיך און אַ בלאָס - בלויען האַלזטוך; אין האנט האָט ער געהאַלטען אַ שפּאַציר־שטאָק. ער האָט געקוקט אויף קריסטאָף׳ן פון דער זייט, ניט אומקעהר־רענדיג דעם קאָפּ, ווי אַ הערנדל; און אז קריסטאָף האָט פון זיין זייט גענומען קוקען אויף איהם, איז ער רויט געוואָרען ביז די אויערן, האָט ארויסגענומען אַ צייטונג פון קעשענע און האָט זיך געמאכט, ווי ער וואָלט בלומרשט געווען טיעף פארטאָן אין איהר. אבער אין עטליכע מינוט ארום האָט ער

זיך גיך איינגעבויגען אויפצוהויבען קריסטאָף'ס הוט, וואָס איז געווען אראָפּגעפאלען. קריסטאָף, וואָס איז געווען איבער־ראשט פון אזא העפליכקייט, האָט ווידער א קוק געטאָן אויפ'ן בחור'ל, און יענער איז ווידער רויט געוואָרען: קריסטאָף האָט טבוקען אָפּגעדאנקט, ווארום איהם איז ניט געפעלען געוואָרען די זאָרט הכנעה'דיגע איבערגעבענהייט, און ער האָט פיינט געהאט, ווען מען האָט זיך מיט איהם אָפּגעגע־בען. פונדעסטוועגען האָט ער זיך געפיהלט געשמייכעלט.

באלד האָט ער דערפון מעהר ניט געטראכט. זיין אויפ־מערקזאמקייט איז געווען צוגעצויגען צו דער לאנדשאפט. שוין זייט א לאנגע צייט האָט ער זיך ניט געקאָנט ארויס־רייסען פון שטאָדט; אויך האָט ער געהאט גרויס פארגני־גען פון דער לופט, וואָס דער ווינט האָט איהם געשמיסען אין פּנים אריין, פון גערויש פון די כוואַליעס, וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָגען אין שיף, פון גרויסען שטח וואסער און פון די פארשיעדענע בילדער פון די ברעגעם: גרויע, נידעריגע בערגלאך, ווערבעס, וואָס האָבען זיך געבאָדען אין שטראם, שטעדט, וואָס זיינען געווען געקרוינט מיט גאָטישע טורעמס, און רויכענדיגע פאבריק־קוימענס, געלע וויינגערטנער און לעגענדארישע פעלזען. אזוי ווי ער האָט אויפ'ן קול אויסגע־דריקט זיין התלהבות, האָט זיין שכן, ווי כלומרשט לאחר יד, שעמעדיג, מיט א פארשטיקטער שטים ארויסגעזאָגט עטליכע היסטאָרישע באמערקונגען וועגען די חורבות, וואָס זיינען אזוי קונציג צוריק אויפגעשטעלט געוואָרען מיט פלושטין, אזוי ווי ער וואָלט געהאלטען א דרשה פאר זיך אליין. קריסטאָף'ס אויפמערקזאמקייט איז געוואָרען צוגעצויגען, און ער האָט ווייטער אויסגעפרעגט. דער אנדערער איז געווען גליקליך צו קענען ארויסווייזען זיינע קענטניסע, און ער האָט זיך גע־

איילט צו ענטפערן. ער האָט זיך איצט געווענדעט דירעקט צו קריסטאָף׳ן, איהם אָנרופענדיג „הער הויף־פידעלער“.

— „איהר קענט מיך אַלזאָ?“ — האָט קריסטאָף א פרעג געטאָן.

„אָ, יאָ“ — האָט דער בחור׳ל געענטפערט אין א טאָן פון אזא נאיווער באוואונדערונג, וואָס איז געווען א נחת־רוח פאר קריסטאָף׳ס גאוה.

זיי האָבען גענומען פּלוידערן איינער מיט׳ן אַנדערען. דער יונגערמאַנטשיק האָט אפט געזעהן קריסטאָף׳ן אויף די קאָנצערטען, און זיין פאַנטאַזיע איז געווען שטאַרק אָנגע־צויגען דורך דאָס אַלץ, וואָס מען האָט וועגען איהם דער־צעהלט. ער האָט עס אפילו ניט ארויסגעזאָגט קריסטאָף׳ן; אבער יענער האָט עס געפיהלט, און איז פון פרייד איבער־ראַשט געוואָרען. ער איז געווען ווייניג געוואָהנט, מען זאָל ריידען צו איהם אין א טאָן פון אזא טיעף דורכגעפיהלטען רעספּעקט. ער האָט ווייטער אויסגעפרעגט זיין שכן וועגען דער געגענד און איהר געשיכטע; יענער האָט מיט גרויס חשק ארויסגעלייגט די ידיעות, וואָס ער האָט אליין אקאָרשט באקומען; און קריסטאָף האָט באוואונדערט זיין געלעהרט־זאַמקייט. אבער דאָס אַלץ איז נאָר געווען אַן אויסרייד פאר זייער אונטערהאַלטונג; דאָס וויכטיגסטע פאר זיי איז געווען איינער מיט דעם אנדערן זיך נאָהענטער צו באקענען. תחלת האָבען זיי ניט געהאט דעם מוט זיך אפען מודה צו זיין אין דעם. זיי האָבען זיך ווידער און ווידער אומגעקעהרט דערצו דורך פארשטעלטע, ניט געשיקטע פראַגען. צו ענד האָבען זיי זיך באשלאָסען צו ריידען אפענער, און קריסטאָף האָט זיך דערוואוסט, אז זיין נייער פריינד הייסט „הער אָטאָ דיענער“

און איז א זוהן פון א רייכען סוחר אין שטאָדט. עס האָט זיך ממילא ארויסגעוויזען, אז זיי האָבען געמיינזאמע באקאנטע, און זייערע צינגער זיינען ביסלאכווייז לויזער געוואָרען. ווען דאָס שיף איז צוגעקומען צו דער שטאָדט, וואו קריסטאָף האָט באדארפט ארונטער, האָבען זיי געהאלטען אין רעכטען מי־טען פון א לעבעדיגען געשפרעך. אָטאָ איז אויך ארויס. דער צופאל איז ביי זיי אויסגעקומען זעהר מערקווירדיג, און קריסטאָף האָט פארגעשלאָגען צוזאמען זיך דורכצושפאצירען ביז מיטאָגצייט. זיי האָבען זיך אוועקגעלאָזען דורך די פעל־דער. קריסטאָף האָט פריינדליך גענומען אָטאָ'ן אונטער'ן אָרים, און האָט איהם אויסדערצעהלט זיינע פלענער, אזוי ווי ער וואָלט איהם געקענט פון קינדווייז אָן. ער איז אזוי שטארק געווען אָפגעוואָהנט פון דער געזעלשאפט פון קינ־דער פון זיין עלטער, אז עס איז געווען פאר איהם א פרייד אָהן שום גלייכען צו פארבלייבען צוזאמען מיט דעם גע־בילדעטען און גוטערצויגענעם יונגען מאן, וואָס האָט ארויס־געוויזען סימפאטיע צו איהם.

די צייט איז פארביי ניט באמערקט. דיענער, שטאָלץ מיט דעם צוטרוי פון יונגען מוזיקאנט, האָט ניט געוואגט איהם צו דערמאָנען, אז עס האָט שוין געשלאָגען די שעה פאר זיין איינלאדונג. צו ענד האָט ער דאָך געפונען, אז עס איז זיין פליכט איהם צו דערמאָנען. אבער קריסטאָף, וואָס האָט אקאָרשט געהאלטען אין ארויפקלעטערן אויף א בארג אין רעכטען מיטען וואלד, האָט געענטפערט, אז קודם כל מוז מען דערגעהן ביז'ן שפיץ בארג; ווען זיי זיינען דערגאנגען אהין, האָט ער זיך אויסגעצויגען אויפ'ן גראָז, אזוי ווי ער וואָלט געהאלטען ביים פארברייגען דאָרט דעם גאנצען טאָג. אין א פערטעל שעה ארום, ווען דיענער האָט דערזעהן,

אז ער וויל זיך נאָך אלץ ניט ריהרען, האָט ער ווידער פאַר־זיכטיג א פרעג געטאָן:

— „און אייער מאָהלצייט?“

קריסטאָף, וועלכער איז געלעגען אויסגעצויגען אין דער גאַנצער לענג מיט די הענט אונטער'ן קאָפּ פאַרלייגט, האָט גאַנץ רוהיג געענטפערט:

— „פּש“!

אָבער א קוק טוענדיג אויף אָטאָ'ס פאַרוואונדערטען פּנים, האָט ער זיך צולאַכט. „דאָ איז צו שעהן“ — האָט ער ערקלעהרט — „איך געה ניט אהין, זאָלען זיי וואַרטען אויף מיר!“

ער האָט זיך האלב אויפגעזעצט:

— „איילט איהר זיך? ניין, ניט אמת? ווייסט איהר. וואָס מיר דאַרפען טאָן? מיר וועלען עסען מיטאַג צוזאַמען. איך ווייס פון אן אכסניא“.

דיענער האָט אפילו געהאַט א סך טענות ארויסצושטעלען. כאָטש קיינער האָט אויף איהם ניט געוואַרט; דאָך איז איהם בכלל ניט געווען אנגענעהם זיך צו באַגעגענען מיט א באַשלוס, וואָס ער האָט ניט פאַראויסגעזעהן; ער איז געווען א מענש מיט א סדר און האָט געקאָנט אלץ אויס'חשבונ'ען פאַראויס. אָבער קריסטאָף'ס פראַגע איז געווען געשטעלט אין אזא טאָן, וואָס האָט ניט דערלאָזען די מעגליכקייט פון אָפּזאָגען זיך. אָט אזוי האָט ער געלאָזען זיך מיטשלעפּען, און זיי האָבען פון דאָס ניי גענומען פּלוידערן.

אין רעסטאָראַן האָט זייער ברען אביסעל נאָכגעלאָזען. ביידע זיינען געווען פאַרנומען מיט דער ערנסטער פראַגע, ווער זאָל דעם אנדערן פאַרבעטען צום עסען; און יעדער איי־נער האָט שטילערהייט געהאַלטען פאַר אַן עהרען־זאַך אליין

צו זיין דער פאַרבעטער: דיענער, ווייל ער איז געווען דער רייכערער און קריסטאָף, ווייל ער איז געווען דער אָרימערער. זיי האָבען וועגען דעם ניט גערעדט אַפען. אבער דיענער האָט זיך באַמיהט זיין רעכט פעסטצושטעלען דורך דעם, וואָס ער האָט מעשה בעל־הבית באַשטעלט די געריכטען. קריסטאָף האָט באַמערקט, וואָס ער מיינט דערמיט, און האָט ווידער אריבערגעיאָגט, באַשטעלענדיג אַנדערע, נאָך טייערערע מאכלים; ער האָט איהם געוואָלט ווייזען, אז ער איז אזא מבין אויף די זאַכען, ווי ווער עס איז אַן אַנדערער. ווען דיענער האָט געמאַכט א נייע פּראָבע, נעהמענדיג זיך אויסקלייבען דאָס וויין, האָט איהם קריסטאָף ארונטערגעזעצט פון טראָפ דורך זיין בליק; און האָט געלאָזט ברייגנען א פלאַש פון דער טייערסטער משקה, וואָס האָט זיך געפונען אין רעסטאָראַן.

זיך אוועקזעצענדיג ביי דעם רייך געגרייטען טיש, האָבען זיי זיך געפיהלט אביסעל ניט באַקוועם. זיי האָבען ניט געוואוסט וועגען וואָס צו ריידען צווישען זיך, האָבען געגעסען מיט גרויס כונה, און זיך געפיהלט געשטערט, געבונדען אין זייערע באַוועגונגען. זיי האָבען פלוצלונג באַמערקט, אז זיי זיינען פרעמדע איינער פאַר'ן אנדערן, און זיי האָבען זיך גענומען צוקוקען איינער צום אַנדערן. די אַנשטרענגונגען ווי־דער אַפּצופרישען דעם געשפּרעך זיינען געווען אומזיסט: ער האָט זיך באַלד ווידער איבערגעריסען. אָט אזוי האָבען זיי זיך געלאַנגווײלט די ערשטע האַלבע שעה. צום גליק האָט דאָס מיטאָג־עסען געטאָן דאָס זייניגע, און דיביידע טיש־פריינד האָבען אָנגעהויבען צו קוקען איינער אויף דעם אַנדערן מיט מעהר פאַרטרויען. קריסטאָף, וואָס איז באַזונדערס ניט גע־ווען געוואָהנט צו אַזעלכע פאַראַדנע סעודות, האָט זיך צו־

דערם. ער האָט דערצעהלט פון זיין שווערען לעבען: און אָטאָ, פארלאָזענדיג זיין אָנגעצויגענקייט, האָט זיך מודה גע־ווען, אז ער איז אויך ניט גליקליך. ער איז שעמעדיג און שוואך, און זיינע חברים נוצען עס אויס. זיי מאַכען חוזק פון איהם; זיי זיינען איהם ניט מוחל, וואָס ער פאראַכטעט זייערע שלעכטע מאַניערען; זיי טוען איהם אָפּ שמד'שטיק.— קריסטאָף האָט צוזאַמענגעדריקט די פויסטען און געזאָגט, אז קיין גוטס וואָלט זיי ניט צוקומען, אויב זיי וואָלטען עס געפּרובירט טאָן, ווען ער איז דערביי. — אָטאָ האָט זיך גע־פיהלט געקריינקט אויך פון זיין משפּחה. קריסטאָף האָט דעם וועהטאָג געפיהלט פון זיך אליין; און אזוי האָבען זיי ביידע רחמנות געקראָגען איינער אויף דעם אנדערן... דיע־נערם עלטערן האָבען געוואָלט פון איהם מאַכען א סוחר, כדי ער זאָל איבערנעהמען דעם פאַטערם געשעפט. ער אָבער האָט געוואָלט ווערען א פּאָעט. יא, ער וועט זיין א פּאָעט, ווען אפילו ער זאָל דארפען, ווי שילער, אנטלויפען פון דער היים און לעבען אין דחקות! (אגב אורחא: ער האָט גע'ירש'נט דעם פאַטערם גאַנצען פארמעגען און דאָס איז געווען גאָר ניט קיין קטנות). ער האָט זיך מודה געווען, רויט ווערענ־דיג, אז ער האָט שוין געשריבען געדיכטע וועגען דעם טרויער פון לעבען; ער האָט אָבער ניט געקאָנט זיך באַשליסען, ניט קוקענדיג אויף קריסטאָף'ם בקשות, זיי פארצולייענען. צום סוף האָט ער פּאָרט פארגעלייענט, שטאַמלענדיג פון אויפרע־גונג, צוויי דריי פון זיי. קריסטאָף האָט געפונען, אז זיי זיי־נען וואונדערשעהן. זיי האָבען איינע די אנדערע דערצעהלט זייערע פּלענער מכח דער צוקונפט: שפּעטער וועלען זיי אר־בייטען צוזאַמען, זיי וועלען שרייבען דראַמען און גאַנצע סעריעס ליעדער. זיי האָבען איינע די אנדערע באַוואונדערט.

אויסער פאַר זיין גרויסען נאָמען אַלס מוזיקאַנט, האָט אָטאָ באַלד גרוים דורך אַרץ באַקומען אויף פאַר קריסטאָף'ס קראַפט און פאַר זיין האַרציגען באַנעהמען זיך. און קריס־טאָף האָט געפיהלט אַ שוואַכקייט פאַר אָטאָ'ס עלעגאַנץ, פאַר זיינע גוטע מאַניערען. — אַלץ איז דאָך אַזוי פאַרהעלטניס־מעסיג אין דער וועלט — און פאַר זיינע גרויסע קענטניסע, אָט די קענטניסע, וואָס האָבען איהם לחלוטין געפעהלט, און נאָך וועלכע ער האָט אַזוי געגאַרט.

פויל ווערענדיג פון דער סעודה, מיט די עלענבויגענס אויפ'ן טיש, האָבען זיי אַזוי גערעדט צווישען זיך און איינער דעם אַנדערן אויסגעהערט מיט ריהרונג אין די אויגען. עס איז געוואָרען שפּעטלאַך נאָך מיטאַג. מען האָט גע־מוזט זיך ריהרען פון אָרט. אָטאָ האָט געמאַכט די לעצטע פּראָבע צו פאַרכאַפּען די רעכנונג. קריסטאָף אָבער האָט איהם געצוואונגען מיט אַ בייזען בליק צו בלייבען אויף זיין פּלאַץ אַזוי, אַז ביי איהם איז אַוועק יעדער חשק זיך צו שטעלען אַנטקעגען. קריסטאָף האָט געהאַט נאָר איין זאָרג: מען זאָל ניט בעטען מעהר, ווי פיעל ער האָט געהאַט ביי זיך; ער וואָלט בעסער אַוועקגעגעבען זיין זייגער און אַלץ וואָס ער האָט מיט זיך געהאַט, איידער אָטאָ זאָל דערפון זיך דערוויסען. אָבער אַזוי ווייט איז עס ניט דערגאַנגען; ער האָט געמוזט זיך צופריידענשטעלען דערמיט, מקריב צו זיין כמעט זיין גאַנצע געהאַלט פון חודש פאַר דעם מיטאַגעסען.

זיי האָבען זיך ווידער אַראָפּגעלאָזען באַרג אַראָפּ. די אָוונט־פינסטערניש האָט אָנגעהויבען זיך אויסצושפּרייטען איבער דעם סאָסנע־וואַלד. די שפּיצען האָבען נאָך געשוואָר־מען אין ראָזאָווען ליכט; זיי האָבען זיך געוויגט לאַנגזאַם אַרויף און אַראָפּ און האָבען גערוישט ווי דער ים; דער פּור־

פורנער נאָדעל־טעפיך האָט אפּגעשוואכט דעם קלאַנג פון זייערע טריט.ביידע האָבען געשוויגען. קריסטאָף האָט גע־פיהלט, ווי זיין הארץ ווערט פול פון א זאָנדערבארער און זיסער געריהרטקייט. ער איז געווען גליקליך, האָט געוואָלט ריידען, נאָר עפּעס א מורא האָט איהם געדריקט. א מינוט איז ער געבליבען שטעהן שטיל, און אויך אָטאַ האָט זיך אָפּ־געשטעלט. ארום האָט אלץ געשוויגען. פליגעלאך האָבען גע־זשומעט הויך אויבען אין א זונען שטראהל. א טרוקענער צווייג איז ארונטערגעפאלען. קריסטאָף האָט אָנגענומען אָטאָ'ס האנד און האָט א פרעג געטאָן מיט א ציטערנדיגער שטים:

— „ווילט איהר זיין מיין פריינד?"

אָטאָ האָט געמורמעלט:

„יאָ!"

זיי האָבען זיך געדריקט די הענט. זייערע הערצער האָבען געקלאפּט; זיי האָבען קוים געוואָגט צו קוקען איינער אויף דעם אנדערען.

אין א מינוט ארום האָבען זיי ווידער זיך געלאָזען געהן. זיי זיינען געגאנגען עטליכע טריט ווייט איינער פון אנדערן און ביז צום עק וואלד האָבען זיי מעהר ניט גערעדט: זיי האָבען מורא געהאט פאר זיך אליין און פאר זייער גע־היימניספולע אויפרעגונג. זיינען געגאנגען זעהר גיך און זיך ניט אָפּגעשטעלט ביז זיי זיינען ניט ארויס פון דעם שאָטען פון די בוימער. דארטען האָבען זיי זיך בארוהיגט און זיך ווידער גענומען פאר די הענט. זיי האָבען באוואונדערט דעם דורכזיכטיגען אָווענט, וואס האָט זיך אראפּגעלאָזען; און זיי האָבען גערעדט צווישען זיך אין אָפּגעריסענע פראזען.

אויפ'ן שיף, זיצענדיג אויפ'ן דעק, אין דער בלישטשענ־

דיגער פינסטערניש, האָבען זיי געפּרובירט ריידען פון גלייכ־גילטיגע זאכען; אבער זיי האָבען קוים געהערט, וואָס זיי האָבען גערעדט; זיי האָבען זיך געבאדען אין א גליקליכע מידקייט. זיי האָבען ניט געפיהלט דעם פארלאנג צו ריידען איינער מיט׳ן אנדערן, זיך צו געבען די הענט, אדער זאגאר צו קוקען איינער אויפ׳ן אנדערן; זיי זיינען געווען נאהענט איינער צום צווייטען.

פאר׳ן אנקומען אהיים, האָבען זיי אפּגעמאכט זיך וויע־דער צו טרעפען דעם קומענדען זונטאג. קריסטאָף האָט באַ־גלייט אָטאַ׳ן ביז יענעמ׳ס טיר. ביי דעם שיין פון דער גאַז־לאמטערנע האָבען זיי פארשעמט געשמייכעלט, ארויסשטאמ־לענדיג געריהרט: „צום ווידערזעהן“. זיי האָבען געפיהלט א דערלייכטערונג זיך צו שיידען, זייענדיג אזוי אָפּגעמאַטערט פון דער אויפרעגונג, וואָס זיי האָבען דורכגעלעבט די לעצ־טע שטונדען, פון די יסורים, וואָס עס האָט זיי געקאָסט דאָס קלענסטע וואָרט, וואָס האָט דורכגעבראכען די שטיל־קייט.

קריסטאָף איז אליין אוועק אין דער נאכט. זיין הארץ האָט געזונגען: „איך האָב א פריינד, איך האָב א פריינד!“ ער האָט קיין זאך ניט געזעהן, קיין זאך ניט געהערט; ער האָט וועגען קיין אנדער זאך ניט געטראכט.

ער איז אנידערגעפאלען שלאָפען, און איז איינגעשלאָ־פען ווי נאָר ער האָט זיך געלייגט. צוויי דריי מאָל האָט ער זיך אויפגעכאפּט ביינאכט ווי דורך עפּעס א דריקענדען גע־דאנק. ער האָט איבערגע׳חזר׳ט: „איך האָב א פריינד“, און איז ווידער איינגעשלאָפען.

אויף מאָרגען האָט זיך איהם געדאַכט, אז דאָס אַלץ האָט איהם זיך נאָר גע'חלומ'ט. כדי צו זיין זיכער, אז דאָס אַלץ איז טאַקי געשעהן, האָט ער אָנגעהויבען זיך צו דערמאָנען אָן די קלענסטע פּרטים פון דאָס, וואָס נעכטען איז געשעהן. ער איז אין דעם געווען פּארטיעפט אויף געבענדיג שטונ־דען; זאָגאר נאָכמיטאָג צייט, ביי דער רעפּעטיציע פון אָר־קעסטער, איז ער געווען אזוי צושטרייט, אז ער האָט ביים אוועקגעהן קוים זיך געקאָנט דערמאָנען, וואָס ער האָט גע־שפּיעלט.

קומענדיג אַהיים, האָט ער געפונען א בריעף. ער האָט ניט געדאַרפט פרעגען פון וואַנען דאָס קומט. ער איז אריינ־געלאָפען ביי זיך אין צימער, און זיך פארשלאָסען אום עס צו לייענען. אויף בלאַסבלויע פּאַפּיר איז געווען געשריבען מיט א ריינער, לאַנג־אויסגעצויגענער, ניט באַשטימטער האַנט־שריפט מיט פאַרציקונגען:

„טייערער הער קריסטאָף! צי דאַרף איך וואַגען צו זאָ־גען: זעהר געעהרטער פריינד?

„איך טראַכט זעהר פיעל פון אונזער נעכטיגען שפּאַ־ציר, און איך דאַנק אייך אָהן א שיעור פאַר די פריינדליכ־קייט, וואָס איהר האָט מיר ארויסגעוויזען. איך בין אייך אזוי דאַנקבאַר פאַר דאָס אַלץ, וואָס איהר האָט געטאָן, און פאַר די גוטע ווערטער, און פאַר דעם אויסגעצייכענטען מאָל־צייט! עס פאַרדריסט מיר נאָר, וואָס איהר האָט זיך גע־לאָזט קאָסטען אויף דעם אזוי פיעל געלט. וואָס פאַר א פרעכ־

טיגער טאָג! צי איז עס ניט ווי די השגחה אליין וואָלט גע־וואָלט עס זאָל פאַרקומען דאָס וואונדערבאַרע באַגעגעניש? איך גלויב, אַז דער שיקזאַל אַליין האָט אונז געוואָלט פאַר־בינדען. ווי שטאַרק פרעה איך זיך, אייך ווידער אַמאָל צו זעהן קומענדיגען זונטאָג! איך האָף, אַז איהר האָט געהאַט ניט צופיעל אונאַנגענעהמליכקייטען צוליעב דעם פאַרזאַמטען מי־טאָג ביי דעם הער׳ן מוזיק־דירעקטאָר. עס וואָלט מיר זעהר פיעל יסורים געקאָסט, אויב איהר וואָלט צוליעב מיר געהאַט ערגערניש.

„איך בין אויף אייביג, זעהר טייערער הער קריסטאָף, אייער גאַנץ איבערגעגעבענער פריינד,

אַטאַ דיענער“

„פּ. ס. — קומט ניט זונטאָג, איך בעט אייך, מיך נעה־מען פון דער היים. אויב אייך איז עס ניחא, זאָלען מיר זיך בעסער טרעפען אין שלאָסגאָרטען.“

קריסטאָף האָט געלייענט דעם בריעף מיט טרעהרען אין די אויגען. ער האָט איהם געקושט; ער האָט זיך צולאַכט; ער איז אויפגעשפרונגען פון בעט. ער איז צוגעלאָפען צום טיש און גענומען די פעדער, כדי גלייך צו ענטפערן. ער האָט א מינוט ניט געקאָנט וואַרטען. אָבער ער איז ניט געווען גע־וואָהנט צום שרייבען; ער האָט ניט געוואוסט, ווי אויסצו־דריקען דאָס, וואָס האָט אָנגעפילט זיין האַרץ. ער האָט דורכ־געשטאָכען דאָס פּאַפּיר מיט׳ן פעדער, האָט שוואַרץ געמאַכט די פינגער מיט טינט, האָט געטופּעט מיט׳ן פוס פון אונגע־דולד. סוף כל סוף, נאָכדעם ווי ער האָט צוריסען פינף אָדער זעקס טשערנאָוויקעס, האָט איהם זיך איינגעגעבען אויפצו־שרייבען מיט צודרעהטע אותיות, וואָס זיינען געווען פאַר־

נאַנדערגעוואָרפען אויף אַלע זייטען, און מיט א סך, א סך טעות'ן אין אויסלייגאַכץ:

„מיין נשמה! ווי אזוי קענסטו גאַרריידען פון דאנקבארקייט, ווען איך ליעב דיך! צי דען האָב איך דיר ניט געזאָגט, ווי טרויעריג און פארלאָזען איך בין געווען, איידער איך האָב דיך געקענט? דיין פריינדשאפט איז פאר מיר די גרעסטע מתנה. נעכטען בין איך געווען אזוי גליקליך, אזוי גליקליך, דעם ערשטען מאָל אין מיין לעבען! ווען איך לייען דיין בריעף, וויין איך פון שמחה. יאָ, צווייפעל ניט, מיין געליעבטער, עס איז דער שיקזאל, וואָס ברייננגט אונז נאָהענט צוזאמען; ער וויל, אז מיר זאָלען זיין פריינד, כדי צו קענען אויפטאָן גרויסע זאכען. פריינד! וואָס פאר א הימליש וואָרט. צי דען איז מעגליך, אז איך זאָל סוף כל סוף האָבען א פריינד? אָ — דו וועסט מיך קיינמאָל ניט פארלאָזען, ניט אמת? דו וועסט בלייבען טריי צו מיר? אייביג! אייביג!... ווי שעהן וועט עס זיין, ווען מיר וועלען צוזאמען אויפוואקסען, צוזאַמען ארבייטען, צוזאמען שאפען: איך מיינע מוזיקאַלישע איינפאלען, יענע אלע משוגע'נע זאכען, וואָס מישען זיך ביי מיר אין קאָפּ, און דו דיין שכל, דיין וואונדערבאַרע גערלערנטקייט! ווי פיעל זאכען דו קענסט! איך האָב קיין מאָל ניט געזעהן אזא קלוגען מענשען, ווי דו ביזט. אָפטמאָל בין איך אונרוהיג: מיר דאכט זיך, אז איך בין ניט ווערט דיין פריינדשאפט. דו ביזט אזוי איידעל און אזא מושלם, און איך בין דיר אזוי דאנקבאר, וואָס דו האָסט האַלט אזא פראָסטען נפש, ווי איך בין!... אבער ניין! איך וועל דיר עפּעס זאָגען: מיר דארפען קיינמאָל ניט ריידען פון דאנקבארקייט. אין פריינדשאפט זיינען ניטאָ קיין בעלי־חובות און קיין בעלי־טובות. קיין טובות וואָלט איך ניט אָנגענומען. מיר

זיינען גליך איינער מיט'ן אנדערן, ווייל מיר ליעבען איינער דעם אנדערן. ווער האַלט מיך אָפּ פון דעם דיך צו זעהן? איך וועל ניט קומען דיך נעהמען פון דער היים, אזוי ווי דו ווילסט עס ניט — כאָטש, באמת גערעדט, פארשטעה איך ניט די אלע פארזיכטיגקייטען—; אבער דו ביזט דער קליגערער, ביזטו געווים גערעכט...

„נאָר נאָך איין וואָרט! רייד מעהר ניט פון געלט. איך האס געלט; דאָס וואָרט און די זאך אליין. איך בין אפילו ניט רייך, אבער איך האב שטענדיג געגוג מכבד צו זיין מיין פריינד; און עס איז פאר מיר א פרייד אוועקצוגעבען פאר איהם אַלץ, וואָס איך פארמאָג. צי דען וואָלסטו ניט טאָן דאָסזעלבע? צי וואָלסטו ניט געווען דער ערשטער מיר אוועקצוגעבען דיין גאנצען פארמעגען, ווען איך זאָל עס דארפען? — אבער דערצו וועט קיינמאָל ניט קומען! איך האָב גוטע פויסטען און א קלאָהרען קאָפּ; און וועל שטענדיג וויסען ווי צו פארדיענען דאָס ברויט, וואָס איך עס. — אויף זונטאג! גאָט! א גאנצע וואָך דיך ניט זעהען! און מיט צוויי טעג צוריק האָב איך דיך אפילו ניט געקענט! ווי אזוי האָב איך אזוי לאנג געקאָנט לעבען אָהן דיר?

„דער טאָקט קלאַפּער האָט אפילו געפּרובירט בורטשע־נען, אבער דאגה ווענען דעם ניט מעהר ווי איך! וואָס קי־מערן מיך די אנדערע? איך פאראכט, וואָס זיי טראכטען וועגען מיך, און וואָס זיי וועלען ווען עס איז טראכטען. נאָר דו ביזט וויכטיג פאר מיר. ליעב מיך זעהר, מיין נשמה, ליעב מיך, ווי איך ליעב דיך! איך קען דיר ניט זאָגען, ווי שטארק איך ליעב דיך! איך בין דיינער, דיינער — פון שייטעל ביז דער פּאָדעשווע. דיינער אויף אייביג, קריסטאָף.“

קריסטאָף האָט זיך א גאנצע וואָך אויפגעגעסען פון

אונגעדולד. ער האָט אויפגעלייגט שטיקער וועג, כדי דורכ־צוגעהן דעם אָרט, וואו אטאָ'ס הויז איז געשטאַנען; ער האָט זאָגאר ניט געוואָרט איהם צו זעהן; אבער עס איז גע־ווען פאר איהם גענוג א קוק צו טאָן אויפ'ן הויז, אום צו ווערן רויט און בלאס. דאָנערשטאָג האָט ער מעהר שוין ניט אויס־געהאלטען, און האָט געשיקט א צווייטען בריעף, נאָך א מעהר אויפגערעגטען, ווי דער ערשטער. אָטאָ האָט אויף דעם גע־ענטפערט זעהר סענטימענטאל.

דער זונטאָג איז סוף כל סוף געקומען; און אָטאָ האָט זיך באוויזען פינקטליך צום מינוט. אבער שוין כמעט א שעה פריהער איז קריסטאָף אויסגעגאנגען פון אונגעדולד, וואַרטענ־דיג אויפ'ן פריינד. ער האָט אָנגעהויבען זיך צו ערגערן, פאר וואָס ער קומט ניט. ער האָט געציטערט, צי איז אָטאָ ניט קראַנק געוואָרען; ווארום, אז ער זאָל ניט האלטען וואָרט, איז איהם אפילו א מינוט ניט איינגעפאלען צו טראכטען. גאַנץ שטיל האָט ער גערעדט צו זיך: „גאָט, מאַך אז ער זאָל קומען!" און ער האָט מיט זיין שפאצירשטאָק גע־קלאפט אין די שטיינדלאַך פון דער אלייע, זאָגענדיג, אז אויב ער וועט דריימאָל ניט טרעפען, איז א סימן, אז אָטאָ וועט ניט קומען; און אויב ער וועט יא טרעפען, וועט אָטאָ באלד קומען. און כאָטש ער האָט מיט אזוי פיעל אויפמערקזאמ־קייט זיך געצילעוועט, און כאָטש די אויפגאבע איז געוועזן אזוי לייכט, האָט ער דריי מאָל שוין געהאט ניט געטראָפען, ווען ער האָט באמערקט אָטאָ'ן, אָנקומענדיג מיט זיינע רו־היגע און געזעצטע טריט; ווארום אָטאָ איז שטענדיג געבלי־בען אן אקוראַטנער, ווי אויפגערעגט ער זאָל ניט זיין. קריסטאָף איז איהם געלאָפען אנטקעגען, און מיט א טרוקע־נער האלז איהם געזאָגט: „גוט מארגען!" אָטאָ האָט גע־

ענטפערט: „גוט מאָרגען!“ אבער מעהר האָבען זיי ניט געוואוסט, וועגען וואָס צו ריידען: העכסטענס וועגען דעם, אז דער וועטער איז וואונדערבאר שעהן, און אז עס איז 5, 6 מינוט נאָך צעהן, ווייל דער שלאָס־זייגער קריכט שטענדיג איין.

זיי זיינען אוועק צום וואקזאל, און האָבען גענומען דעם צוג צו א נאָהענטער סטאַנציע, וואוהין די שטאָדט־איינוואוינער פלעגען ארויספאָהרען אויף שפּאציר. אויפ'ן וועג איז זיי קוים אויסגעקומען א צעהנדליג ווערטער אויסצוריידען איינער מיט'ן אנדערן. זיי האָבען געפּרובירט עס ממלא זיין דורך פיעל זאָגענדיגע בליקען; אבער אויך דאָס האָט זיך ניט איינגעגעבען. געוואָלט האָבען זיי זאָגען איינער דעם צווייטען, וואָס פאַר'ע גוטע פריינד זיי זיינען; זייערע אויגען האָבען אבער גאָר ניט געזאָגט, און זיי האָבען געשפּיעלט קאָמעדיע. קריסטאָף האָט עס מיט הארצוועהטאָג באמערקט. ער האָט ניט פארשטאַנען, פאַר וואָס האָט ער ניט געקאָנט אויסדריקען, זאָגאר ניט פיהלען דאָס אלץ, וואָס האָט נאָך מיט איין שעה פריהער אזוי פול געמאכט זיין הארץ? אָטאָ האָט זיך ניט אָפּגעגעבען אזא קלאָהרען דין־וחשבון וועגען דער זאַך, ווייל ער איז געווען ווייניגער אָפּענהערציג, און האָט אין זיך גופא אריינגעקוקט מיט מעהר פארזיכטיגקייט: אָבער אויך ער האָט געפיהלט זיך אָפּגענאַרט. דער אמת איז געווען, אז ביידע קינדער האָבען אין די אכט טעג פון זייער צושיידונג אזוי הויך אויפגעבלאָזען זייערע געפיהלען, אז עס איז פאַר זיי געוואָרען אונמעגליך זיך צו האַלטען אויף דער דאָזיגער הויך אין דער ווירקליכקייט; און ווען זיי האָבען זיך צוזאמענגעטראָפען, האָט זייער ערשטער איינדרוק געמוזט זיין אן ענטוישונג. אבער זיי האָבען ניט געקאָנט זיך

באשליסען אין דעם זיך מודה צו זיין.

דעם גאנצען טאָג האָבען זיי זיך ארומגעשלעפּט איבער דער געגענד, ניט קענענדיג אפּשאַקלען פון זיך די אנגעצויגענקייט און דעם צוואנג, וואָס איז געלעגען אויף זיי. עס איז געווען א יום־טוב. די רעסטאָראַנס און די וועלדער זיינען געווען פול מיט מחנות שפּאַצירענדע—קליינבירגערליכע פאמיליעס, וואָס האָבען אנגעמאכט א סך טומעל, און האָבען אורמעטום געגעסען. דאָס האָט פארשטארקט די שלעכטע שטימונג: זיי האָבען ארויפגעוואָרפען אויף די באלעסטיגענדע מענשען די שולד, פאר וואָס זיי קענען ניט ווידער געפינען די מונטערקייט און פרייהייט פון זייער ערשטען שפּאציר. פונדעסטוועגען האָבען זיי גערעדט צווישען זיך, און זיך אָנגעטאָן א כח צו געפינען וועגען וואָס צו רעדען; זיי האָבען מורא געהאט צו באמערקען, אז אין תוך גענומען, האָבען זיי גאר ניט וואָס צו זאָגען איינער דעם אנדערן. אָטאָ האָט אויסגעשאָטען זיין שול־תורה. קריסטאָף האָט זיך ארייננגעלאָזען אין טעכנישע ערקלעהרונגען מכח מוזיקאלישע ווערק און פידעלשפּיעלען. זיי האָבען איינער דעם אנדערען דערעסען. זיי האָבען זיך אליין דערעסען, הערענדיג די אייגענע רייד. און פונדעסטוועגען האָבען זיי ניט אויפגעהערט צו ריידען, מורא האָבענדיג אויפצוהערן; ווארום דאמאָלט וואָלט זיך געעפענט דער תהום פון שווייגען, וואָס וואָלט זיי פארגליווערט. אָטאָ האָט געהאט שטארק חשק צו וויינען; און קריסטאָף האָט געהאלטען דערביי איהם צו לאָזען זיצען און צו אנטלויפען אזוי פלינק ווי מעגליך, אזוי שטארק האָט איהם פארדראָסען און געקריינקט.

ערשט א שעה פאר'ן פאָהרען צוריק, האָבען זיי זיך צוואווארעמט. טיעף אין וואלד האָט א הונט זיך צובילט;

ער האָט זיך אװעקגעלאָזען אויפ'ן גײעג אויפ'ן אײגענעם חשבון. קריסטאָף האָט געמאַכט דעם פאָרשלאָג זיך צו באַהאַלטען אין זיין ריכטונג, טאָמער װעט מען באַמערקען די חיה'לע, נאָך װעלכער ער יאָגט זיך. זײ זיינען אַרײנגעלאָפען אין רעכטער געדיכטעניש פון װאַלד. דער הונט האָט באַלד זיך דערװײטערט, באַלד געקומען צוריק. זײ זיינען איהם נאָכגעגאַנגען אויף רעכטס און אויף לינקס, געהענדיג װײטער און קומענדיג צוריק אויפ'ן זעלבען אָרט. דאָס בילען איז געװאָרען שטאַרקער. דער הונט איז כמעט דערשטיקט געװאָרען פון אונגעדולד און פון זיין בלוטדורשטיגען געשריי: ער איז צוגעקומען צו זײ. קריסטאָף און אָטאָ זיינען געלעגען אויף די טרוקענע בלעטער אויף דעם סלאַד פון די טריט, װאַרטענדיג און אײנהאַלטענדיג דעם אָטעם. דאָס בילען איז אנטשװיגען געװאָרען. דער הונט האָט דעם סלאַד פאַרלאָרען: נאָך אײנמאָל האָט מען געהערט זיין האװקענען פון דער װײטענס; דאַן האָט די שטילקייט װידער זיך אַראָפּגעלאָזען איבער'ן װאַלד. קײן געראַוש, נאָר דאָס געהײמניספולע זשומען פון מיליאָנען ברואים — פון קלײנע פליגעלאַך און פון װערים, װאָס נאַגען אָהן אָן אױפהער און צושטערן דעם װאַלד — דער אײביג גלײכער אָטעם פון טױדט, װאָס שטעלט זיך קײנמאָל ניט אָפּ.

די קינדער האָבען זיך צוגעהערט און זיך ניט גערירט. פונקט אין דעם אויגענבליק, װען זײ האָבען זיך אויפגעהויבען אנטױשטע און געזאָגט: „א סוף, ער קומט ניט“, איז א קלײנער האָז ארויסגעשפּרונגען פון װעלדעל: ער האָט זיך א לאָז געטאָן גלײך אויף זײ; זײ האָבען בײדע איהם דערזעהן אין דערזעלבער צייט און ארויסגעלאָזען א געשריי פון פרייד. דער האָז האָט זיך באַלד א װאָרף געטאָן אָן א

זייט; זיי האָבען דערזעהן, ווי ער כאַפּט זיך אריין צווישען די בוימער, לויפענדיג ווי צו ברעכען האלז און נאַקען; הינטער איהם האָט זיך נאָכגעטראָגען דער גערויש פון די צווייגען, ווי דאָס מורמלען פון כוואַליעס, און איז אנטשוויגען געוואָרען. כאָטש זיי האָט פאַרדראָסען, פאר וואָס זיי האָבען זיך צושריען, האָט די פּאַסירונג זיי פאַרשאַפט גרויס פרייד. זיי האָבען זיך געקייקעלט פון געלעכטער, דערמאָנענדיג זיך אָן יענעם צושראָקענעם שפּרונג פון האָז; און קריסטאָף האָט איהם זעהר קונציג נאָכגעמאכט. אויך אָטאָ האָט עס געפּרובירט טאָן. דאַן האָבען זיי זיך גענומען יאָגען איינער נאָכ'ן אנדערן. אָטאָ איז געווען דער האָז; קריסטאָף — דער הונט. זיי זיינען געלאָפען דורכ'ן וואלד און דורך די לאָנקעס, זיך אריבערוואַרפענדיג איבער פּארקאַנעס, און אריבערשפּרינגענדיג איבער גראָבענס. א פויער האָט זיי נאָכגעשיקט קללות, ווייל זיי האָבען זיך אריינגעריסען אין א תבואה פעלד; זיי האָבען אבער זיך ניט צוגעהערט, און געלאָפען ווייטער. קריסטאָף האָט אזוי קונציג נאָכגעמאכט דעם הייזעריגען בילען פון א הונט, אז אָטאָ האָט געמוזט לאָכען ביז טרעהרען. צו ענד האָבען זיי זיך געלאָזט אראָפּגליטשען פון א בערגעל, שרייענדיג ווי משוגעים. ווען זיי האָבען שוין ניט געקאָנט אפילו א קול ארויסלאָזען, האָבען זיי זיך אוועקגעזעצט און אָנגעקוקט איינער דעם אנדערן מיט לאַכענדיגע אויגען. איצט זיינען זיי געווען באמת אין גאַנצען גליקליך און מיט זיך אליין צופריעדען. און דאָס נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבען ניט געפּרובירט שפּיעלען די ראָלע פון פריינדשאַפטס-העלדען; זיי זיינען אָפענהערציג געווען, דאָס וואָס זיי זיינען געווען: צוויי קינדער.

צוריקוועגס זיינען זיי געגאַנגען געאָרעמט, זינגענדיג

אלערליי נארישע ליעדלאך. מיט אמאָל, זיך דערנעהענטערנ־דיג צום שטאָדט, האָט זיי זיך פארוואָלט ווידער ארויפציהען אויף זיך די פריהערדיגע ראָלע, און אין לעצטען בוים האָבען זיי אויסגעשניטען ראשי־תבות פון זייערע נעמען מיט פארצירונגען. אבער זייער גוטע שטימונג האָט גובר גע־ווען איבער זייער סענטימענטאליטעט; און, פאָהרענדיג אין באָהן צוריק אהיים, האָבען זיי ארויסגעפּלאצט מיט א גע־לעכטער יעדעס מאָל, ווען זיי האָבען א קוק געטאָן איינער אויפ׳ן אנדערן. ווען זיי זיינען זיך פארנאנדערגעגאנגען, זיינען זיי געווען זיכער, אז זיי האָבען פארבראכט א „קאָלאָסאל ענטציקענדען" טאָג; און אָט די זיכערקייט איז געוואָרען פעסטער ביי זיי, ווען זיי זיינען ווידער געבליבען אליין.

זיי האָבען אויפגענומען פון דאָס ניי זייער בויארבייט געדולדיג און שאַרפזיניג, ווי די ביהנען; וואָרום זיי זיינען געווען בכח פון די שטיקלאַך זכרונות, וואָס האָבען אַ גאַנץ קנאַפּען ווערט געהאַט, אויסצומאָלען אַ פּרעכטיג בילד פון זיך אליין און פון זייער פריינדשאַפט. נאָכדעם ווי זיי פלעגען אַ גאַנצע וואָך זיך אויף אַזאַ אופן אידעאַליזירען, פלעגען זיי זונטאָג זיך ווידער זעהן; און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די ווירקליכקייט איז ניט געשטאַנען אין קיין פּראָפּאָרציע צו דער פאַנטאַזיע, האָבען זיי זיך איינגעוואָהנט עס ניט צו באַמערקען, און איבערצומאַכען די זאַכען לויט זייער פאַרלאַנג.

זיי האָבען שטאַלצירט דערמיט, וואָס זיי זיינען פריינד. זאָגאַר דער היפּוך וואָס איז געווען צווישען זייערע נאַטורען, האָט זיי דערנאָהענט איינעם צום אַנדערן. קריסטאָף האָט ניט געקאָנט קיינעם, אַזוי שעהן ווי אָטאָ. זיינע איידעלע הענט, שעהנע האָר, פרישע געזיכטספאַרב, שעמעוודיגער זאָרט ריידען, די העפליכקייט פון זיינע מאַניערען און די זאָרגפעלטיגע פּינקטליכקייט פון זיין אָנטאָן זיך, האָבען איהם געבראַכט אין גרויס התפעלות. אָטאָ איז געווען באַזיעגט פון קריסטאָף'ס שטראָמענדע קראַפט און אונאָפּהענגיגקייט. זייענדיג איינגעוואָהנט דורך אַ ירושה פון יאָהרהונדערטע, הייליג צו אַכטען יעדע אויטאָריטעט, האָט ער געפיהלט אַ פרייד, געמישט מיט שרעק, זיך צו חבר'ן מיט אַ פריינד, וואָס קימערט זיך בטבע אַזוי ווייניג פאַר אַלע

פעסטבאַשטימטע כללים. עס פלעגט איהם באַפאַלען אַ קליי־נער תאוה׳דיגער ציטער, ווען ער פלעגט הערען ווי קריסטאָף רייסט אַרונטער די באַריהמטע מענער פון שטאָדט, און ווי ער קרימט נאָך דעם פירשט אַליין. קריסטאָף, וויעדער, האָט באַמערקט, וואָס פאַר אַ צוציהונגס־כח ער באַקומט דורך דעם אויף זיין פריינד, און ער פלעגט נאָך מגזם זיין זיין אַרויספאָ־דערנדיגע האַלטונג; ווי אַן אַלטער רעוואָלוציאָנער האָט ער אונטערגעגראַבען אַלע אָנגענומענע געזעלשאַפטליכע זיטען און מלוכה־געזעצען. אָטאָ פלעגט הערען אַ דערשראָקענער און אַן ענטציקטער: קליינמוטיג פלעגט ער פּרובירען מסכים זיין דערמיט, אָבער דערביי פלעגט ער זיך גוט אַרומקוקען, צי קען ווער עס איז זיך ניט איינהערען.

קריסטאָף פלעגט קיינמאָל ניט דורכלאָזען אַ געלעגענ־הייט אויף זייערע שפּאַצירען אַריבער צו שפּרינגען איבער די פּאַרקאַנעס פון די פעלדער, ווי נאָר ער פלעגט זעהן אַן אויפשריפט, אַז דאָס איז פאַרבאָטען; אָדער ער פלעגט אָפּ־רייסען די פּרות, וואָס פלעגען אַריבערהענגען איבער די פּאַרקאַנעס פון פּריוואַט הייזער. אָטאָ פלעגט זיין אין טויט־ציטערניש, מען זאָל זיי ניט כאַפּען; אָבער אַזוינע אויפרע־גונגען האָבען פאַר איהם געהאַט אַ באַזונדערן חן; און ווען ער פלעגט קומען אין אָוועגט צוריק אַהיים, פלעגט ער זיך האַל־טען פאַר אַ גאַנצען העלד. ער האָט באַוואונדערט קריסטאָף׳ן פול פון אַ געהיימען שרעק. זיין אינסטינקט פון געהאָרכ־זאַמקייט האָט געפונען באַפרידיגונג אין אַ פריינדשאַפט, וואו ער האָט געדאַרפט זיך נאָר אונטערגעבען אונטער דעם ווילען פון אַ צווייטען. קיינמאָל האָט קריסטאָף איהם ניט פאַרשאַפט די טרחה צו דאַרפען באַשליסען די קלענסטע זאַך. ער אַליין פלעגט אַלץ שוין באַשליסען, פלעגט באַשטימען,

וואָס מען דאַרף דעם טאָג טאָן, זאָגאָר דאָס וואָס מען דאַרף אַנהויבען אין לעבען, מאַכענדיג פלענער פאַר זיין אייגענע צוקונפט און פאַר אַטאַ׳ס, און ניט דערלאָזענדיג קיינע וכוחים וועגען דעם. אַטאַ פלעגט מסכים זיין, אַפּטמאָל אַביסעל בייז, ווען ער פלעגט הערען, ווי קריסטאָף בעל־הבית׳עוועט איבער זיין פאַרמעגען צו בויען שפּעטער א טעאַטער לויט זיין גוסט. אָבער ער פלעגט ניט פּראָטעסטירען, זייענדיג איינגעשראָקען דורך דעם הערשער־טאָן פון זיין פריינד; און סוף כל סוף האָט ער זיך געפיהלט איבערצייגט, אַז קיין בעסערן געברויך וואָלט מען ניט געקאָנט געפינען פאַר דאָס געלט, וואָס דער הער קאָמערצענראַט אַטאַ דיענער האָט אָנגעזאָמעלט. קריסטאָפ׳ן איז אַפילו א מינוט ניט געקומען אויפ׳ן זינען, אז ער פאַרגעוואַלטיגט אַטאַ׳ס ווילען. ער איז בטבע געווען א דעספּאָט און האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלען, אז זיין פריינד זאָל וועלען עפּעס וואָס אנדערש ווי ער: וואָלט אַטאַ ארויסגעזאָגט עפּעס א פאַרלאַנג, דאַמאָלט, וואָלט ער אַפילו זיך ניט פאַרטראַכט מקריב צו זיין פאַר איהם זיינע פּערזענליכע פאַרלאַנגען. ער וואָלט פאַר איהם פיעל מעהר מקריב געווען. ער האָט געברענט מיט דעם וואונש זיך צו וואַרפען אין א געפאַהר צוליעב איהם. ער האָט געגאַרט אויף א געלעגענהייט צו שטעלען זיין פריינדשאַפט אויף פּראָבע. אויף זייער שפּאַצירען האָט ער שטענדיג געהאָפט, אז עס וועט זיך מאַכען עפּעס א פּאַסירונג, וואו ער וועט עס קענען באַווייזען. ער וואָלט מיט גרויס שמחה געשטאָרבען פאַר אַטאַ׳ן. וואַרטענדיג אויף דעם, פלעגט ער איהם אָפּהיטען מיט זאָרג און ליעבע; ביי שלעכטע וועגען, פלעגט ער איהם דערלאַנגען די האַנט, ווי צו א קליין מיידעל; פלעגט זיך דאַגה׳נען: טאָמער ווערט ער פאַרמאַטערט, טאָמער וועט איהם

זיין צו הייס, אָדער צו קאַלט; ער פּלעגט אויסטאָן זיין מאַנ־טעל און עם אַרויף וואַרפן זיין פריינד אויף די פּלייצעס, ווען זיי פּלעגן זיך אָוועקזעצן אונטער אַ בוים; ווען זיי פּלע־גן גייען, פּלעגט ער איהם אונטערטראָגן דעם מאַנטעל; ער וואָלט איהם אַליין אויך געטראָגן. ווי אַ פאַרליעבטער פּלעגט ער פון איהם אַן אויג ניט אַראָפּלאָזען. און דעם אמת זאָגענדיג, איז ער טאַקי געווען פאַרליעבט.

ער האָט עס ניט געוואוסט; ער האָט דאָך אפילו קיין שום ידיעה ניט געהאַט, וואָס ליעבע איז אַזוינס. אָבער אין געוויסע מאָמענטען, ווען זיי זיינען געווען אַליין, פּלעגט איהם באַפאַלען אַ זאָנדערבאַרע אונרוהיגקייט. דיזעלבע, וואָס האָט אין דעם ערשטען טאָג פון זייער פריינדשאַפט אין סאָסנע וואַלד איהם צוזאַמענגעדריקט דאָס האַרץ; הייסע כוואַליעס פּלעגען איהם אַ שלאָג טאָן אין פּנים און עם באַדעקען מיט אַ רויטקייט. ער האָט מורא געהאַט. אינסטינקטיוו פּלעגען ביידע קינדער דאַמאָלט זיך דערווייטערן איינער פון אַנדערן, לויפען איינער פון אַנדערן, ביים שפּאַציר אָפּשטעהן, אָדער פאַרלויפען דעם וועג פאַראויס; זיך מאַכען, ווי זיי וואָלטען געווען שטאַרק פאַרנומען זוכענדיג יאַגדעס אין די קוסטעס; זיי האָבען ניט געוואוסט, וואָס עם מאַכט זיי אונרוהיג.

באַזונדערס פּלעגען זייערע געפיהלען זיך צואוואַרעמען, אין די בריעף. דאָ זיינען זיי ניט געווען אין געפאַהר צו ווערן אָפּגעלייקענט דורך די פאַקטען; קיין זאַך האָט ניט געקאָנט צוריקהאַלטען אָדער איינשרעקען זייער פאַנטאַזיע. זיי פּלע־גען זיך איצט דורכשרייבען צוויי־דריי מאָל אַ וואָך אין אַ ליידענשאַפטליך־לירישען סטיל. פון אמת'ע געשעהענישען און טעגליכע זאַכען פּלעגען זיי קוים ריידען. זיי פּלעגען זיך מתוכה זיין איבער די שווערסטע פראַגען אין אַ ניט־קלאָהרען

טאָן; און פלעגען אַהן אַן איבערגאַנג פון התלהבות זיך אַרײַ־בערגליטשען אין יאוש. זיי פלעגען זיך טיטולירען: „מיין אוצר, מיין האָפנונג, מיין געליעבטער, מיין איך אַליין"; זיי האָבען געמאַכט אַן אונגעוועהנליך רייכען געברויך פון וואָרט „נשמה"; מיט טראַגישע פאַרבען פלעגען זיי מאָלען זייער אונגליקליכען מזל; און האָבען געיאָמערט איבער דעם, וואָס זיי קומט אויס צו פאַרביטערן דעם פריינד'ס לעבען מיט די צרות פון איינענעם שיקזאַל.

„איך ערגער זיך אויף דיר" — האָט קריסטאָף געשריבען — „וואָס דו בעאונרוהיגסט זיך וועגען מיר. איך קאָן ניט אַריבערטראָגען, וואָס דו ליידעסט צוליעב מיר. דו דאַרפסט עס ניט טאָן. איך וויל עס ניט. (ער האָט אונטערגעשטראָכען די ווערטער מיט אַ שטריך פון פעדער, וואָס האָט דאָס פּאַפּיער צוריסען) פון וואַנענט זאָל איך נעהמען דעם כח צו לעבען, ווען דו ליידעסט? מיין איינציגער גליק ליגט אין דיר! אַ, זיי גליקליך! אַלדעם בייז וועל איך מיט פרייד אויף זיך אַרויפנעהמען! טראַכט וועגען מיך! ליעב מיך! איך האָב אַ געוואַלטיגען באַדאַרף אין ליעבע. פון דיין ליעבע שטראָמט אויף מיר מיט אַ וואַרימקייט, וואָס שיינקט מיר דאָס לעבען. ווען דו וואָלסט נאָר וויסען, ווי איך ציטער פאַר קעלט. אין מיין האַרץ איז ווינטער און אַ שניידענדיגער ווינט: איך נעהם אַרום דיין נשמה".

„מיין געדאַנקען קושט דיינעם" — האָט אָטאָ געענטפערט.

„איך נעהם דיין קאָפּ אין מיינע הענט" — האָט קריסטאָף געענטפערט — „און וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געטאָן, און וואָס מיינע ליפּען וועלען קיינמאָל ניט טאָן, טו איך

מיט מיין גאַנצן וועזן: און פאַרשטעהסטו וואָס דאָס מיינט?"

אַטאַ האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט צווייפלען.
„צי ליעבסטו מיך אַזוי ווי איך ליעב דיך?"

„אַ, גאָט" — האָט קריסטאָף געשריבען — „ניט אַזוי, נאָר צעהן, הונדערט, טויזענט מאָל מעהר! ווי? צי דען פיהלסטו עס ניט? וואָס זאָל איך טאָן, כדי דיין הארץ צו ריהרען?"

„ווי שעהן איז אונזער פריינדשאַפט" — האָט אַטאַ געזיפצט — „צי איז אין דער היסטאָריע ווען עס איז געווען אַזאַ פריינדשאַפט? זי איז זיס און פריש ווי אַ חלום. זאָל זי נאָר קיין מאָל ניט אויפהערען. אויב דו וועסט אויפהערען מיך ליעבען!"...

„ווי נאַריש דו ביזט, מיין געליעבטער" — האָט קריס־טאָף געענטפערט. „זיי מיר מוחל, אבער דיין שרעק מאַכט מיך אויסער זיך. ווי אַזוי קענסטו נאָר פרעגען, צי איך קען אויפהערען דיך צו ליעבען! לעבען הייסט פאַר מיר, דיך ליעבען. דער טוידט קען גאָר ניט טאָן געגען מיין ליעבע. דו אַליין וואָלסט גאָר ניט געקענט אויפטאָן, אויב דו וואָלסט איהר געוואָלט צושטערען. ווען דו וואָלסט אפילו מיך פאַראַטען: ווען דו וואָלסט אפילו מיר דאָס הארץ צורייסען, וואָלט איך שטאַרבענדיג געבענשט די ליעבע, וואָס דו האָסט אין מיר אַרויסגערופען. הער דאָך אויף, איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיך צו מאַטערן, און מיך צו בעאונרוהיגען מיט דיין מוטלאָזען שרעק".

אבער אין אַ וואָך אַרום האָט ער געשריבען: „איצט זייַ־נען פאַרביי דריי גאַנצע טעג, און איך האָב ניט קיין איינציג וואָרט פון דיין מויל. איך ציטער: פיליייכט האָסטו מיך

פאַרגעסען? מיין בלוט ווערט פאַרפּראַרען ביי אַזאַ געדאַנק...
יאַ, עס איז קיין שום ספק ניט... אין די לעצטע צייט האָב איך שוין געמערקט דיין קאַלטקייט צו מיר. דו האָסט מיך מעהר ניט ליעב. דו טראַכסט וועגען דעם, מיך צו פאַרלאַזען!... הער זיך צו! אויב דו וועסט מיך פאַרגעסען, אויב דו וועסט מיך ווען עס איז פאַראַטען, וועל איך דיך דער׳הרג׳ענען, ווי אַ הונט!"

„דו קרייגקסט מיך, מיין טייער האַרץ" — האָט אַטאַ געקרעכצט — „דו רייסט ביי מיר אַרויס טרעהרען. דאָס פאַרדיען איך באמת ניט. אבער דו קענסט זיך אַלץ ערלויבען. דו האָסט אַזוי פיעל רעכט אויף מיר, אַז ווען דו זאָלסט אפילו מיר צוברעכען די נשמה, וועט אַ פונק אַלץ נאָך לעבען, כדי דיך צו ליעבען."

„הימלישע כחות!" — האָט קריסטאָף געשריען — „איך האָב געמאַכט מיין פריינד צום וויינען! זידעל מיך! שלאָג מיך! טרעט מיך מיט די פיס. איך בין אַ שופט! איך פאַרדיען דיין ליעבע ניט!"

זיי האָבען געהאַט באַזונדערע אופנים ווי צו שרייבען די אַדרעסען אויף די בריעף און אַרויפצוקלעפּען די מאַרקע פאַרקעהרט, קרום, אונטען, אויף׳ן רעכטען בּרעג פון קאָנווערט, כדי אָפּצוזונדערן זייערע בריעף פון די, וואָס זיי שרייבען צו גלייכגילטיגע מענשען. אָט די קינדערשע סודות האָבען פאַר זיי געהאַט דעם חן פון זיסע ליעבעס־סודות.

איינמאָל, געהענדיג צוריק פון א שטונדע, האָט קריס־טאָף באמערקט אין א שכנות'דיגע געסעל אַטאַ'ן אין דער געזעלשאפט פון א אינגעל אין זיינע יאָהרען. זיי האָבען גע־לאַכט און געפּלוידערט גאַנץ פריינדליך. קריסטאָף איז בלאס געוואָרען, און האָט זיי נאָכגעקוקט מיט די אויגען, ביז זיי זיינען פארשוואונדען אין עק גאַס. זיי האָבען איהם גאָר ניט געזעהן. ער איז אוועק אהיים. עס איז געוועזען ווי א וואָלקען וואָלט פארצויגען די זון, אלץ איז פינסטער געוואָרען.

ווען זיי האָבען זיך פון דאָס ניי געטראָפען קומענדיגען זונטאג, האָט קריסטאָף תחלת ניט גערעדט קיין וואָרט. דאָך, נאָכדעם ווי זיי האָבען א האלבע שעה זיך דורכשפּאַצירט, האָט ער א זאָג געטאָן מיט א פארשטיקטער שטים:

— „איך האָב דיך געזעהן מיטוואָך אויף דער קרייץ גאַס“...

„אזוי!“ האָט אַטאַ געזאָגט.

און ער איז רויט געוואָרען.

קריסטאָף האָט ווייטער גערעדט:

— „דו ביזט ניט געוועזען אליין“.

„ניין“ — האָט אַטאַ געזאָגט — „איך בין געוועזען נאָך מיט אימיצען.“

קריסטאָף האָט זיך געוואָרגען פון אויפרעגונג, און ער האָט געפרעגט אין א בלומרשט גלייכגילטיגען טאָן:

— „ווער איז עס געוועזען?“

„מיין שוועסטערקינד פראַנץ“.

„אך!“ האָט קריסטאָף געזאָגט.

און אין א מינוט ארום:

— „דו האָסט מיר קיין מאָל פריהער פון איהם ניט דערצעהלט“.

„ער וואָהנט אין רייגבאך“.

— זעהסטו איהם אָפט?“

„ער קומט אמאָל אהער.“

— און דו, געהסטו אויך צו איהם?“

"אמאָל“.

— „אך!“ האָט קריסטאָף איבערגע'חזר'ט.

אָטאָ, וועמען עס וואָלט מעהר ניחא געווען אריבערצו־פיהרען דעם געשפרעך אויף אַנאַנדער זאך, האָט אויפמערק־זאם געמאכט אויף א פויגעל, וואָס האָט מיט'ן שנאָבעל גע־האקט אין א בוים. זיי האָבען גערעדט וועגען אנדערע זאכען. אין צעהן מינוט ארום האָט קריסטאָף פלוצלונג ווידער אָנ־געהויבען:

— „ביזטו עפּעס נאָהענט מיט איהם?“

„מיט וועמען?“ האָט אָטאָ געפרעגט.

(ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט מיט וועמען).

— „מיט דיין שוועסטערקינד“.

„יא. פאר וואָס?“

— „סתם אזוי.“

אָטאָ האָט ניט שטארק האָלט געהאט זיין שוועסטער־קינד, וואָס פלעגט איהם דערעסען מיט זיינע שלעכטע שפּאַ־סען. אבער א זאָנדערבארער בייזהאפטער אינסטינקט האָט איהם געטריבען צוצולייגען אין א פּאָר מינוט ארום:

„ער איז זעהר ליעבענסווירדיג.“

— „ווער?“ האָט קריסטאָף געפרעגט.

(ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט ווער).

„פּראַנץ".

אָטאָ האָט ערוואַרט פון קריסטאָפ'ן עפּעס א באמער־קונג. אבער יענער האָט ווי גאָר ניט געהערט. ער האָט גע־שניטען א רוט פון א נוסבוים.

אָטאָ האָט ווידער אָנגעהויבען:

„ער איז זעהר אינטערעסאַנט. ער האָט שטענדיג מעשות."

קריסטאָף האָט געפּייפט גלייכגילטיג.

אָטאָ האָט זיך אליין אריבערגעשטיגען.

„און ער איז אזוי קלוג... און גוט ערצויגען!"...

קריסטאָף האָט א הייב געטאָן מיט'ן פּלייצע, ווי ער וואָלט זאָגען:

— „וואָס קען דער מענש מיך אינטערעסירען?"

און, ווען אָטאָ, אן אויפגערעגטער, האָט זיך געקליבען ווייטער ריידען, האָט ער איהם גראָב איבערגעהאַקט די רייד און אָנגעוויזען א ציעל, וואוהין צו לויפען.

זיי האָבען די טעמא מעהר ניט באַריהרט דעם גאַנצען נאָכמיטאַג; אבער זיי האָבען איינער דעם אנדערען באהאַנ־דעלט מיט א קאַלטקייט, כאָטש זיי האָבען זיך געפּלייסט ארויסצואווייזען אן איבערטריבענע העפליכקייט, צו וואָס, זיי זיינען ניט געוואָהנט געווען, באַזונדערס פון קריסטאָף'ס זייט. איהם זיינען די ווערטער געבליבען שטעקען אין האלז. צום סוף האָט ער עס מעהר ניט אויסגעהאַלטען; און אין מיטען וועג האָט ער זיך אומגעקעהרט צו אָטאָ'ן, וואָס איז געגאַנגען א טריט פינף הינטער איהם, אָנגעכאַפּט איהם פאַר די הענט מיט אן אימפּעט און ארויסגעפּלאַצט:

— „הער, אָטאָ! איך וויל, איך וויל ניט, אז דו זאָלסט

ויין אזוי נאָהענט מיט פראַנץ'ן... ווייל דו ביזט מיין פריינד; און איך וויל ניט, אז דו זאָלסט וועמען עס איז מעהר האַלט האָבען ווי מיך! איך וויל עס ניט! קוק! דו ביזט פאַר מיר אַלץ... דו קענסט ניט... דו דאַרפסט ניט... אויב איך וואָלט דיר ניט געהאַט, וואָלט מיר קיין זאַך ניט געבליבען ווי נאָר צו שטאַרבען. איך ווייס ניט, וואָס איך וואָלט געטאָן, איך וואָלט זיך גענומען דעם לעבען. איך וואָלט דיר דער'הרג'עט. גיין, זיי מיר מוחל!"

טרעהרען האָבען זיך געגאָסען פון זיינע אויגען.

אָטאָ, געריהרט און דערשראָקען פון דער אויפריכטיג־קייט פון א שמערץ, וואָס האָט געסטראַשעט מיט געפאַהרען, האָט זיך געאיילט צו שווערען, אז ער וועט קיינמאָל קיינעם אזוי ניט ליעבען ווי קריסטאָף'ן; אז ער איז גלייכגילטיג צו פראַנץ'ען; און אז ער וועט איהם מעהר ניט זעהן, אויב קריסטאָף וויל עס. קריסטאָף האָט געשלונגען זיינע ווערטער, און זיין האַרץ האָט ווידער אויפגעלעבט. ער האָט זעהר הויך געלאַכט און שווער געאָטעמט, זיך צוגיסענדיג אין דאַנק צו אָטאָ'ן. ער האָט זיך געשעמט מיט דער סצענע, וואָס ער האָט געמאַכט; אבער ער איז דאָך געווען באַפרייט פון אַ שווערער משא. איצט האָבען זיי ווידער געקוקט איינער דעם אנדערן גלייך אין די אויגען, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט און זיך האַלטענדיג פאַר די הענט; זיי האָבען זיך געפיהלט זעהר גליקליך און ניט געוואוסט ווי זיך צו האַלטען. שווייגענדיג זיינען זיי געגאַנגען צוריק; נאָכהער — ווידער אָנגעהויבען ריידען און ווידער געפונען זייער פרעהליכקייט: זיי האָבען זיך געפיהלט פאַראייניגט מעהר ווי ווען עס איז פריהער.

עס איז אבער ניט געווען די לעצטע סצענע פון דעם זאָרט. איצט, אז אָטאָ האָט געפיהלט זיין מאַכט איבער

קריסטאָף׳ן, האָט איהם געצוואונגען איהר צו מיסברויכען; ער האָט געוואוסט, וואו עס איז דער עמפּפינדליכער אָרט, און ער האָט געהאַט אַ שטענדיגען חשק דאָרט ארויפצולייגען זיין פינגער. אמת, קריסטאָף׳ס צאָרן האָט איהם קיין פארגניגען ניט פארשאפט; פארקעהרט, ער האָט זיך שטארק געשראָקען פאר דעם. אבער ער האָט געפיהלט זיין כח, מאכענדיג קריסטאָף׳ן צו ליידען. ער איז ניט געווען קיין שלעכטער, נאָר ער האָט געהאַט די נשמה פון אַ גאסען־פּרוי.

ניט קוקענדיג אויף זיינע פארשפּרעכונגען, פּלעגט ער זיך באווייזען, געהענדיג ארומגענומען מיט פראַנץ׳ן, אָדער מיט אַן אנדער חבר. זיי אַלע פּלעגען מאכען גרוים גערויש און לאכען זעהר הויך. ווען קריסטאָף פּלעגט איהם מאכען פאָרווירפע, פּלעגט ער אונטערשמייכלען, און זיך פארשטעלען, ווי ער נעהמט עס ניט ערנסט, ביז ער פּלעגט דערזעהן, ווי קריסטאָף׳ס אויגען באקומען אַן אנדער פארב, און זיינע ליפּען הויבען אָן צו ציטערן; דאַמאָלט פּלעגט איהם באפאַלען אַ שרעק; ער פּלעגט ענדערן דעם טאָן, און פארשפּרעכען מעהר אַזוינס ניט צו טאָן. אבער גלייך אויף מאָרגען פּלעגט ער דעם שפּיעל אָנהויבען פון דאָס ניי. קריסטאָף פּלעגט איהם שרייבען בריעף, וואָס האָבען געברענט מיט צאָרן, און וואו ער האָט איהם אָנגערופען:

„שופט! איך וויל מעהר פון דיר ניט הערען! איך קען דיך מעהר ניט! דער טייפעל זאָל דיך כאַפּען מיט אַלע הינט פון דיין זאָרט!“

אָבער עס איז געווען גענוג, אַז אָטאָ זאָל ארויסריידען אַ וויינענדיגען וואָרט, אָדער, ווי ער האָט עס איין מאָל געטאָן, ער זאָל איהם שענקען אַ בלום אַלס צייכען פון אייביגער

טרייקייט, און קריסטאַף זאָל זיך צושמעלצען אין חרטה און שרייבען:

— „מיין מלאך! איך בין אַ נאַר. פאַרגעס מיין נאַרישקייט. דו ביזט דער בעסטער פון אַלע מענשען. דיין קליינער פינגערל אַליין איז מעהר ווערט ווי דער גאַנצער נאַרישער זשאַן־קריסטאַף. דו טראַגסט אין זיך אוצרות פון נאָבעלע און דעליקאַטע צערטליכקייט. איך קוש דיין בלום מיט טרעהרען. זי רוהט אויף מיין הארצען. איך קוועטש איהר אריין אין מיין הויט; איך וואָלט וועלען, זי זאָל מיר שטעכען ביז בלוט, כדי איך זאָל טיעפער פיהלען דיין איידעלע גוטסקייט און מיין שענדליכע נאַרישקייט!"...

פונדעסטוועגען האָבען זיי אָנגעהויבען איינער דעם אַנדערן צו דערעסען. עס איז ליגען, ווען מען זאָגט, אַז קליינע רייסערייען האַלטען אונטער די פריינדשאַפט. קריסטאַף האָט געטראָגען אַ כעס אויף אָטאָ'ן פאַר די עולות, וואָס ער פלעגט באַגעהן צוליעב אָטאָ'ס שולד. ער האָט געזוכט זיך אַליין פאַרצואיוואַרפען, באַשולדיגענדיג זיין איינענעם דעספאָטיזם. זיין טרייע און ליידענשאַפטליכע נאַטור, וואָס האָט צום ערשטען מאָל דורכגעמאַכט די פראָבע פון ליעבע, האָט זיך אינגאַנצען איבערגעגעבען, און האָט פאַרלאַנגט, אַז אויך דער אַנדערער צד זאָל זיין אַזוי איבערגעגעבען. ער האָט אין פריינדשאַפט ניט דערלאָזען קיין טיילונג. זייענדיג אַליין גערייט זיך מקריב צו זיין פאַר'ן פריינד, האָט ער געפונען פאַר גערעכט און זאָגאַר פאַר נויטיג, אַז דער פריינד זאָל אויך פאַר איהם מקריב זיין אַלץ, זאָגאַר זיך אַליין. אָבער ער האָט אָנגעהויבען צו פיהלען, אַז די וועלט איז ניט געבויט נאָך דעם מוסטער פון זיין פעסטען כאַראַקטער, און אַז ער פאַרלאַנגט פון זאַכען אַזוינס, וואָס זיי קענען ניט געבען. דאַ־

מאָלט האָט ער אָנגעהויבען זיך אַליין אונטערצוגעבען. ער האָט זיך אַליין גענומען באשולדיגען, זיך באהאנדלען ווי אַן עגאָאיסט, וואָס האָט קיין רעכט ניט צו פארכאַפּען דעם פריינד'ס געפיהלען. ער האָט געמאכט אמת'ע אנשטרענגונגען איהם צו לאָזען אין גאנצען פריי, עס מעג איהם קאָסטען וואָס עס וויל. ער האָט זיך זאגאר אויף אַזוי וויים גובר געוועז, אוים געפיהל פון הכנעה, צוצורייידען אָטאָ'ן, ער זאָל ניט פארנאכלעסיגען פראנץ'ן. ער האָט זיך באמיהט אַליין זיך איינצוריידען, אז איהם איז ניחא, וואָס אָטאָ האָט פארגניגען אין אנדערע געזעלשאַפטען. דאָך, ווען אָטאָ, וועלכער האָט בשום אופן זיך ניט געלאָזט נארען דערפון, פלעגט בייזוויליג פאָלגען זיין עצה, פלעגט ער מאכען א זויערע מינע און פלוצלונג ווידער ארויספלאצען.

אין א נויטפאַל, וואָלט ער אָטאָ'ן שוין מוחל געוועז, וואָס ער האָט פארגעצויגען אַנדערע בעסער ווי איהם; אבער, וואָס ער האָט ניט געקאָנט פארטראָגען, איז געוועזן זיין ליגען זאָגען. אָטאָ איז ניט געוועזן קיין פאלשער און ניט קיין צבועק; אבער עס איז איהם בטבע געוועזן שוועד צו זאָגען דעם אמת, ווי עס איז שווער א שטאָמלער ארויסצוריידען דייטליכע ווערטער! דאָס וואָס ער פלעגט זאָגען, איז ניט געוועזן אינגאנצען אמת און ניט אין גאנצען פאלש; צי עס איז געוועזן פון זיין שעמעדיגקייט, אָדער פון זיין ניט זיכערקייט מיט די אייגענע געפיהלען, ער האָט זעלטען ווען גערעדט אין אַ קלאָהרען אופן; זיינע ענטפערס זיינען געוועזן צווייַדייטיג; און, ועל כולם, האָט ער האלט געהאט פון אַלץ צו מאכען א סוד און שפּיעלען אין באהעלטעניש, און דאָס פלעגט קריסטאָף'ן ארויסברייגגען אין גאנצען פון די כלים. ווען מען פלעגט איהם כאפען ביי א חטא, אָדער ביי עפּעס

אזוינס, וואָס איז אויסגעקומען ווי א חטא, לויט די געזעצן פון זייער פריינדשאפט — פלעגט ער לייקענען שטיין און ביין, אנשטאָט זיך מודה צו זיין. איינמאָל איז קריסטאָף אזוי אויפגעבראכט געוואָרען צוליעב דעם, אז ער האָט איהם אראָפגעלאָזען א פאטש. ער האָט געמיינט, אז דאָס איז שוין דער סוף פון זייער פריינדשאפט, און אז אָטאָ וועט איהם קיינמאָל ניט מוחל זיין. אבער נאָכדעם ווי יענער האָט א פאר שעה זיך געבלאָזען, איז ער געקומען צו איהם ווי גאָר ניט געוועזן. ער האָט קיין כעס ניט געטראָגען פאר קריסטאָף'ם בויאַנסטווא. אפשר איז עס איהם זאָגאר ניט געוועזן צואווידער, און ער האָט אין דעם געפונען א געוויסען חן. וואָס עס פלעגט איהם פארדריסען, איז געוועזן, וואָס קריסטאָף הערט אוים אלע זיינע באבע מעשות מיט אן אָפענעם מויל; ער האָט דערפאר איהם אביסעל מבזה געוועזן ביי זיך אין הארצען, און זיך געהאלטען העכער פאר איהם. קריסטאָף'ן פון זיין זייט האָט פארדראָסען, וואָס יענער נעהמט אן זיינע גראבקייטען, זיך ניט שטעלענדיג אנטקעגען.

זיי האָבען מעהר ניט געקוקט איינער אויף'ן אנדערן מיט די אויגען פון די ערשטע טעג. זייערע ביידענס פעהלערן האָבען זיך איצט ארויסגעוויזען אין פולער ליכט. אָטאָ האָט גענומען געפינען ווענעגער חן אין קריסטאָף'ם אונאָפּהענגיגקייט. קריסטאָף איז געווען זעהר א פערמאטערנדער באגלייטער אויף די שפאצירגענג. עס האָט איהם א האָר ניט געקימערט וועגען דעם, וואָס עס איז פאסיג. ער פלעגט זיך מאכען באקוועם, פלעגט אויסטאָן דעם ראָק, פארנאנדערשפילענען די וועסט, לאָזען דעם קאָלנער אָפען, פלעגט פארקאשערן די ארבעל פון העמד, אויפהייגנען די הוט אויף זיין שטאָק און דרעהען עם אין דער לופטען. ער פלעגט שאָק־

לען מיט די הענט ביים געהן, פייפען און זינגען הויך אויפ'ן קול; ער פלעגט ווערן רויט, באדעקט מיט שוויים און באַשטויבט; ער האָט אויסגעזעהן, ווי א פויער, וואָס קומט צוריק פון יריד. דער אריסטאָקראטישער אָטאָ איז געווען אין טויטשרעק, אז מען זאָל איהם ניט טרעפען אין זיין חברותא. ווען ער פלעגט דערזעהן א וואָגען אויפ'ן וועג, פלעגט ער זוכען צו בלייבען א צעהן טריט פון הינטען, ווי ער וואָלט אליין שפּאצירט.

קריסטאָף איז פאַר איהם געווען ניט ווייניגער אונבאַקוועם, ווען ער פלעגט זיך אוועקלאָזען ריידען אין א רעסטאראַן, אָדער אין וואגאָן ביים פאָהרען אהיים. ער האָט האָלט געהאט צו ריידען אויפ'ן קול, און ארויסצוזאָגען אלץ, וואָס איהם פלעגט ארייַנפאלען אין קאָפּ. ער פלעגט באהאנדלען אָטאָ'ן מיט א סקאנדאַלעזער מחותנ'שאפט; ער פלעגט הויך ארויסזאָגען מיינונגען, וואָס האָבען קיין שום פריינדליכקייט ניט געהאט ווענגען די חשוב'סטע פערזאָנען, ווענגען דעם אויסזעהן פון די לייט, וואָס זיינען געזעסען גאנץ נאָהענט צו איהם; אָדער ער פלעגט זיך ארייַנלאָזען אין איינצעלהייטען מכח זיין געזונטהייט און זיין פאמיליען־לעבען. אָטאָ האָט געמעגט אויסשטארצען די אויגען און מאכען צייכענס פון שרעק, ווי פיעל ער האָט געוואָלט: קריסטאָף פלעגט זיי, ווי גאָר ניט באמערקען, און זיך ניט איינהאַלטען מעהר, ווי ווען ער וואָלט געווען אינגאנצען אליין. אָטאָ פלעגט זעהן, ווי דער שמייכעל ליגט ביי די שכנים אויף די פּנים'ער; און ער פלעגט פיהלען ווי זיך צו באגראָבען טיעף אין דר'ערד. ער האָט געפונען אז קריסטאָף איז גראָב, און האָט ניט פארשטאַנען, ווי אזוי האָט ער עם געקאָנט קומען אין התפעלות פון איהם.

דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס קריסטאָף פלעגט זיך פונקט אזוי וויניג קימערן אויף וועגען אלערליי צאמען, ווי פאַרקאַנעס, ווענט, איינטריטס־פאַרבאָטען, געלט־שטראָפען, פ א ר ב אָ ט ע ן פון כל המינים, וואָס האָבען געזאָלט באַ־שריינקען זיין פרייהייט, כדי צו שיצען דאָס הייליגע אייגענטום. אָטאָ האָט געלעבט אין שטענדיגען שרעק, און זיינע פראָטעסטען האָבען גאָר ניט געהאָלפען: קריסטאָף פלעגט פון להכעיס וועגען נאָך ערגערס אָפטאָן.

איין מאָל, ווען קריסטאָף האָט ארומשפאצירט ווי ביי זיך אין דער היים, און אָטאָ האָט זיך נאָכגעשלעפט הינטער איהם, אין א פרעמדען וועלדעל, ווענעם מויערן ער איז אריבערגעקלעטערט, ניט קוקענדיג אויף דעם, — אָדער דוקא וויל, — זיי זיינען געווען פארלעגט מיט שטיקער גלאָז פון פלעשער, האָט ער זיך פלוצלונג אָנגעשטויסען אויף דעם וועכטער; יענער האָט פריהער זיך ארויפגעוואָרפען אויף זיי מיט זידלערייען, און נאָכדעם ווי ער האָט זיי געסטראשעט צו פאר׳מסר׳ן דער פאָליציי, האָט ער זיי אויפ׳ן שענדליכס־טען אופן ארויסגעוואָרפען. אָטאָ האָט גאר ניט געשיינט ביי דער געלעגענהייט: מיינענדיג, אז מען פארזעצט איהם שוין אין טורמע, האָט ער געיאמערט, און פארזיכערט נאָריש, אז ער איז אריין על פי טעות: ער איז נאָכגעגאנגען קריס־טאָף׳ן, ניט וויסענדיג, וואוהין ער געהט. ווען ער האָט דער־זעהן, אז ער איז א געראַטעוועטער, האָט ער, אנשטאָט זיך צו פרעהען, זיך ארויפגעוואָרפען אויף זיין חבר מיט ביטערע פאָרווירפע; ער האָט זיך באקלאָגט, אז קריסטאָף קאָמפראָ־מיטירט איהם. קריסטאָף האָט איהם צושמעטערט מיט זיין בליק, און איהם אָנגערופען: „טרום!“ זיי האָבען זיך דורכ־געוואָרפען מיט קרעפטיגע ווערטער. אָטאָ וואָלט קריסטאָף׳ן

פּשוט געלאָזען שטעהן אַליין, אויב ער וואָלט געוואוסט, ווי צו קומען אַליין אַהיים; איצט איז ער געווען געצוואונגען איהם נאָכצוגעהן, נאָר זיי האָבען זיך געמאַכט ווי זיי וואָלטען גאָר קיין מגע־ומשא ניט האָבען איינער מיט'ן אַנדערן.

אַ רעגען־שטורם האָט זיך געקליבען. פון כעס האָבען זיי ניט באַמערקט, ווי ער קומט. דאָס ברענענדיגע לאַנד האָט געברויזט מיט דעם גערויש פון די חיה'לאַך. פּלוצלונג איז אַלץ אַנטשוויגען געוואָרען. זיי האָבען באַמערקט די שטילקייט ערשט אין עטליכע מינוטען אַרום: עס האָט זיי געקלונגען אין די אויערן. זיי האָבען אויפגעהויבען די אויגען: דער הימעל איז געווען שוואַרץ; ריעזיגע, שווערע רעגען־וואָלקענס האָבען איהם באַדעקט; זיי זיינען געקומען פון צוויי זייטען, ווי אַ מחנה רייטער. עס האָט אויסגעוויזען, ווי עס וואָלט זיי אַלעמען טרייבען צו איין געהיימניספולען תהום. דער דערשראָקענער אָטאָ האָט ניט געוואגט זיך מודה צו זיין פאַר קריסטאָף'ן, ווי שטאַרק ער שרעקט זיך. און יענער האָט געהאַט אַ בייזען פאַרגניגען זיך צו מאַכען ניט באַמערקענדיג עס. פונדעסטוועגען זיינען זיי צוגעגאַנגען נאָהענטער איינער צום אַנדערן, כאָטש זיי האָבען ניט גערעדט. זיי זיינען געווען אַליין אויף דעם ווייטען שטח לאַנד. קיין איין לופט־הויך. קוים אַ פיבערישער ציטער, וואָס האָט פאַר אַ מינוט געמאַכט די קליינע בלעטער פון די בוימער זיך ריהרען. פּלוצלונג האָט אַ שטורמווינט אויפגעהויבען דעם שטויב, איינגעבויגען די בוימער און זיי גענומען פירכטערליך שמייסען. און ווידער אַמאָל האָט די שטילקייט זיך אַראָפּגעלאָזען, נאָך פינסטערער ווי פריהער. אָטאָ, מיט אַ ציטערנדיגער שטים, האָט זיך באַשלאָסען אַנצוהויבען ריידען:

„עס איז אַ שטורם. מיר מוזען געהן אַהיים“:

קריסטאָף האָט געענטפערט:

— „זאָלען מיר געהן צוריק“.

אבער עס איז געווען צו שפּעט. א פאַרבלענדענד, שנייי־דענד ליכט האָט א בליץ געטאָן, דער הימעל האָט געברילט, דער וואָלקענגעוועלב האָט געברומט. אין איין מינוט שפּעטער זיינען זיי געווען אַרומגעכאַפּט פון ציקלאָן, פאַרבלענדעט פון די בליצען, באַטויבט פון די דונערן און דורכגענעצט פון קאָפּ ביז די פיס. זיי האָבען זיך געפונען אויף א פרייען פעלד, אויף א מהלך פון מעהר ווי א האַלבע שעה גאַנג פון א הויז. דורך דעם שניידענדען רעגען, דורך די בלאַסע ליכט האָט זיך דורכגעריסען דער ריעזיגער, רויטער בליאַסק פון די בליצען. זיי האָבען געוואָלט לויפען; אבער זייערע, פון רעגען צוגעקלעפּטע, קליידער האָבען זיי געשטערט אפילו צו געהן. זייערע שיך זיינען געוואָרען גליטשיג, וואַסער האָט גערונען ביי זיי איבער'ן גאַנצען לייב. זיי האָבען מיט מיה געקאָנט אָפּכאַפּען דעם אָטעם. ביי אָטאַ'ן האָבען די ציינער געקלאַפּט פון קעלט. ער איז געווען ווילד פון צאָרן, און האָט קריסטאָף'ן געשליידערט באַליידיגונגען; ער האָט געוואָלט בלייבען אויף אַן אָרט, טענה'ענדיג, אַז עס איז געפעהרליך צו געהן, האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט זיך אַוועקזעצען אויפ'ן מיטען וועג, אָדער, אַז ער וועט זיך אַוועקלייגען צווישען די צואַקערטע פעלדער. קריסטאָף האָט ניט געענטפערט, נאָר איז געגאַנגען ווייטער זיין וועג, פאַרבלענדעט פון ווינט, רעגען און בליי־צען; אַביסעל איבערגעשראָקען איז ער אויך געווען, נאָר ער האָט זיך געהיט זיך מודה צו זיין אין דעם.

און פּלוצלונג איז אַלץ געווען פאַרביי. דער שטורם איז פאַריבער אַזוי שנעל, ווי ער איז געקומען. אבער ביידע האָ־

בעז זיך געפונעז איז א קלאָגעדיגעז צושטאַנד. איז אמת'ן פלעגט קריסטאָף געוועהנליך, זיין אַזוי צושויבערט, אַז אַבי־סעל מעהר אונאָרדנונג האָט איהם קוים געענדערט. אבער אַטאַ, וואָס איז אזוי שטאַרק געוועז געצערטעלט, און אזא אקוראַטנער איז זיין קליידונג, איז איצט געוועז א טרויע־ריגע פיגור; עס האָט אויסגעוויזעז ווי ער וואָלט, איז גאַנ־צעז אַז אַנגעטאָענער, גענומען א וואַנע; און ווען קריסטאָף האָט זיך אומגעקעהרט צו איהם, האָט ער, קוקענדיג אויף איהם, זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען אום ניט ארויסצופּלאַ־צען מיט א געלעכטער. אַטאַ איז געוועז אזוי אויסגעמאַטערט, אַז ער האָט אפילו ניט געפונען קיין כח זיך אויפצוקאָכען. קריסטאָף האָט אויף איהם רחמנות באקומען, און האָט פרעה־ליך גערעדט צו איהם. אַטאַ האָט געענטפערט נאָר מיט א צאָרנדיגען בליק. קריסטאָף האָט איהם אריינגעפיהרט איז א פויערשען הויף; זיי האָבען זיך אויסגעטריקענט ביי א גרויסען פייער, און האָבען געטרונקען הייסע וויין. קריסטאָף האָט געפונען, אַז די פּאַסירונג איז געוועז גאַנץ אַמוזאַנט, און האָט געפּרובירט זיך לוסטיג מאַכען דאריבער. אַבער דאָס איז געוועז גאָר ניט נאָך אַטאַ'ס געשמאַק, און ביז צו ענד פון שפּאַציר איז ער געגאַנגען א בייזער און א שווייגענ־דיגער. ברוגז'ע זיינען זיי זיך פאַרנאַנדערגעגאַנגען, זיך ניט געבענדיג די הענט ביים געזעגענען זיך.

נאָך יענעם שפּאַציר האָבען זיי א וואָך לאַנג זיך ניט געזעהן. זיי האָבען שטרענג פאַראורטיילט איינער דעם אַנ־דערן. אבער נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך אליין באשטראָפט דערמיט, וואָס זיי האָבען ביי זיך אוועקגענומען דעם זונטאָג־שפּאַציר, איז זיי געוואָרען אזוי לאַנגווייליג, אַז זיי האָבען פאַרגעסען דעם כעס. קריסטאָף האָט, ווי געוועהנליך, גע־

מאכט דעם ערשטען אָנבאָט. אָטאָ האָט גנאַדיג עס אָנגענו־
מען, און זיי האָבען געשלאָסען פריעדען.

ניט קוקענדיג אויף די רייסעריייען, איז פאר זיי געווען
אונמעגליך אויסצוקומען איינער אָהן אנדערן. זיי האָבען
אפילו ביידע געהאט פעהלערן; זיינען ביידע געווען עגאָאיס־
טען; אבער דער עגאָאיזם איז געווען נאַיוו; ער האָט נאָך ניט
געוואוסט פון יענע אויפרעגונגען פון די עלטערע יאָהרען,
וואָס מאכט איהם אזוי אפשטויסענד. — ער האָט זיך אליין
נאָך ניט געקאָנט: ער איז כמעט געווען ליעבליך; יעדענ־
פאלס האָט ער זיי ניט געשטערט איינער דעם אנדערן עהר־
ליך צו ליעבען. זיי האָבען געהאט אזא תשוקה צו ליעבען און
צו ברייגגען קרבנות. דער קליינער אָטאָ האָט געוויינט לי־
גענדיג אויף זיינע קישענס און זיך דערצעהלענדיג מעשות,
וואו ער איז געווען דער העלד; ער האָט אויסגעטראכט טראַ־
גישע פאסירונגען, אין וועלכע ער זאָל זיך ארויסווייזען
שטארק, מוטיג, אונערשראָקען, באשיצענדיג קריסטאָף'ן,
וועגען וועלכען ער האָט זיך איינגערעדט, אז ער ליעבט איהם
שטארק. קריסטאָף פון זיין זייט פלעגט ניט קענען זעהן אָדער
אויסהערען עפּעס אזוינס, וואָס איז שעהן און מערקוויר־
דיג, ניט צו טראכטען: „ווען אָטאָ וואָלט דערביי געווען!“
ער האָט אריינגעמישט זיין פריינדס בילד און זיין גאנצען
לעבען; און דאָס בילד האָט זיך אזוי געענדערט, און אָנגע־
נומען אזא ב'חנ'טען אויסזעהן, דאָס, ניט קוקענדיג אויף אלץ,
וואָס ער האָט געוואוסט וועגען איהם, פלעגט עס איהם פאר־
שכור'ן. אָטאָ'ס געוויסע ווערטער, וועלכע ער פלעגט נאָך
לאַנג נאָכהער געדיינקען און פארשענערען, פלעגען איהם
מאכען ציטערען פון געריהרטקייט. זיי האָבען איינער דעם
אנדערן געזוכט נאָכצומאכען. אָטאָ פלעגט ווי אַן אבעזיאנע

נאָכמאַכען קריסטאָף'ס מאַניערען, באַוועגונגען און האַנט־שריפט. אָפטמאָל פלעגט קריסטאָף שטאַרק בייז ווערן אויף זיין שאָטען, וואָס פלעגט איבער'חזר'ן זיין יעדעס וואָרט, און איהם מכבד זיין מיט זיינע אייגענע געדאַנקען, ווי בלומרשט נייע. אבער ער האָט ניט געמערקט, אַז ער אַליין איז בעאיינפלוסט פון אָטאָ'ן, און אַז ער קאָפּירט זיין שטייגער ווי זיך אָנצוטאָן, צו געהן און אויסצורעדען געוויסע ווערטער. עס איז געווען ווי אַ מין כשוף. זיי זיינען געווען אָנגעטרונקען איינער מיט'ן אַנדערן, און זייער האַרץ האָט זיך צוגאָסען אויף אַלע זייטען ווי אַ קוואַל. יעדער פון זיי האָט זיך איינגעבילדעט, אַז דער פריינד איז די אורזאַך דערפון. זיי האָבען ניט געוואוסט, אַז דאָס איז געווען די ערוואַכונג פון זייער יוגענד.

קריסטאָף, וועלכער האָט געגען קיינעם ניט געהאַט קיין מיסטעריען, האָט געלאָזען זיינע פּאַפּירען זיך אַרומוואַלגערן. דאָך אַן אינסטינקטיווע שעמעדיגקייט האָט איהם געמאַכט באַהאַלטען די טשערנאָוויקעס פון די בריעף, וואָס ער פלעגט שמירען צו אָטאָ'ן און יענעמ'ס ענטפערס. ער האָט זיי אָבער ניט פאַרשלאָסען, נאָר איינפאַך אַריינגעלייגט צווישען די בלעטער פון איינעם פון זיינע נאָטען-העפטען, זייענדיג זיכער, אַז קיינער וועט זיי דאָרט ניט זוכען. ער האָט אָבער געמאַכט דעם חשבון, ניט נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט די רשעות פון זיינע ברידער.

די לעצטע צייט האָט ער באַמערקט, אַז זיי לאַכען און שושקענען זיך, ווען זיי קוקען אויף איהם: זיי ריידען זיך אַריין אין אויער עפּעס שטיקלעך געשפּרעכען, פון וועלכע זיי קייקלען זיך לאַכענדיג. קריסטאָף'ן האָט זיך ניט איינגעגעבען צו כאַפּען דעם זינען פון די געשפּרעכען: אויסער דעם האָט ער שוין לאַנג זיי געגומען באַהאַנדלען אויף אַזאַ אופן, דאָס ער האָט אַרויסגעוויזען פולע גלייכגילטיגקייט צו אַלץ, וואָס זיי האָבען גערעדט אָדער געטאָן. דאָך עטליכע ווערטער האָבען אַרויסגערופען זיין אויפמערקזאַמקייט: איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער דערקענט זיי. און באַלד האָט ער מעהר שוין ניט געקאָנט צווייפלען, אַז זיינע ברידער האָבען געלייענט זיינע בריעף. אָבער, ווען ער איז צוגעשטאַנען צו ערנסט'ן און רודאָלפ'ן, וועלכע האָבען אָנגעהויבען איינע די אַנדערע צו רופען מיט אַ שפּאַסיגער ערנסטקייט: „מיין

זיסע נשמה!", האָט ער פון זיי גאָר ניט געקאָנט אַרויסקריגן. די חברה־לייט האָבן זיך געמאַכט, ווי זיי וואָלטן גאָר נישט פאַרשטאַנען, און האָבן גע'טענה'ט, אַז זיי האָבן אַ רעכט זיך צו רופן, ווי זיי געפעלט. און אַזוי ווי קריסטאָף האָט געפונען אַלע זיינע בריעף אויף אַן אָרט, האָט ער מעהר ניט געוואָלט נאָכפאָרשען.

אין אַ קורצע צייט אַרום האָט ער געכאַפּט ערנסט'ן ביי דער האַנט ביי אַ גנבה: דער קליינער אויסוואורף האָט אַרומגעשאַרט אין דעם טישקעסטעל, וואו לואיזע האָט גע־האַלטען איהר געלט. קריסטאָף האָט איהם גראַב גענומען טרייסלען, און באַנוצט די געלעגענהייט איהם אַרויסצוזאָגען אַלץ, וואָס איז איהם געלעגען אויפ'ן האַרצען: ער האָט איהם אויסגערעכענט אין אויסדרוקען, וואָס זיינען געווען ווייט פון העפליכע, אַלע זיינע שעהנע מעשים; און דער צעטעל איז ניט געווען קיין קורצער.

ערנסט האָט די מוסר זעהר שלעכט אויפגענומען; ער האָט חוצפה'דיג געענטפערט, אַז קריסטאָף האָט ניט, וואָס איהם פאַרצואוואַרפען, און אַרויסגעזאָגט דערביי אַ פּאָר צווייידייטיגע באַמערקונגען וועגען זיין ב־יי־ערס פריינדשאַפט צו אַמאַ'ן. קריסטאָף האָט עס ניט פאַרשטאַנען. אָבער הערענ־דיג, אַז מען מישט אַריין אַמאַ'ן אין זייער קריעג, האָט ער ערנסט'ן באַפוילען דייטליכער זיך צו ערקלעהרען. דער קליי־נער האָט געלאַכט אין זיך: דאָך דערזעהענדיג, ווי קריס־טאָף איז בלייך געוואָרען פון כעס, האָט ער זיך דערשראָקען און מעהר ניט געוואָלט ריידען. קריסטאָף האָט געזעהן, אַז אַזוי וועט ער מעהר גאָר ניט אַרויסקריגען; ער האָט זיך אוועקגעזעצט, קוועטשענדיג מיט די פּלייצעס, און אַרויס־ווייזענדיג פולע פאַראַכטונג צו ערנסט'ן. יענער, אַז אויפגע־

רייצטער, האָט ווידער אָנגעהויבען זיינע אונפארשעמטקיי־
טען: ער האָט זיך פאַרגענומען דעם ברודער צו קריינקען,
און האָט איהם אוועקגעלעגט אַ מענה־לשון איבער זאכען
איינע שוידערליכער און העסליכער ווי די אַנדערע. קריסטאָף
האָט זיך אָנגעטאָן אַ כח, ניט ארויסצופּלאַצען. אבער ווען
ער האָט ענדליך פארשטאַנען, איז ער רויט געוואָרען, און איז
אויפגעשפרונגען פון שטוהל. ערנסט האָט מעהר קיין צייט
ניט געהאט צו שרייען, ווארום קריסטאָף האָט זיך אויף איהם
ארויפגעוואָרפען, איהם אַנידערגעוואָרפען אין מיטען צימער,
צודריקענדיג דעם קאָפּ צו דער ערד.

אויף דעם שרעקליכען געשריי פון קרבן, זיינען צוזאַ־
מענגעלאָפען לואיזע, מעלכיאָר און די גאַנצע הויז. מען האָט
ערנסט'ן ארויסגעריסען אין זעהר אַ קלאָגעדיגען צושטאַנד.
קריסטאָף האָט איהם ניט געוואָלט ארויסלאָזען פון האַנט:
מען האָט געמוזט אויף איהם אליין זיך ארויפוואַרפען מיט
קלעפּ. מען האָט איהם גערופען „ווילדע חיה“: און ער האָט
טאַקי אַזוי אויסגעזעהן. די אויגען זיינען ביי איהם געווען
אויסגעשטאַרטשעט פון קאָפּ: ער האָט געקריצט מיט די
ציין, און זיין איינציגער געדאַנק איז געווען: ווידער זיך
ארויף צוּוואַרפען אויף ערנסט'ן: ווען מען האָט איהם גע־
פרעגט: וואָס אַזוינס איז געשעהן? האָט זיין צאָרן זיך נאָך
פארדאָפּעלט, און ער האָט געשריען, אַז ער וועט איהם דער־
הרג'ענען. ערנסט האָט זיך אויך ענטזאגט צו ריידען.

קריסטאָף האָט ניט געקאָנט ניט עסען און ניט שלאָ־
פען. עס האָט איהם געוואָרפען אין היץ, און ער האָט גע־
וויינט ביי זיך אין בעט. ער האָט געליטען ניט נאָר צוליעב
אַטאַ'ן. אַן איבערקעהרעניש איז פאָרגעקומען אין איהם.
ערנסט האָט קוים פארשטאַנען, וואָס פאַר אַ וואונד ער האָט

פאַרשאַפט זיין ברודער. קריסטאָף האָט געהאַט אַ האַרץ פון פוריטאַניש־שטרענגער ריינקייט, וואָס האָט ניט געקאַנט מוחל זיין די שמוץ פון לעבען; און נאָר ביסלאַכווייז האָט ער די שמוץ מיט שרעק ענטדעקט. צו פופצעהן יאָהר, ביי אַ גאַנץ פרייען לעבען, און מיט שטאַרקע אינסטינקטען, איז ער דאָך נאָך אַלץ פאַרבליבען זעלטען־ריין. זיין נאַטירליכע ריינקייט און שטענדיגע אַרבייט האָבען איהם באַשיצט. זיין ברודער'ס ווערטער האָבען געעפענט פאַר איהם אַ תהום. אַליין וואָלט ער קיין מאָל ניט געקומען אויף דעם געדאַנק וועגען אַזוינע געמיינהייטען. איצט אַבער, אַזוי ווי דער געדאַנק איז אין איהם שוין ערוועקט געוועזן, איז די גאַנצע פרייד פון ליעבען און ווערען געליעבט פאַרדאַרבען געוואָרען. ניט נאָר זיין פריינדשאַפט צו אָטאָ'ן, יעדע פריינדשאַפט איז געוואָרען פאַרגיפטעט.

נאָך פיעל ערגער איז עס געוואָרען, ווען עטליכע סאַר־קאַסטישע אַנצוהערענישען האָבען איהם געמאַכט צו דענ־קען, עס קען זיין מיט אונרעכט, אַז זיי זיינען דער ציעל פון ניט קיין שעהנער נייגעריגקייט מצד פון דער קליינער שטאָדט; באַזונדערס נאָכדעם, ווי מעלכיאָר האָט אין אַ קורצע צייט אַרום איהם אויסגערעדט פאַר זיינע שפּאַצירונגען מיט אָטאָ'ן. וואַרשיינליך האָט מעלכיאָר קיין שלעכטס אין דעם ניט געזעהן. אַבער, באַקומענדיג איין מאָל אַ התראה, האָט קריסטאָף איצט אין יעדער וואָרט געזעהן אַ פאַרדאַכט; ער האָט כמעט זיך געגומען פיהלען שולדיג. אָטאָ האָט אויך דורכגעמאַכט דעמזעלבען קריזיס אין דער זעלבער צייט.

זיי האָבען נאָך געפּרובירט זיך זעהן געהיים. אַבער עס איז פאַר זיי געוואָרען אונמעגליך צו געפינען פון דאָס ניי די נאַטירליכקייט פון זייערע אַלטע באַציהונגען. די פרייהייט

פון זייערע באציהונגען איז געווען צושטערט. אַט דיביידע קינדער, וואָס האָבען זיך אַזוי צערטליך געליעבט; וואָס האָבען איינער דעם אַנדערן קיינמאָל זיך ניט ערלויבט אפילו אַ ברודערליכען קוש צו געבען; און וואָס האָבען זיך ניט פאַרגעשטעלט קיין גרעסערן גליק ווי נאָר זיך צו זעהן, צו פאַרשטעהן, און זיך צו טיילען מיט זייערע חלומות, זיי האָבען זיך איצט געפיהלט באַשמוצט דורך דעם פאַרדאַכט פון ניעדעריגע הערצער. סוף כל סוף האָבען זיי אָנגעהויבען זעהן שלעכטס אין די אונשולדיגסטע האַנדלונגען. אין אַ בליק, אָדער האַנט־דרוק; זיי פלעגען רויט ווערען און באַקומען שלעכטע געדאַנקען. זייערע באַציהונגען זיינען געוואָרען אונערטרעגליך.

גאָר אָהן רייד האָבען זיי אָנגעהויבען זעלטענער זיך צו זעהן; זיי האָבען געפּרובירט אויסקומען מיט'ן שרייבען. אבער זיי האָבען אָנגעהויבען אכטונג צו געבען אויף יעדער אויסדרוק. זייערע בריעף זיינען געוואָרען קאַלט און אָהן טעם. אַט אַזוי האָבען זיי דעם מוט פאַרלאָרען. קריסטאָף האָט אַרויסגעשטעלט פאַר אַ תירוץ די אַרבייט, אָטאָ זיינע באַשעפטיגונגען אום איבערצורייסען די קאָרעספּאָנדענץ. אין אַ קורצע צייט אַרום איז אָטאָ אָפּגעפאָהרען אין אוניווערזיטעט; און די פריינדשאַפט, וואָס האָט באַלויכטען עטליכע חדשים פון זייער לעבען, איז אין גאַנצען פאַרלאָשען געוואָרען.

דערצו נאָך האָט אַ נייע ליעבע, פון וועלכע די איז נאָר געווען אַ שליח, זיך פאַרקליבען אין קריסטאָף'ס הארצען, און האָט פאַרטונקעלט יעדער אַנדער ליכט.

III.

טינא.

פיער־פינף חדשים פאַר די דערמאָנטע פּאַסירונגען, האָט פרוי יאָזעפע פאָן קעריך, זינט א קורצע צייט די אַלמנה פון מלוכה־ראָט סטעפאַן פאָן קעריך, פארלאָזען בערלין, וואו דעם מאנ׳ס שטעל האָט איהר ביז דאַמאָלט פארהאַלטען. כדי זיך צו באזעצען מיט איהר טאָכטער אין דער קליינער שטאָדט ביים רהיין, איהר געבורטסאָרט. דאָרט האָט זי געהאט אן אלטע פאמיליען־הויז, מיט א גרויסען גאָרטען, כמעט א פּארק, וואס האָט זיך געצויגען אראָפּ באַרג ביז צום טייך, אין דער שכנות פון קריסטאָף׳ם הויז. פון זיין בוידים האָט קריסטאָף געזעהן די שווערע צווייגען פון די בוימער, וואָס זיינען געהאנגען איבער די ווענט און דעם הויכען שפּיץ פון רויטען דאך מיט זיינע, פון מאך באדעקטע, ציגעל. א שמאָלע געסעל, דורך וועלכע מען האָט זיך קוים געקאָנט דורכקוועטשען, האָט זיך געצויגען צו דער רעכטער זייט פון גאָרטען; פון דאָרט האָט מען געקאָנט, ארויפקלעטערנדיג אויף א שטיין, אריבערקוקען איבער׳ן וואנט. קריסטאָף האָט עס ניט פארבייגעלאָזען. ער האָט געקאָנט דאַמאָלט זעהן די, מיט גראז־באוואקסענע, אלייען, די גראזפעלדער, וואָס האָבען אויסגעוויזען ווי פּריירים; די בוימער, וואָס זיינען אריינגעוואקסען איינער אין אנדערן אָהן א סדר; און דעם ווייסען פראָנט פון הויז מיט די, עקשנות׳דיג צוגעמאכטע, לאָדענם. צוויי מאָל א יאָהר פלעגט א גערטנער דורכגעהן ארום און ארום און דורכלופטערן די הויז. אבער באלד נאָכדעם פלעגט די נאַטור ווידער ווערן די בעל־הבית׳טע איבער׳ן

גאַרטען, און אַלץ פלעגט ווידער אַריינפאַלען אין אַ שטיל־קייט.

אַט די שטילקייט האָט געמאַכט אויף קריסטאָף'ן אַ שטאַרקען איינדרוק. גאַנץ אָפט פלעגט ער אַרויפקלעטערן אויף זיין אָבסערוואַטאָריע, אויף ווי ווייט ער איז געוואַקסען, האָבען צוערשט זיינע אויגען, נאָכהער זיין נאָז און דאַן זיין מאָרדע דערגרייכט ביז צום שפּיץ פון וואַנט; איצט האָט ער שוין זאָגאַר געקאָנט אַריבערלייגען זיינע הענט, זיך שטע־לענדיג אויף די שפּיץ־פינגער. און ניט קוקענדיג אויף די ניט באַקוועמע לאַגע, פלעגט אַזוי שטעהן מיט'ן מאָרדע אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, זיך צוקוקענדיג און זיך צוהערענדיג ווי דער אָווענט האָט פאַרנאַנדערגעגאָסען איבער די לאַנ־קעס זיינע זאַנפטע, גאָלדענע כוואַליעס, וועלכע האָבען אָנגע־צונדען אין שאָטען פון די סאָסנעס בלוילִיכע שטראַהלען. ער פלעגט זיך פאַרטראַכטען, ביז ער פלעגט דערהערען פון גאָס טריט, וואָס האָבען זיך דערנעהענטערט. די נאַכט פלעגט צוגי־סען איהרע פאַרפיומען אַרום גאַרטען: לילאַק אין פריהלינג, אַקאַציען — אין זומער און טוידטע בלעטער — אין הערבסט. ווען קריסטאָף פלעגט ביינאַכט קומען צוריק פון שלאָס, ווי פאַרמאַטערט ער זאָל ניט זיין, פלעגט ער נאָך בלייבען שטעהן ביים טיר, כדי צו טרינקען דעם זיסען ריח; און עס פלעגט איהם זיין שווער אַריינצוגעהן אין שטיקיגען צימער. ער האָט זיך אויך אָפט געשפּיעלט — אין דער צייט, ווען ער פלעגט זיך נאָך שפּיעלען — אויף דעם, מיט גראָז באַוואַקסענעם, פלאַץ, ביים אַריינפאָהר צו קעריך'ס הויז. פון ביידע זייטען טיר זיינען הויך געשטאַנען צוויי הונדערטיעה־ריגע קאַשטאַנען־בוימער: דער זיידע פלעגט אָפט זיך אוועק־זעצען אונטער זייער שאָטען רויכערנדיג זיין ליולקע, און די

פרוכט פון יענע בוימער פלעגט דיענען די קינדער פאר פיי־
לען און שפיעלצייג.

איין פריהמאָרגען, דורכגעהענדיג די געסעל, איז ער
ארויפגעקראכען אויפ׳ן שטיין, ווי געוועהנליך. ער האָט גע־
טראכט וועגען אנדערע זאכען, און האָט זיך ארומגעקוקט
צערשטרייט. ער האָט שוין געוואָלט ארונטער, ווען ער האָט
באקומען דעם געפיהל פון עפּעס ניט געוועהנליכעס. ער האָט
א קעהר געטאָן די אויגען צום הויז: די פענסטער זיינען גע־
ווען ווייט אָפען; די זון האָט געשטראהלט אינעווייניג, און
כאָטש מען האָט קיינעם ניט געזעהן, האָט דאָך אויסגעוויזען
ווי די אלטע הויז וואָלט אויפגעשטאַנען פון א פופצעהן־יעה־
ריגען שלאָף, און איז מלא־שמחה מיט איהר ערוואכונג.
קריסטאָף האָט זיך אומגעקעהרט אהיים א צומישטער.

ביים טיש האָט דער פאטער גערעדט וועגען דעם, פון
וואָס אלע שכנים האָבען איצט גערעדט: וועגען דעם, אז פאָן
קעריך איז געקומען מיט איהר טאָכטער און מיט אונגלויב־
ליך פיעל זאכען. דער פלאַץ ארום די קאשטאַנען איז געווען
פול מיט ווייסע חברה׳ניקעס, וואָס זיינען געקומען העלפען
אויספּאַקען די באגאזש. קריסטאָף איז געוואָרען זעהר פאר־
אינטערעסירט מיט דער נייעס, וואָס איז געווען א וויכטיגע
פאסירונג פאר דעם ענגען האָריזאָנט פון זיין לעבען. און האָט
זיך אומגעקעהרט צו זיין ארבייט, זוכענדיג זיך אויסצומאַ־
לען די איינוואָהנער פון דער פאר׳כשופ׳טער הויז, לויט די באַ־
ריכטען, ווי געוועהנליך מגוזמ׳דיגע, פון זיין פאטער. נאָכהער
האָט ער זיך אזוי ארייגעטאָן אין זיין ארבייט, אז ער האָט
אָן אלץ פארגעסען ביז אין אָווענט. זיך אומקעהרענדיג אהיים,
האָט ער זיך ווידער מיט אמאָל אָן אלץ דערמאָנט; און א
נייגעריגקייט האָט איהם געטריבען זיך צו שטעלען אויף זיין

פּאַסט, כדי נאָכצוקוקען וואָס עס געהט פאָר אין הויז. ער האָט אָבער קיין זאַך מעהר ניט געזעהען, ווי די פריעדליכע אַלייען, די אַהן א סדר צואוואָרפענע בוימער, וואָס האָבען אויסגעוויזען ווי זיי וואָלטען דרעמלען אונטער די לעצטע זוןנענשטראַהלען. אין עטליכע מינוט אַרום האָט ער פאַרלאָרען די ערינערונג אַן דעם געגענשטאַנד פון זיין נייגעריגקייט, און ער איז פאַרכאַפּט געוואָרען פון דער זיסער שטילקייט. אַט דער זאָנדערבאַרער פּלאַץ — וואו ער פלעגט שטעהן אויסגעצויגען אויפ'ן שפּיץ פון שטיין, אָנהאַלטענדיג דעם גלייכגעוויכט — איז געוועזען דער אויסערוועהלטער פּלאַץ פאַר זיינע טרוימען. נאָך דעם העפליכען, פינסטערען, שטיקיגען געסעל, האָט דער, פון זון־באַגאָסענער, גאָרטען, געהאַט פאַר איהם א כשוף־גלאַנץ. זיין גייסט האָט פריי געוואַנדערט אין די האַרמאָנישע ווייטקייט און מעלאָדישע מוזיק; ער איז פאַרשלעפערט געוואָרען פון זיי, האָט פאַרגעסען די צייט, די זאַכען און האָט נאָר געטראַכט וועגען דעם: ניט צו פאַרלירען קיין איינציגען פון די סודות פון זיין האַרצען.

אַט אזוי האָט ער געטרוימט מיט אָפענע אויגען און אַן אָפענעם מויל, און וואָלט ניט געקאָנט זאָגען, ווי לאַנג ער האָט געטרוימט, ווארום ער האָט קיין זאַך ניט געזעהן. פּלוצלונג איז ער א פאַרציטערטער געוואָרען. פאַר איהם, וואו די אַלייע האָט זיך פאַרבויגען אַן א זייט, זיינען געשטאַנען צוויי פרויען און איהם אָנגעקוקט. איינע א יונגע דאַמע, אין שוואַרצען, מיט פיינע, אונרעגעלמעסיגע געזיכטסציגען, מיט אַש־בלאָנדע האָר, גרויס, עלעגאַנט, מיט א גלייכגילטיגע אָפּגעלאָזענקייט אין דער האַלטונג פון קאָפּ — האָט איהם באַטראַכט מיט פריינדליכע און לוסטיגע אויגען. די אַנדערע — א מיידעל פון א יאָהר פופצעהן, אויך אין טיעפען טרויער,

האָט געמאַכט אַ מינע פון אַ קינד, וואָס וויל אויספּלאַצען מיט אַ געלעכטער; אַביסעל הינטער דער מוטער, וועלכע האָט איהר געמאַכט אַ צייכען צו בלייבען שטיל, האָט זי באַהאַלטען די מויל אין איהרע הענט, אַזוי ווי איהר וואָלט וועה ווייס ווי שווער געוועזען צו דערשטיקען אין זיך דעם געלעכטער. דאָס איז געוועזען אַ קליין נפש'ל מיט אַ פרישען פּנים, ווייס, ראָזיג און קיילאַכדיג; זי האָט געהאַט אַ קליינע, אַביסעל גראָבליכע נאָז, אַ קליינע מויל, אַ קליינע, קיילאַכדיגע מאָרדע, פיינע ברעמען, קלאָהרע אויגען און אַ סך, אַ סך בלאָנדע האָר, וואָס זיינען געווען פאַרפלאָכטען אין צעפּ און אויסגעלייגט אויף איהר קאָפּ ווי אַ קראַנץ. לאָזענדיג אָפּען אַ קיילעכדיגען האַלז און אַ גלאַטען, ווייסען שטערן— אַ קראַנאַך פּנים.

קריסטאָף איז פאַרשטיינערט געוואָרען פון דער עררשיינונג. אַנשטאָט צו מאַכען אַ ויברח, איז ער געבליבען שטעהן מיט אַ ברייט־געעפענטען מויל, ווי צוגעשמידט צו זיין פּלאַץ. ערשט ווען ער האָט דערזעהן ווי די יונגע דאַמע מיט'ן שפּאָטישען שמייכעל מאַכט עטליכע טריט צו איהם, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן, אַ שפּרונג געטאָן, זיך איבערדרייענדיג און זיך אריינגעכאַפּט אין געסעל, מיטשלעפּענדיג מיט זיך די פּלאַסטער פון וואַנט. ער האָט געהערט הינטער זיך אַ פריינדליכע שטים, וואָס האָט איהם גערופען: „קליינער!" און אַ קינדערשען געלעכטער, קלאָהר, פליסענדיג, ווי דער קול פון אַ פויגעל. ער איז געקומען צו זיך אין געסיל, אויף די הענט און אויף די קניע; און נאָך איין רגע פון צומישונג, האָט ער געמאַכט לאַנגע פּיס, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט, מען זאָל איהם ניט נאַכיאַגען. ער האָט זיך געשעמט; און די שאַנד איז איהם ווידער באַפאַלען, ווען ער

האָט זיך געפונען אַליין, ביי זיך אין צימער. זינט דאַמאָלט האָט ער ניט געהאַט דעם מוט דורכצוגעהן דאָס געסעל, מורא האָבענדיג, אַז מען קען איהם נאָכשפּירען, כדי איהם אָנצוקוקען. ווען ער פלעגט זיין געצוואונגען פאַרבייצוגעהן די הויז, פלעגט ער זיך דורככאַפּען האַרט ביים וואַנט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, און פלעגט כמעט לויפען, זיך ניט אומקעהרענדיג. אין דערזעלבער צייט האָט ער ניט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען די צוויי פאַרשוינען, וואָס ער האָט געזעהן; ער פלעגט אַרויפקריכען אויפ'ן בוידעם, אויסטוענדיג די שיך, כדי מען זאָל איהם ניט הערען, און פלעגט דורך די דאַך־שויבען קוקען אויף דער זייט פון קעריך'ס הויז אין גאָרטען, כאָטש ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז מעהר ווי די שפּיצען פון די בוימער און די קוימענס האָט מען ניט געקאָנט זעהן.

אין אַ חודש אַרום האָט ער אויף איינעם פון די וועכענטליכע קאָנצערטען פון הויפמוזיק־פעראיין געשפּיעלט זיינע אַ שטיק פאַר פּיאַנאָ און אָרקעסטער. ער איז שוין געווען דערגאַנגען ביז אין מיטען פון לעצטען טייל, ווען ער האָט צופעליג דערזעהן אין דער לאָזשע, פּונקט אַנטקעגען איהם, פרוי פאָן קעריך און איהר טאָכטער, וואָס האָבען אויף איהם געקוקט. ער האָט עס אַזוי ווייניג ערוואַרט, אַז ער איז געווען שטאַרק איבעראַשט, און כמעט דורכגעלאָזען צו ענטפערן דעם אָרקעסטער. ער האָט געשפּיעלט ווייטער אָהן קאָפּ ביז צו ענד. ווען ער האָט געענדיגט, האָט ער געזעהן, כאָטש ער האָט זיך געהיט צו קוקען אין זייער זייט, ווי פרוי און פרײלין פאָן קעריך האָבען אַפּלאָדירט, אַביסעל איבערטריעבען, אַזוי ווי זיי וואָלטען געוואָלט, ער זאָל זעהן ווי זיי אַפּלאָדירען. ער האָט זיך געאײלט צו פאַרלאָזען די ביהנע.

אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט געהאַלטען ביים פאַרלאָזען דאָס טעאַטער, האָט ער באַמערקט אין פאָרציממער, אָפּגע־זונדערט פון איהם דורך עטליכע רייהען מענשען, פּרוי און פריילין קעריך, וועלכע האָבען, ווי עס ווייזט אויס, געוואַרט אויף איהם. עס איז געווען אונמעגליך זיי ניט צו זעהן: ער האָט פון דעסטוועגען זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט זיי ניט געזעהן; און זיך א קעהר טוענדיג פלוצלונג, איז ער שנעל אַרויס דורך דער הינטער־טיר פון טעאַטער. גלייך נאָכדעם האָט ער חרטה געקראָגען, ווארום ער האָט גאַנץ גוט געזעהן, אַז פרוי פאָן קעריך איז בשום אופן ניט אונפריינדליך צו איהם... פונדעסטוועגען האָט ער געוואוסט, אַז ער וועט טאָן פונקט דאָסזעלבע, אויב דאָס וועט איהם ווידער אויסקומען. ער האָט באמת מורא געהאַט איהר אין גאַס צו טרעפען, ווען ער פלעגט פון ווייטען דערזעהן א פיגור, וואָס איז ענהליך צו איהר, פלעגט ער זיך פאַרקירעווען אין אַן אַנדער וועג.

זי איז עס געווען, וואָס איז צו איהם געקומען. זי האָט איהם אויסגעזוכט אין זיין אייגענער היים.

איין מאָל ביימאָג, ווען ער איז געקומען עסען מיטאָג, האָט לואיזע מיט שטאָלץ איהם דערצעהלט, אַז אַ לאַקיי אין קורצע הויזען און אין אַ ליווריי האָט געבראַכט אַ בריעף אויף זיין אדרעס; און זי האָט איהם דערלאַנגט אַ גרויסען קאָנווערט, ארומגערינגעלט מיט שווארץ, אויף וועלכען עס איז פון הינטען געווען אויסגעקריצט קעריך'ס וואָפען־הערב. קריסטאָף האָט עס געעפענט, ציטערנדיג ביים לייענען פאָל־גענדעס:

„פרוי יאָזעפאַ פאָן קעריך בעט דעם הער הויף־מוזיקער, קריסטאָף קראַפט, צו קומען צו איהר אויף טיי, היינט האַלב נאָך פינף אזייגער".

— „איך וועל אהין ניט געהן" — האָט קריסטאָף ער־קלעהרט.

„וואָס הייסט!" — האָט לואיזע געשריען — „איך האָב געזאָגט, אַז דו וועסט קומען!"

קריסטאָף האָט געמאַכט דער מוטער אַ סצענע, און איהר פאָרגעוואָרפען, אַז זי מישט זיך אין אַלץ, וואָס האָט גאָר קיין שייכות ניט צו איהר.

„דער דיענער האָט געוואָרט אויף אַן ענטפער. איך האָב געזאָגט, אַז דו ביזט דוקא היינט פריי. דו האָסט דאָך יענע שעה גאָר ניט וואָס צו טאָן."

כאָטש קריסטאָף האָט זיך שטאַרק געערגערט, און גע־

שוואַרען, אַז ער קען ניט און וועט ניט געהן, דאָך האָט ער זיך איצט ניט געקאָנט אפזאָגען. ווען עס איז געקומען די שעה פון דער איינלאַדונג, האָט ער געמאַכט זיינע הכנות א ברוגז'דיגער; אין תוך גענומען, איז ער אבער גאָר ניט געווען בייז, וואָס דער צופאַל האָט גובר געווען זיין שלעכטען ווי־לען.

פרוי פאָן קעריך האָט ניט געדאַרפט זיך אָנשטרענגען צו דערקענען אין דעם פיאַניסט פון קאָנצערט יענעם קליינעם ווילדען, וועמעס קאַלטענוואַסער קאָפּ עס האָט זיך באוויזען איבער דער וואַנט פון איהר גאָרטען אין דעם טאָג, ווען זי איז אָנגעקומען. זי האָט ביי די שכנים גענומען ידיעות וועגען איהם; און דאָס, וואָס זי האָט זיך דערוואוסט וועגען קריס־טאָף'ס פאַמיליע און דעם שווערען, בראַווען לעבען פון קינד, האָט אין איהר ערוועקט אַן אינטערעס צו איהם און א נייי־געריגקייט מיט איהם צו ריידען.

קריסטאָף, אָנגעטאָן אין א משונה'דיגען, לאַנגען ראָק, אין וועלכען ער האָט אויסגעזעהן ווי א דאָרפישער פאַסטאָר, איז אריין אין הויז, א קראַנקער פון שעמעדיגקייט. ער האָט געפּרובירט זיך איינריידען, אַז די דאַמען פאָן קעריך האָבען ניט געהאַט קיין צייט צו באמערקען זיינע געזיכטסציגע אין דעם ערשטען טאָג פון זייער אָנקונפט. א דינער האָט איהם דורך א לאַנגען קאָרידאָר, וועמעס קאָווי‌אָרען עס האָבען פאַר־שטיקט דעם גערויש פון טריט, אריינגעפיהרט אין א צימער, פון וועלכען א גלעזערנע טיר האָט געפיהרט צום גאָרטען; עס איז געווען א קאַלטער טאָג; א קליינער רעגען איז געפאַ־לען; אין קאַמין האָט געברענט א קרעפטיגער פייער. ביים פענסטער, דורך וועלכען עס האָבען אין נעבעל ארויסגעקוקט די סילועטען פון די נאַסע בוימער, זיינען געזעסען ביידע

דאַמען. ווען קריסטאָף איז אריין, האָט פרוי פאָן קעריך גע־האַלטען אויפ'ן שוים א האַנט־ארבייט, און די טאָכטער — א בוך, פון וועלכען זי האָט פאָרגעלייענט. ווען זיי האָבען איהם דערזעהן, האָבען זיי זיך איבערגעוואָרפען מיט א כיט־רען בליק.

— „זיי דערקענען מיך“ — האָט קריסטאָף א טראַכט געטאָן א פאַרציטערטער.

ער האָט אומגעשיקט זיך פאַרנייגט איינמאַל און א צווייטען.

פרוי פאָן קעריך האָט פרעהליך געשמייכעלט. און איהם אנטקעגען אויסגעשטרעקט די האַנט:

„גוטען טאָג, מיין טייערער שכן“ — האָט זי א זאָג גע־טאָן — „איך בין זעהר צופריעדען אייך ביי מיר צו זעהן. זינט איך האָב אייך געהערט אין קאָנצערט, האָב איך נאָר איין פאַרלאַנג געהאַט, אייך ארויסצוזאָגען, וואָס פאַר א גרויס פאַרגניגען איהר האָט מיר פאַרשאַפט. און אַזוי ווי דער איינציגער מיטעל דאָס אייך ארויסצוזאָגען, איז געווען אייך צו פאַרבעטען אהער, האָף איך, אז איהר וועט ניט נעהמען פאַר אומגוט, וואָס איך האָב זיך דערלויבט באַנוצט.“

אין די ליעבענסווירדיגע און באַנאַלע ווערטער איז גע־ווען אַזוי פיעל הארציגקייט, ניט קוקענדיג אויף די באַהאַל־טענע איראָניע, דאָס קריסטאָף האָט זיך ווידער געפיהלט ערמוטיגט.

— „זיי דערקענען מיך ניט“ — האָט ער געטראַכט מיט דערלייכטערונג.

פרוי פאָן קעריך האָט פאָרגעשטעלט איהר טאָכטער, וועלכע האָט דערווייל פאַרמאַכט דאָס בוך און נייגעריג באַ־טראַכט קריסטאָף'ן.

„מיין טאָכטער מינא — האָט זי געזאָגט — וואָס וויל איך זעהר זעהן."

„אָבער מאמא — האָט מינא געזאָגט — מיר זעהן זיך דאָך היינט ניט צום ערשטען מאָל."

און זי האָט אויסגעפּלאַצט מיט א געלעכטער.

— „זיי האָבען מיך דערקענט" — האָט קריסטאָף גע־טראַכט, א דערשלאָגענער.

„טאַקי אמת" — האָט פרוי פאָן קעריך געזאָגט אויך לאַכענדיג, — „איהר האָט אונז שוין איין מאָל באַעהרט מיט א באַזוך אין דעם טאָג, ווען מיר זיינען אָנגעקומען."

ביי די ווערטער האָט די מיידעל זיך פון דאָס ניי צו־לאַכט, און קריסטאָף האָט געמאַכט אזא רחמנות'דיגען פּנים, אז, קוקענדיג אויף איהם, האָט מינא זיך נאָך מעהר צולאַכט. עס איז געווען א ווילדער געלעכטער: זי האָט זיך כמעט צו־ויינט פון לאַכען. פרוי פאָן קעריך, וועלכע האָט איהר גע־וואָלט אָפּשטעלען, האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען אליין ניט מיטצולאַכען; און קריסטאָף, ניט קוקענדיג אויף זיין פאַר־לעגענהייט, איז אויך אָנגעשטעקט געוואָרען. זייער גוטע שטימונג האָט גובר געווען: מען האָט ניט געקאָנט פאַריבעל האָבען אויף זיי. ער האָט אבער אינגאַנצען פאַרלאָרען די האַלטונג, ווען מינא האָט איהם א פרעג געטאָן: וואָס, איי־גענטליך, האָט ער געקאָנט טאָן ביי זיי אויפ'ן מויער? זי האָט זיך אַמוזירט מיט זיין פאַרלעגענהייט. ער האָט עפּעס גע־שטאַמעלט אין פאַרצווייפלונג. פרוי פאָן קעריך איז איהם אבער געקומען צו הילף, אַראָפּפיהרענדיג דעם געשפּרעך אַן א זייט און אָנגיסענדיג טיי.

זי האָט פריינדליך איהם גענומען אויספרעגען וועגען זיין לעבען. ער אבער האָט זיך נאָך אַלץ ניט געפיהלט באַ־

קוועם. ער האָט ניט געוואוסט, ווי צו האַלטען זיין טאָס, וועל־
כע האָט געהאַלטען ביים איבערקערען זיך; ער האָט גע־
פונען פאַר זיין חוב יעדעס מאָל, ווען מען האָט איהם פאַר־
געלייגט וואַסער, מילך, צוקער אָדער געבעקס, זיך אויפצו־
הויבען און צו דאַנקען, זיך טיעף פאַרנייגענדיג, כאָטש ער
האָט זיך געפיהלט אזוי ווי איינגעפאַנצערט אין זיין קאָלנער
און האַלזטוך, און איינגעפענטעט אין לאַנגען ראָק, און האָט
קוים געוואגט און קוים געקאָנט דרעהען דעם קאָפּ אויף
רעכטס אָדער לינקס. די טויזענט פראַגען, וואָס פרוי פאָן
קעריך האָט איהם געשטעלט, און די וואַרימקייט פון איהרע
מאַניערען האָבען איהם באַטויבט, און מינא'ס בליקען, וועל־
כע ער האָט געפיהלט איינגעזויגען אין זיין פּנים, אין זיינע
הענט, קליידער און באַוועגונגען, האָבען איהם גאָר צוטו־
מעלט. זיי ביידע האָבען איהם נאָך מעהר צורודערט, וועלענ־
דיג מאַכען, אז ער זאָל זיך פיהלען בעסער: פרוי פאָן קעריך,
דורך דעם שטראָם פון איהרע ווערטער, און מינא, דורך די
קאָקעטישע אויגלאַך, וואָס זי האָט געמאַכט צו איהם אינס־
טינקטיוו, זיך צו אַמוזירען.

ענדליך האָבען זיי אויפגעגעבען דעם פאַרלאַנג צו ווע־
לען אַרויסציהען פון איהם מעהר ווי פאַרנייגונגען און איינ־
צעלנע ווערטער; און פרוי פאָן קעריך, ווערענדיג פאַרמאַ־
טערט צו טראָגען אויף זיך אליין די גאַנצע לאַסט פון אונ־
טערהאַלטונג, האָט איהם געבעטען זיך צו זעצען ביים קלאַ־
וויר. פיעל מעהר איינגעשראָקען ווי פאַר א גרויסען עולם
האָט ער אויסגעשפּיעלט מאָצאַרט'ס א שטילע שטיק. אבער
דוקא אָט די שעמעדיגקייט, די לייכטע אונבאַקוועמליכקייט,
וואָס זיין הארץ האָט אָנגעהויבען צו פיהלען אין דער נאָ־
הענטקייט פון די ביידע פרויען, דאָס אמת האַרציגע געפיהל,

וואָס האָט געמאַכט ציטערן זיין ברוסט גליקליך און אונ־גליקליך צו דער זעלבער צייט, האָבען אויסגעצייכענט זיך צוגעפּאַסט צו דער צאַרטקייט און יוגענדליכער ריינקייט פון דער מוזיק, און האָבען איהר צוגעגעבען דעם חן פון פריה־לינג. פרוי פאָן קעריך איז געווען אינגאַנצען געריהרט; זי האָט זיך צוגאַסען ליבענדיג איהם אין הויכע פראַזען, צו וועל־כע די דאַמען פון דער געזעלשאַפט זיינען געוואָהנט; עס איז פון דעסטוועגען געווען גאַנץ עהרליך געמיינט, און זאָגאַר די גוזמאות זיינען געווען אַנגענעהם, קומענדיג פון אַ ליעבענס־ווירדיגען מויל. מינא האָט געשוויגען, און האָט מיט פאַר־וואונדערונג געקוקט אויף דעם אינגעל, וואָס איז אַזוי נאַריש אין ריידען, וועמעס פינגער אַבער זיינען אַזוי בארעדט. קריסטאָף האָט געפיהלט זייער סימפּאַטיע און דאָס האָט איהם צוגעגעבען האַרץ. ער האָט ווייטער געשפּיעלט, און האַלב זיך אומקעהרענדיג צו מינאַ'ן, האָט ער געזאָגט מיט אַ פאַרשעמ־טען שמייכעל, ניט אויפהויבענדיג די אויגען:

— „אָט דאָס איז, וואָס איך האָב געטאָן אויף'ן וואַנט.“

ער האָט געשפּיעלט אַ קליינע שטיק, פון איהם אַליין פאַרפאַסט, אין וועלכען ער האָט ענטוויקעלט די מוזיקאַלישע געדאַנקען, וואָס זיינען איהם געקומען אויף זיין געליעבטען פּלאַץ, קוקענדיג אויף'ן גאָרטען; כאָטש ניט דוקא יענעם אָווענט, ווען מינא און פרוי פאָן קיריך זיינען אָנגעקומען, (ער האָט געזוכט זיך איינצורעדען צוליעב געהיימע אורזאַ־כען, וועלכע זיין האַרץ האָט נאָר געוואוסט, אַז עס איז גע־ווען אַזוי—) נאָר אין פריהערדיגע אָווענטען; און מען האָט געקאָנט געפינען אין דעם שטילען באַלאַנסירען פון Adonto con moto די אַנגענעהמע ערינערונגען אַז פויגעל־געזאַנג, אַז זשומען פון די פליגעלאַך, אַז דאָס ערהאַבע־

נע שווייגעז פון די גרויסע בוימער, און דעם פריערען פון דער אונטערגעהענדער זון.

זיינע ביידע צוהערערינס האבען זיך איינגעהערט מיט גרויס התפעלות. ווען ער האט געענדיגט, איז פרוי פאן קער־ריך אויפגעשטאנען, האט מיט איהר געוועהנליכער ווארימ־קייט איהם געכאפט פאר די הענט, און האט איהם ווארים געדאנקט. מינא האט געפאטשט מיט די הענט און געשריען, אז עס איז געווען וואונדערבאר; און אום ער זאל שאפען נאך אנדערע, פונקט אזוינע פרעכטיגע ווערק, וועט זי אוועק־שטעלען א לייטער ביים וואנט, כדי ער זאל קענען דארט ארבייטען, וויפיעל איהם וועט געפעלען. פרוי פאן קעריך האט געבעטען קריסטאָף'ן זיך ניט צוצוהערען, וואס די נאַ־רישע מינא רעדט; היות ווי ער ליעבט זעהר איהר גארטען, מעג ער איהם באנוצען אזוי אפט, ווי ער וויל נאר; און זי האט נאך צוגעגעבען, אז ער דארף זאגאר ניט קומען זיי באַ־גריסען, אויב דאס איז איהם ניט באקוועם.

— „איהר דארפט ניט קומען אונז באגריסען" — האט מינא געפונען פאר נויטיג איבערצו'חזר'ן — „אבער אויב איהר וועט ניט קומען, היט זיך!".

און זי האט איהם א סטראשע געטאן מיט'ן פינגער.

מינא האט ניט געהאט קיין שטארקען פארלאנג, אז קריסטאָף זאל זיי באזוכען; זאגאר ניט, אז ער זאל זיך פאר־האלטען געגען איהר נאך די כללים פון העפליכקייט; עס איז איהר אבער אנגענעהם געווען ארויסצורופען א קלייגעם עפעקט, וואס איז, ווי זי האט עס געפיהלט אינסטינקטיוו, זעהר רייצענד.

קריסטאָף איז רויט געווארען פון פרייד. פרוי פאן קער־ריך האט איהם אין גאנצען באזיעגט דורך דעם טאקט, מיט

װעלכען זי האָט געערדט װעגען זיין מוטער און זיין זיידען. װעמען זי האָט אמאָל געקענט. די װאַרימקייט און הארציג־קייט פון די ביידע פרויען האָבען איהם דורכגענומען; ער האָט מגזם געװען אָט די לייכטע גוטסקייט, אָט די װעלטליכע פריינדליכקייט, װייל איהם האָט זיך געװאָלט גלויבען, אז זיי זיינען הארציג און טיעף. ער האָט זיך אװעקגעלאָזען דער־צעהלען װעגען זיינע פּלענער און צרות מיט אַ נאַיװען צו־טרויען. ער האָט מעהר ניט באמערקט װי אַ שעה איז פאַר־איבער, און איז אויפגעשפּרונגען פון פאַרװאונדערונג, װען דער דיענער איז געקומען און אָנגעזאָגט, אז דער מאָלצייט איז גערייט. זיין צומישונג האָט זיך אבער פאַרװאַנדעלט אין גליק, װען פרוי פאָן קעריך האָט איהם געצװאונגען צו פאַר־בלייבען צום עסען ביי זיי, װי ביי גוטע פריינד. מען האָט איהם געגעבען אַ פּלאַץ צװישען דער מוטער און דער טאָכ־טער; אבער ער האָט ביים טיש ארויסגעװיזען װייניגער טאַלאַנט, װי ביים קלאַװיר.

די זייט פון זיין ערציהונג איז געװען שטארק פאַרלאָ־זען; ער איז געװען געניגט צו גלויבען, אז ביים טיש איז עסען און טרינקען די הויפּט זאך; און אז די מאַניערען דערביי זיינען גאָר ניט װיכטיג. און די גוטערצויגענע מינא האָט געקוקט אויף איהם אביסעל אָנגעבלאָזען און סקאַנדאַ־ליזירט.

מען האָט גערעכענט, אז גלייך נאָכ'ן עסען װעט ער זיך געזעגענען. אנשטאָט דעם איז ער זיי נאָכגעגאַנגען אין קליי־נעם זאַל, האָט זיך אװעקגעזעצט לעבען זיי, און האָט גאָר ניט געטראכט װעגען אװעקגעהן. מינא האָט איינגעהאַלטען איהר געניצען, און האָט געמאַכט דער מוטער אַלערליי צייכענס. ער אבער האָט עס ניט געמערקט, װאָרום ער איז גע־

װען פאַר'שכור'ט פון זײן גליק; און האָט געמײנט, אַז אױף זײ מוזען פיהלען װי ער, באַזונדערס אַט די מינא, װעלכע האָט פאַרטגעזעצט איהם צו מאַכען אױגאַלאַך אױם פשוט'ער געװאָהנהײט; דערצו האָט ער ניט געװאָוסט, װי זיך אױפ־צוהױבען און זיך צו געזעגענען; ער װאָלט אַזױ פאַרבליבען זיצען די גאַנצע נאַכט, װען פרױ פאָן קעריך װאָלט איהם ניט משלח געװען, גאַנץ פשוט, כאָטש זעהר ליעבענסװירדיג.

ער איז אװעק, טראָגענדיג אין זיך דאָס ליעבליכע ליכט פון פרױ פאָן קעריך'ס ברױנע און מינא'ס בלױע אױגען; ער האָט געפיהלט אױף זײן האַנט די פײנע באַריהרונג פון די צאַרטע און, װי בלומען זיסע, פינגער; און אַ שאַרפער ריח פון פאַרפיומען, װאָס ער האָט קײן מאָל ניט געשמעקט, האָט איהם אײנגעװיקעלט, באַטױבט, און כמעט איהם געמאַכט צום חלש'ן.

אין צווייטען טאָג אַרום איז ער ווידער געקומען, ווי עס איז געווען אָפּגעמאַכט, אום צו געבען מינא'ן א קלאַוויר־שטונדע. פון דאַמאָלט אָן פלעגט ער, אונטער דעם אויסרייד, קומען רעגעלמעסיג צוויי מאָל א וואָך אין פריהמאָרגען, און גאַנץ אָפט פלעגט ער ווידער קומען אויך אין אָוונט צו שפּיעלען מוזיק און צו פּלוידערן.

פרוי פאָן קעריך האָט גערן איהם געזעהן; זי איז געווען א קלוגע, גוט האַרציגע פרוי. צו פינף און דרייסיג יאָהר האָט זי איהר מאַן פאַרלאָרען; און כאָטש זי איז נאָך געווען יונג אין גוף און נשמה, דאָך האָט זי זיך צוריקגעצויגען אָהן באַדויערן פון דער גרויסער וועלט, אין וועלכער זי האָט געשפּיעלט א געוויסע ראָלע פון איהר חתונה אָן. פיליכט האָט זי זיך אזוי לייכט אָפּגעריסען פון דאָרט, ווייל זי האָט שוין פיעל זיך אַמוזירט דאָרט; און האָט גאַנץ שכל'דיג אויסגערעכענט, אז מען קען מעהר ניט האָבען, וואָס מען האָט שוין געהאַט. זי איז געווען צוגעבונדען צו קעריך'ס אנדענקען, כאָטש זי האָט אין קיין צייט פון איהר בונד מיט איהם ניט געפיהלט קיין זאַך, וואָס זאָל זיין עהנליך אויף ליעבע; גוט פריינדשאַפט איז געווען גענוג פאַר איהר; זי האָט געהאַט א רוהיגען טעמפּעראַמענט און א צערטליכע נאַטור.

זי האָט אין גאַנצען זיך איבערגעגעבען צו דער ערציהונג פון דער טאָכטער; אבער די מעסיגונג, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזען, האָט אָפּגעשוואַכט אויך דאָס, וואָס איז פאַ־

ראַן קראַנקהאַפטעס און גוזמא'דיגעס אין דער מוטערשאַפט. באַזונדערס, ווען דאָס קינד איז דאָס איינציגע באַשעפעניש, אויף וועלכע די פרוי טראָגט אריבער איהר אייפערזיכטיגען בעדאַרף צו ליעבען און צו ווערען געליעבט. זי האָט מינא'ן היים געליעבט, אבער זי האָט געקוקט אויף איהר מיט א קלאָהרען קאָפּ; און זי האָט ניט פאַרפעהלט צו באַמערקען קיינע פון איהרע חסרונות, פונקט ווי זי האָט זיך ניט גע־נאַרט וועגען זיך אַליין. וויציג און קלוג, האָט זי געהאַט א שאַרפען אויג צו ענטדעקען גלייך פון ערשטען בליק די שוואַכקייטען און לעבערליכקייטען פון יעדען איינעם; זי האָט אין דעם געפונען גרויס פאַרגניגען אָהן דעם שאַטען פון בייזקייט; וואָרום זי איז געווען פונקט אַזוי מילד ווי שפּאָטיש, און מאַכענדיג חוזק פון מענשען, פלעגט זי דאָך האַלט האָבען זיי צו טאָן טובות.

דער קליינער קריסטאָף האָט געגעבען א גוטע געלעגענ־הייט פאַר איהר גוטסקייט און פאַר איהר קריטישען גייסט: אין דער ערשטער צייט פון איהר פאַרבלייבען אין דער קליי־נער שטאָדט, וואו איהר גרויס טרויער האָט איהר געהאַלטען אָפּגעשלאָסען פון דער געזעלשאַפט, איז קריסטאָף פאַר איהר געווען א צערשטרייאונג. קודם כל דורך זיין טאַלאַנט. זי האָט האַלט געהאַט מוזיק, כאָטש זי איז ניט געווען מוזיקאַליש; זי האָט אין דעם געפונען א קערפּערליכען און גייסטיגען פאַר־גניגען; און איהרע געדאַנקען פלעגען דערביי צושוואומען ווערן אין א זיסער מעלאַנכאָליע. זיצענדיג ביים פייער — בעת קריסטאָף האָט געשפּיעלט — מיט אַן ארבייט אין האַנט, און מיט אַן אונבאַשטימטען שמייכעל, האָט זי גע־פיהלט א שטילען גענוס אין די מעכאַנישע באַוועגונגען פון זיינע פינגער און אין די אונבאַשטימטע באַוועגונגען פון איהר־

רע חלומות, וואָס פּלעגען ארומוואַנדערן צווישען די זיסע און טרויעריגע ערינערונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט.

אָבער נאָך מעהר ווי מיט דער מוזיק, האָט זי זיך אינטערעסירט מיט דעם מוזיקאַנט. זי איז געווען אינטעליגענט גענוג צו קענען פיהלען קריסטאָף'ס זעלטענעם טאַלאַנט, כאָטש זי איז ניט געווען פעהיג גענוג צו קענען גענוי אָפּשאַצען זיין אמת'ע אָריגינאַליטעט. זי האָט געהאַט אַ זאָנדערבאַרען פאַרגניגען נאָכצוקוקען, ווי עס ערוואַכט אין איהם יענער געהיימניספּוללער פייער, וואָס האָט אין איהם געברענט. זי האָט גיך דערקענט זיינע גוטע מעלות, זיין עהרליכקייט, זיין מוט, און יענעם זאַרט מאָראַלישע פעסטקייט, וואָס איז אַזוי ריהרענד ביי קינדער. אבער ניט קוקענדיג אויף דעם, האָט זי איהם דאָך באַטראַכט מיט דעם געוועהנליכען, שאַרפען בליק פון איהרע שפּאָטישע אויגען. זי האָט זיך אַמוזירט איבער זיין ניט געשיקטקייט, העסליכקייט און זיינע קליינע לעכערליכקייטען; זי האָט איהם ניט גענומען צו ערנסט; זי האָט בכלל ניט פיעל זאַכען גענומען ערנסט. זיינע נאַרישע איינפאַלען, זיינע פאַנטאַסטישע שטימונגען האָבען תחלת געמאַכט אויף איהר דעם איינדרוק, אַז ער איז ניט אינגאַנצען ביים זינען, זי האָט אין איהם געזעהן איינעם פון יענע קראַפט'ס, וואָס זיינען גוטע מוזיקאַנטען, אבער אַלע אַביסעל משוגע.

אָט די לייכטע איראָניע איז פון קריסטאָף'ן ניט באַמערקט געוואָרען. ער האָט נאָר געפיהלט פרוי פאָן קעריך'ס גוטסקייט. ער איז אַזוי ווייניג געווען געוואָהנט, אַז מען זאָל צו איהם גוט זיין! כאָטש זיינע פליכטען אין שלאָס האָבען איהם געבראַכט אין טאָג־טעגליכע באַריהרונג מיט דער גרויסער וועלט, איז דער אָרימער קריסטאָף דאָך אַלץ פאַרבליבען

א קליינער דזשיקאָן אָהן בילדונג, און אָהן ערציהונג. דער עגאָיזם פון הויף האָט מיט איהם זיך נאָר אזוי ווייט אינטערעסירט אום ארויסצוציהען נוצען פון זיין טאַלאַנט, אבער קיין מאָל ניט געזוכט איהם מיט וואָס צו דיענען. ער פלעגט קומען אין שלאָס, זיך זעצען ביים קלאַוויר, אפּשפּילען און אוועקגעהן; און קיינער האָט קיינמאָל זיך ניט געגעבען די טרחה מיט איהם זיך צו אונטערהאַלטען, סיידען איהם צו זאָגען עפּעס א וואולגארן און צושטרייטען קאָמפּלימענט. זינט דעם זיידענס טוידט איז קיינעם ניט איינגעפאַלען, ניט אין דער היים, און ניט אנדערשוואו, איהם צו העלפען זיך בילדען, אריינצופיהרען אין לעבען, איהם צו מאכען פאר א מענשען. ער האָט שרעקליך געליטען פון זיין אונוויסענהייט און פון זיינע שלעכטע מאַניערען. ער האָט מיט בלוט און שוויים זיך געמאַטערט אליין זיך אויסצופּיינען, אבער דאָס האָט איהם זיך ניט איינגעגעבען. ביכער, אונטערהאַלטונגען, ביישפּיעלען, אלץ האָט איהם געפעהלט. ער וואָלט געדאַרפט אויסריידען זיין הארץ פאר א פריינד; אבער ער האָט ניט געקאָנט זיך באשליסען אויף דעם. אפילו פאר אָטאָ'ן האָט ער עס ניט געוואגט, ווארום גלייך ביי די ערשטע ווערטער, האָט יענער אנגענומען אזא טאָן פון באליידיגענדער גאוה, אז עס האָט איהם א ברען געטאָן ווי מיט א ברענענדיגען אייזען.

און איצט, ביי פרוי פאָן קעריך, איז אלץ צוגעאנגען אזוי לייכט. פון זיך אליין, גאָר ניט דארפענדיג איהר פרעגען, (דאָס וואָלט אזוי פיעל קאָסטען קריסטאָף'ס שטאָלץ!) האָט זי איהם פריינדליך אנגעוויזען, וואָס ער דארף ניט טאָן, און איהם אויפמערקזאם געמאכט, וואָס ער דארף יא טאָן; איהם געגעבען עצות, ווי אזוי ער דארף זיך אנטאָן, עסען, געהן, ריידען; האָט ניט דורכגעלאָזען קיין פעהלער אין זיין

האַלטונג, געשמאַק און אויסדריקע; און דערביי איז איהר האַנט געווען אַזוי לייכט און אַזוי פּאַרזיכטיג צו שאַנעווען דעם קריינקליכען שטאָלץ פון קינד, דאָס עס איז ניט געווען מעגליך זיך צו פיהלען באַליידיגט. אַט אַזוי האָט זי איהם גע־געבען אויך אַ ליטעראַרישע ערציהונג, ניט אַרויסווייזענדיג אַפילו, אַז זי קימערט זיך וועגען דעם; זי האָט זיך געמאַכט אַזוי, ווי זי וואָלט זיך גאָר ניט וואונדערן וועגען זיין משונה־דיגע אונוויסענהייט; אָבער זי פלעגט ניט דורכלאָזען קיין געלעגענהייט; פּשוט און רוהיג, צו פאַריכטען זיינע טעות'ן; אַזוי ווי עס וואָלט געווען גאַנץ נאַטירליך, אַז קריסטאָף זאָל אַט די טעות'ן מאַכען. און אַנשטאָט איהם איינצושרעקען דורך פעדאַנטישען אונטעריכט, איז זי געפאַלען אויפ'ן גע־דאַנק אויסצופילען די אַווענטען, וואָס זיי פאַרברייגגען צו־זאַמען, דערמיט, וואָס זי האָט געמאַכט מינא'ן, אָדער איהם אַליין, פאַרלייענען שעהנע שטעלען פון היסטאָריע, אָדער פון דייטשע און פרעמדע דיכטער. זי האָט איהם באַהאַנדעלט ווי אַ קינד אין הויז, נאָר אַ קליין ביסעל פון אויבען אַראָפּ, וואָס ער האָט ניט באַמערקט; זי האָט זיך זאָגאָר געקימערט וועגען זיינע קליידער, זייער באַנייענדיג, ווען נויטיג; האָט איהם אויסגעשטריקט אַ האַלז־טוך, און האָט איהם געשאָנ־קען פאַרשידענע טואַלעט־זאַכען; און דאָס אַלץ אויף אַזאַ איידעלן אופן, אַז ער האָט זיך ניט געפיהלט ווי זיך צו שע־מען מיט די מתנות. קורץ, זי האָט איהם אַרומגערינגעלט מיט אַלע יענע קליינע אויפמערקזאַמקייטען און כלומרש־מוטערליכע זאָרג, וואָס יעדע גוטע פרוי האָט אינסטינקטיוו פאַר יעדעם קינד, וואָס מען טרויט איהר אָן, אַפילו ווען זי האָט ניט פאַר איהם קיין טיעפען געפיהל. קריסטאָף אָבער האָט געגלויבט, אַז אַט די גאַנצע צערטליכקייט געהערט איהם

אליין, און איז געווען פול פון דאנקבארקייט; ער פלעגט פלוצלונג און לײדענשאפטליך זיך צוגיסען אין געפיהלען; דאָס פלעגט אפילו ביי פרוי פאָן קעריך אויסקומען אביסעל לעכערליך, פון דעסטוועגען האָט עס איהר פארשאפט פארגניגען.

צו מינאַ'ן זײנען די באציהונגען געווען פון א גאנץ אנדער זאָרט. ווען קריסטאָף האָט איהר דערזעהן ביי דער ערשטער שטונדע, נאָך אין גאנצען פאר'שכור'ט פון די זכרונות פון לעצטען אָוענט, און פון די צערטליכע בליקען פון די מיידעל, איז ער געווען שטארק איבעראַשט צו טרעפען א גאנץ אנדער פארשוין, ווי די, וואָס ער האָט געזעהן מיט עטליכע שעה פריהער. זי האָט קוים זיך ארומגעקוקט אויף איהם, האָט ניט געהערט, וואָס ער זאָגט; און האָט זי אויפגעהויבען די אויגען צו איהם, האָט ער אין זיי געלייענט אזא איזיגע קעלט, אז ער איז געוואָרען שטארק דערשראָקען. ער האָט זיך לאנג געמאטערט ארויסצוקריגען מיט וואָס ער האָט איהר געקאָנט באליידיגען. אבער באליידיגט האָט ער איהר ניט; און מינא'ס געפיהלען זײנען געווען היינט ניט מעהר און ניט ווייניגער פריינדליך ווי נעכטען: היינט ווי נעכטען איז מינא געווען אין גאנצען גלייכגילטיג צו איהם. אויב דעם ערשטען מאָל האָט זי איהם באגעגנט מיט א שמייכעל, איז עס געווען ניט מעהר ווי די אינסטינקטיווע קאָקעטסטוואָ פון א יונגע מיידעל, וועלכע אמוזירט זיך דערמיט, וואָס זי פרובירט אוים די מאכט פון איהרע אויגען אויף דעם ערשטען, וואָס טרעפט זיך איהר אנטקעגען אין איהר לאנגוויילי‌גקייט, און מעג עס זיין א פודעל הונט. אבער אויף מאָרגען האָט די צו לייכטע עראָבערונג מעהר ניט געהאט פאר איהר קיין שום אינטערעס: זי האָט קריס־

טאַפ'ן שאַרף געאורטיילט; און ארויסגעטראָגען דעם פסק, אז ער איז ניט מעהר ווי א מאוסער, שלעכט־ערצויגענער בחור'ל, וואָס שפּיעלט גוט קלאוויר, אבער וואָס וואָס האלט ביים טיש דעם גאָפּעל עקעלהאפט, און וואָס עסט פיש מיט א מעסער. ער האָט איהר דערפאר אויסגעוויזען גאַנץ ווייניג אינטערעסאנט. זי האָט, אמת, געוואָלט נעהמען ביי איהם קלאוויר־שטונדען; זי האָט זאָגאר מסכים געווען מיט איהם זיך צו אמוזירען, ווייל זי האָט אין יענער מינוט ניט געהאט קיין אנדער חבר; און ווייל, ניט קוקענדיג אויף איהר אַנ־שטעל, אז זי איז ניט מעהר קיין קינד, פלעגט פון צייט צו צייט איהר באפאלען א ווילדער פארלאנג זיך צו שפּיעלען, א בעדאַרף צו פארברויכען איהר איבערפלוס פון פרעהליכ־קייט, וואָס איז נאָך פארשטארקט געוואָרען, ווי ביי איהר מוטער, דורך דעם צוואַנג, וואָס דער פרישער טרויער האָט אויף זיי ארויפגעלייגט. אבער זי האָט זיך ניט געקימערט וועגען קריסטאָף'ן מעהר ווי וועגען די שטוביגע בהמה; און אויב עס פלעגט נאָך אמאָל פּאַסירען אין די טעג פון איהר שטארקער קאלטקייט, אז זי פלעגט איהם צוואווארפען זיסע בליקען, איז עס געווען נאַר פון שכחה, און ווייל זי האָט געטראַכט וועגען אַנדערע זאכען; אָדער פּשוט, כדי ניט אָפּצוגעוואָהנען זיך. קריסטאָף'ס הארץ פלעגט ציטערן, ווען זי פלעגט אויף איהם אזוי א קוק טאָן; זי אבער פלעגט איהם גאַר קוים זעהן; דאָס האָט זי גאַר זיך אליין מעשות דערצעהלט. אָט די יונגע פּארשוין איז געווען אין אַן על־טער, ווען מען צערטעלט די געפיהלען מיט אנגענעהמע און שמייכעלהאפטע חלומות. זי האָט אָהן אַן אויפהער געטראַכט וועגען ליעבע מיט אזא אינטערעס און אזא נייגעריגקייט, וואָס זיינען געווען אונשולדיג נאַר דורך איהר אונוויסענ־

הייט. איבעריגענס, אַלס אַ גוטערצויגענע פּריילין, האָט זי געטראַכט וועגען ליעבע נאָר אויף ווי ווייט עס האָט אַ שייכות מיט חתונה האָבען. ווי איהר אידעאַל וועט אויסזעהן, איז ביי איהר נאָך ניט געוועזן פעסט אָפּגעמאַכט. באַלד פלעגט זי חלומ'ען חתונה צו האָבען מיט אַן אָפיציר, און באַלד — מיט אַ דיכטער פון העכערן און בעסערן זאָרט, אַ מין שילער. איין פּראָיעקט פלעגט צערשטערן אַ צווייטען; און יעדער נייער פּראָיעקט פלעגט אָנגענומען ווערען מיט דער זעלבער ערנסטקייט און טיעפער איבערצייגונג. אבער סוף כל סוף פלעגט איינער ווי דער אַנדערער מוזען אָפּטרעטען דעם וועג פאַר די ווירקליכקייט; וואָרום עס איז צו באַוואונדערן מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט ראָמאַנטישע יונגע מיידלאַך פאַרגעסען, געוועהנליך, זייערע חלומות, ווען עס ווייזט זיך זיי אַ ווייניגער אידעאַלע, אָבער זיכערערע אויסזיכט.

איבריגענס, איז די סענטימענטאַלע מינאַ דאָך געווען אַ רוהיגע און קאַלטע: ניט קוקענדיג אויף איהר אריסטאָקראַטישען נאָמען און דעם שטאַלץ, וואָס האָט איהר פאַרשאַפען דער „פאָן" ביי איהר נאָמען, האָט זי געהאַט די נשמה פון אַ קליינע דייטשע הויזפרוי אין דעם דעליקאַטען יוגענדעלטער.

קריסטאָף האָט, זעלבסטפאַרשטענדליך, ווייניג וואָס פאַרשטאַנען פון קאָמפּליצירטען מעכאַניזם — קאָמפּליצירטער לפּנים, איידער בעצם — פון א ווייבערשער האַרץ. אָפט פלעגט ער ווערן מטושטש פון דער האַלטונג פון זיינע שעהנע פריינדינען; אבער ער איז געווען אזוי גליקליך מיט זיין ליעבע צו זיי, אז ער פלעגט ניט נעהמען פאַר אומגוט קיין זאך, וואָס פלעגט איהם אביסעל בעאונרוהיגען און אומעטיג מאַכען, כדי זיך איינצורײדען, אז ער ווערט פון זיי געליעבט אזוי ווי ער ליעבט זיי. א פריינדליך וואָרט, אָדער בליק פלעגען איהם אריינברייגען אין התפּעלות. אָפּטמאָל פלעגט ער דורך דעם אזוי ארויסגעבראַכט ווערן פון די כלים, אז ער פלעגט אויספּלאַצען מיט א געוויין.

זיצענדיג ביים טיש, אין קליינעם שטילען זאַל, עטליכע טריט פון פרוי פאָן קעריך, וועלכע האָט אויסגענעהט ביים ליכט פון לאָמפּ, (מינא האָט געלייענט ביים צווייטען עק טיש; קיינער האָט א וואָרט ניט גערעדט; דורך די אָפענע גאָרטען־טיר האָט מען געזעהן די זאַמד פון דער אַלייע גלאַנצענדיג אין לבנה'שיין; א לייכטער מורמלען איז געקומען פון די בוימער...) האָט ער געפיהלט ווי זיין האַרץ צוּפּלאַצט פון גליק. פּלוצלונג, גאָר אָהן א פאַר וואָס, איז ער אויפגעשפּרונגען פון שטול, האָט זיך א וואָרף געטאָן פרוי פאָן קעריך צו די פיס, האָט געכאַפּט איהר האַנט — צי זי האָט געהאַלטען א נאָדעל, צי ניט, — און זי באַדעקט מיט קושען, צודריקענדיג מיט טרעהרען די האַנט צו זיין מויל.

זיינע באקען, זיינע אויגען. מינא הויבט אויף די אויגען פון בוך, טוט לייכט א קוועטש מיט'ן פּלייצע, און פאַר־קרימט זיך. פרוי פאָן קעריך קוקט מיט א שמייכעל אויפ'ן גרויסען בחור, וואס וואלגערט זיך ביי איהרע פיס, טוט מיט'ן האנט איהם א גלעט איבער'ן קאָפּ, און זאָגט מיט איהר שעהנער, הארציגער און איראָנישער שטים:

„נו וואס, מיין גרויסער נארעלע, נו וואס? וואס איז אזוינס?"

אַ, די זיסקייט פון דער שטים, פון דעם פריעדען, פון דער שטילקייט, פון דער איידעלער סביבה, אהן קולות, אהן גראבקייט, אהן געוואלט — אן אאזיס אין מיטען פון רויהען לעבען. דאס הערלישע ליכט, וואס באגולט מיט זיין אפשיין די זאכען און די מענשען פון דער פאר'כשופ'טער וועלט, וואס ווערט ארויסגערופען דורך דאס לייענען פון די היילינע דיכ־טער: געטהע, שילער, שעקספיר — שטראמען פון קראפט, פון ליידען און פון ליעבע...

מינא, דער קאָפּ איינגעבויגען, דער פּנים רויטלאך פון פאַרלייענען, לייענט מיט איהר פרישער, אביסעל שטשיפּעל־יאווער, שטים זוכענדיג צו שטעלען דעם טראָפּ העכער, ווען זי רעדט ארוים די ווערטער פון קריעגס־פיהרער און קעניגע; אמאָל נעהמט אויך פרוי פאָן קעריך אליין איבער דאס בוך; זי גיט דאמאָלסט צו צו די טראגישע פאסירונגען די גייסטיגקייט און צערטליכקייט פון איהר איי־גענעם הן; אבער דאס רוב הערט זי זיך צו, זיצענדיג טיעף אנגעשפּארט אין איהר פּוטעל מיט איהר אייביגער האנט־ארבייט אויף די קניע; זי שמייכעלט אונטער צו איהרע אייגענע געדאנקען; ווארום נאָך אלעמען איז עס געווען זי

אליין, וועמען זי פלעגט סוף כל סוף ווידער אויסגעפינען אין אלע ווערק.

קריסטאף האט אויך געפרובירט פארלייענען; אבער ער האט עס געמוזט אויפגעבען: ער האט געשטאמעלט, האט זיך פארפלאנטערט אין די ווערטער, איז אריבערגעשפרונגען די פונקטואציאן, האט אויסגעוויזען גאר ניט צו פארשטעהן, און איז אזוי גערירט געווען, אז ער האט זיך געמוזט אפשטעלען ביי ריהרענדע סצענעס, ווייל ער האט געפיהלט, אז טרעהרען קומען, האט דאן א ווארף געטאן, א בייזער, דאס בוך אויפ'ן טיש; און זיינע ביידע פריינדינען האבען אויסגעשאסען מיט א געלעכטער... ווי שטארק ער האט זיי געליעבט! ער האט איבעראל מיטגעטראגען זייער בילד מיט זיך; און דאס בילד פלעגט זיך צוזאמענגיסען מיט דער געשטאלט פון שעקספיר, אדער געטהע. ער האט קוים געקאנט אונטערשיידען איינע פון די אנדערע. א גוטווארט פון וועלכען עס איז א דיכטער, וואס האט פון דער טיעפעניש פון זיין נשמה ארויסגערופען א ליידענשאפטליכען ציטער, האט ער ניט געקאנט אפזונדערן פון דעם ליעבען מויל, פון וועלכען ער האט דאס ווארט צום ערשטען מאל געהערט. מיט צוואנציג יאהר שפעטער, האט ער ניט געקאנט הערען ווי מען לייענט, אדער זעהן ווי מען שפיעלט עגמאנט אדער ראמעא, אז ביי געוויסע פערזען זאל ווידער זיך ניט ערוועקען ביי איהם די ערינערונג אן יענע שטילע אווענטען, מיט זייערע חלומות וועגען גליק, און מיט די געליעבטע פנים'ער פון פרוי פאן קעריך און מינא.

ער האט פארבראכט שעה'ן לאנג צו קוקען אויף זיי; אין אווענט, ווען זיי פלעגען לייענען, — ביינאכט, ווען ער פלעגט טרוימען, אדער ווען ער פלעגט זיך אויפכאפען אין

בעט, ליגענדיג מיט אָפענע אויגען, — ביי טאָג, ווען ער פלעגט טרוימען ביי זיין אָרקעסטער־שטענדער, שפּיעלענדיג מעכאַניש, די אויגען האלב פארמאכט. ער האָט צוביידען געפיהלט אן אונשולדיגע צערטליכקייט, און ניט וויסענדיג נאָך בכלל פון ליעבע, האָט ער געמיינט, אז ער איז פאר־ליעבט. ער האט אבער ניט געוואוסט גענוי: צי דאָס איז די מוטער, אָדער די טאָכטער? ער האָט זיך שטארק געבראכען דעם קאָפּ, אָבער ער האָט ניט געוואוסט, וועמען אויסצו־קלייבען. אבער אזוי ווי ער האָט געמיינט, אז ער מוז אונטער אלע אומשטענדען זיך באשליסען, איז ער געווען מעהר גע־נייגט צו פרוי פאָן קעריך. און ער האָט טאקי באלד ענט־דעקט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך באשלאָסען, אז ער ליעבט איהר. ער האָט געליעבט איהרע קלוגע אויגען, דעם צער־שטרייטען שמייכעל פון איהר האלב־אָפענעם מויל, איהר שעהנעם שטערן, וואָס האָט אויסגעזעהן אזוי יונג, מיט די, אויף א זייט פארקאַמטע, שעהנע ווייכע האָר, איהר הייזע־ריקליכע שטים מיט דעם קליינעם הוסט, די מוטערליכע הענט, די עלעגאַנץ פון איהרע באוועגונגען און איהר פאר־באָרגענע נשמה. ער פלעגט ציטערן פון גליק, ווען ער פלעגט זיצען לעבען איהר און זי פלעגט גוטמוטיג ערקלעה־רען א געוויסע שטעל אין א בוך, וואָס ער האָט ניט פאר־שטאַנען: זי פלעגט אוועקלייגען די האנט אויף זיין פּליי־צע; ער פלעגט פיהלען די ווארימקייט פון איהרע פינגער, איהר אָטעם אויף זיינע באַקען, און דעם זיסען ריח פון איהר קערפּער; ער פלעגט זיך צוהערען אין התלהבות, ניט טראַכ־טענדיג מעהר וועגען דעם בוך, און קיין זאַך ניט פארשטע־הענדיג. זי פלעגט עס באַמערקען, און איהם בעטען איבער־צוזאָגען, וואָס זי האָט אקאָרשט געזאָגט; ער אבער פלעגט

בלייבען שטום ; דאן פלעגט זי איהם מיט א געלעכטער אויס־זידלען, און צודריקען די נאָז צום בוך, זאָגענדיג, אז ער וועט קיין מאָל ניט זיין מעהר ווי א קליינער אייזעל. אויף דעם פלעגט ער ענטפערן, אז דאָס איז איהם גאנץ גלייך, אבי נאָר ער זאָל זיין א י ה ר קליינער אייזעל, און זי זאָל איהם ניט פארטרייבען פון זיך. זי פלעגט כלומרשט פראָ־טעסטירען געגען דעם ; צו ענד אבער פלעגט זי ערקלעהרען, אז ער איז אפילו א מיאוסער און נאַרישער קליינער אייזעל, זי וועט איהם פון דעסטוועגען אנהאלטען — און אפשר אבי־סעל ליעבען אויך — כאָטש ער טויג פאר קיין זאך אין דער וועלט ניט, — אויב ער וועט נאָר זיין א גוטער איינגעל. דאן פלעגען זייביידע זיך צולאכען, און ער פלעגט שווימען אין גליק.

זינט ער האָט ענטדעקט, אַז ער ליעבט פרוי פאָן קעריך, האָט קריסטאָף זיך דערווייטערט פון מינא'ן. ער האָט אָנגע־הויבען צו ווערען אין כעס פאר איהר קאַלטקייט און גאוה; און אַזוי ווי איהם איז אויסגעקומען עפּטער איהר צו זעהן, האָט ער זיך אָנגעקליבען מיט מוט און גענומען זיך האַלטען פרייער געגען איהר, און ניט פאַרבאַרגען פון איהר זיין שלעכ־טע לוינע. זי האָט האַלט געהאַט מיט איהם זיך צו פּיקירען, און ער פלעגט איהר גראָב ענטפערן: זיי פלעגען איינע די אַנדערע שטענדיג אַריינזאָגען אונאַנגענעהמע זאַכען, פון וואָס פרוי פאָן קעריך פלעגט נאָר לאַכען. קריסטאָף, וואָס איז ניט געווען דער זיעגער אין דעם וואָרט־קאַמף, פלעגט אָפטמאָל ווערן אַזוי בייז, אַז ער האָט געמיינט, דאָס ער קאָן מינא'ן ניט פאַרטראָגען; ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער קומט נאָר צוליעב פרוי פאָן קעריך.

פון דעסטוועגען איז ער ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיין קלאַווירשטונדע. צוויי מאָל א וואָך, פון ניין ביז צעהן אַזייגער אין דער פריה, פלעגט ער אַכטונג געבען, ווי די יונגע מיידעל שפּיעלט איהרע גאַמעס. דאָס צימער, אין וועלכען זיי פלעגען פאַרברייננגען, איז געווען מינא'ס שטודיר־צימער, — א זאָנדערבאַרער אַרבייטס־צימער, וואָס האָט מיט א מערקווירדיגער טרייקייט אָפּגעשפּיגעלט דעם זאָנדערבאַרען מיש־מאַש, וואָס האָט געהערשט אין אָט דעם קליינעם ווייר־בערשען מוח.

אויפ'ן טיש — קליינע סטאַטועטקעס פון מוזיקאַלישע

קעץ — א גאנצער אָרקעסטער — איינע שפּיעלענדיג פידעל, די אנדערע — וויאָלינטשעל, א קליינער האנט־שפּיעגעל, שרייבגעצייג און טואַלעט־זאכען אין פולער אָרדנונג. אויף דער טאַזשערקע קליינינטשקע ביוסטען פון מוזיקאנטען: בעטהאָווען מיט א צוזונצעלטען שטערן, וואגנער און זיין סאַמעטענער שטריימעל — און אַפּאָלאָ פון בעלוועדער. אויפ'ן קאמין, לעבען א זשאַבע, וואָס רויכערט א ראָהרענע לולקע, א פּאַפּירענער פעכער, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעמאָלען דאָס טעאטער פון באירוט. אין דער ביבליאָטעק, אויף צוויי פּאָליצעס, עטליכע ביכער: ליבקע, מאמסען, שילער, עפּעס אַן אומבאקאנטער, זשול ווערן, מאָנטיין. אויף די ווענט — גרויסע פאָטאָגראפיעס פון דער סיקסטינישער הייליגער יונגפרוי און פון הערקאמערס א בילד, ארום געהאנגען מיט בלויע און גרינע באנד. דאָרט איז אויך געווען די אנזיכט פון א שווייצערישען האָטעל, איינגעפּאסט אין א ראם פון זילבער דיסטעל; און איבער אלץ, און איבעראל, אין יעדען ווינקעל פון צימער — א גרויסע מאסע פון פאָטאָגראפיעס פון אָפּיצירען, טענארען, קאַפּעלמייסטערס, און פון פריינדינען — אלע פארשריבען מיט ווידמונגען, כמעט אלע מיט פערזען, אָדער, ווייניגסטענס, מיט עטוואָס אזוינס, וואָס איז אין דייטשלאנד אָנגענומען צו רעכענען פאר פערזען. אין מיטען פון צימער, אויף א מאַרמאָרענעם זייל, — בראהמס'עס ביוסט מיט א באָרד; און איבער דעם קלאוויר האָבען אויף שנירלאך זיך געשאָקעלט קליינע פּלושענע אבעזיאנקעס און מתנות פון קאָטיליאָן.

מינא קומט אריין א פארשפּעטיגטע, מיט אויגען נאָך פארשוואָלען פון שלאָף און מיט אַן אונצופרידענעם אויס־זעהן: זי דערלאנגט קויים קריסטאָף'ן די האנט, זאָגט איהם

אַ קאַלטען גוט־מאָרגן, און שטום, ערנסט, פול פון גאוה, זעצט זי זיך ביים קלאַוויר. איז זי אַליין, אַזוי האָט זי גרויס נחת־רוח צו שפּילן גאַמעס אַהן אַ סוף, ווייל דאָס גיט איהר אַ מעגליכקייט אויף אַן אנגענעהמען אופן ווייטער פאַרט־צוזעצן דעם האַלבשלעפעריגען צושטאַנד, און ווייטער צו שפּינען די חלומות, וואָס זי האָט געהאַט. אָבער קריסטאָף צווינגט איהר אויפמערקזאַמקייט אויף די שווערע איבונגען: אום זיך נוקם צו זיין אַן איהם, באַמיהט זי זיך אָפטמאָל זיי צו שפּילען ערגער ווי זי וואָלט געקאָנט. זי איז געווען גאַנץ מוזיקאַליש, האָט אָבער ניט האַלט געהאַט קיין מוזיק, ווי אַ סך דייטשקעס. דאָך, ווי זיי, האָט זי זיך אויך איינגעַרעדט, אַז זי דאַרף עס ליעבען; און זי האָט גענומען איהרע שטונדען גאַנץ געוויסענהאַפט, מיט אויסנאַהם פון מינוטען פון טייפעלשער בייזקייט, כּדי אַריינצוברייגען אין צאָרן איהר לעהרער. נאָך מעהר בייז פלעגט זי איהם מאַכען דורך די אייזיגע גלייכגילטיגקייט מיט וועלכער זי פלעגט לערנען. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, ווען זי פלעגט זיך איינריי־דען, אַז זי דאַרף אַריינלייגען די נשמה אין אַן אויסדרוקס־פולען אַרט: זי פלעגט דאַמאָלט ווערן סענטימענטאַל, קיין זאַך ניט פיהלענדיג באמת.

דער קליינער קריסטאָף איז געווען ניט זעהר העפליך, זיצענדיג לעבען איהר. ער פלעגט איהר קיינמאָל ניט מאַכען קיין קאָמפּלימענטען: גאַנץ ווייט דערפון. זי האָט געטראָגען אַ כעס פאַר דעם, און האָט ניט דורכגעלאָזען קיינע פון זיי־נע באַמערקונגען אַהן אַ תשובה. זי פלעגט זיך אַריינלאָזען אין וכּוחים וועגען אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט. ווען זי פלעגט מאַכען אַ טעות, פלעגט זי זיך איינשפּאַרען, אַז זי האָט געשפּיעלט אַזוי, ווי עס איז פאַרגעשריבען. ער פלעגט ווערן

בייז, און זיי פלעגען איינע די אַנדערע אריינזאָגען באַליי־דיגונגען און גראָבהייטען. מיט די אויגען אראָפּגעלאָזען אויף די קלאַווישען, פלעגט זי דאָך ניט פארפעהלען נאָכצוקוקען קריסטאָף'ן, און פלעגט אַנקוועלען, וואָס ער קאָכט זיך אַזוי. כדי זיך אביסעל ווייניגער צו נודען, פלעגט זי אויסטראַכטען אַלערליי נארישע שמד'שטיק, וואָס האָבען געהאט נאָר איין צוועק: מפסיק צו זיין אין מיטען און צו דערנעהמען קריס־טאָף'ן די יאָהרען. זי פלעגט זיך מאַכען, אז עס שטיקט איהר, כדי זיך צו מאַכען אינטערעסאַנטער; זי פלעגט מיט אַמאָל זיך שטארק צוהוסטען, אָדער זי האָט עפּעס זעהר וויכטיגעס צו זאָגען דער שטוב־מיידעל. קריסטאָף האָט געוואוסט, אז דאָס שפּיעלט זי קאָמעדיע, און מינא האָט געוואוסט, אז קריסטאָף וויים, אז דאָס איז נאָר א קאָמעדיע, און זי האָט דערפון געקליבען נחת; ווארום קריסטאָף האָט ניט געקאָנט ארויסזאָגען, וואָס ער טראַכט וועגען דעם.

איין מאָל, ווען זי האָט אויף אזא אופן זיך אונטער־האַלטען, צוהוסטענדיג זיך אזוי שטארק, און האַלטענדיג דאָס טיכעל ביים מויל, אזוי ווי איהר וואָלט געשטיקט, נאָר אין אמת'ן, נאָכקוקענדיג מיט א ווינקעל פון אויג קריס־טאָף'ן, איז איהר איינגעפאַלען צו לאָזען אראָפּפאַלען איהר טיכעל, כדי צו צווינגען קריסטאָף'ן עס אויפצוהויבען; ער האָט עס געטאָן אויף'ן אונהעפליכסטען אופן אין דער וועלט. זי האָט איהם באַלוינט מיט „א דאנק" פון א וואַזשנער מאַ־דאַם, וואָס האָט איהם כמעט געמאַכט צו פּלאַצען פון כעס.

זי האָט אויסגערעכענט, אז דער שפּיעל איז א צו גוּ־טער אום עס ניט איבערצו'חזר'ן. אויף מאָרגען האָט זי אָנ־געהויבען פון דאָס ניי. אבער קריסטאָף האָט ניט געלאָזען זיך אריינציהען; ער האָט געברענט פון צאָרן. זי האָט גע־

װאַרט אַ מינוט, און ראַן אַ זאָג געטאָן אין אַ בײזען טאָן:
— „װעט איהר ניט זײן אַזױ גוט און אױפהױבען מײן טיכעל?"
„איך בין ניט אײער דיענער!" — האָט ער אַ געשרײ געטאָן — „הײבט אַלײן אױף!"
מינא איז אַן אַנגעצונדענע געװאָרען. זי האָט אַזױ האַסטיג זיך אױפגעהױבען פון בײנקעל, אַז דער בײנקעל איז אומגעפאַלען.
„אָ, דאָס איז שױן צופיעל!" — האָט זי געזאָגט, אַ זעץ טוענדיג מיט כעס אין קלאַװיר; און איז אַ צוקאָכטע אַרױס.
קריסטאָף האָט געװאַרט. זי איז צוריק ניט געקומען. ער האָט זיך געשעמט מיט זײן האַנדלונג. ער האָט געפיהלט, אַז ער האָט געהאַנדעלט, װי אַ גראָבער יונג. אָבער סוף כל סוף האָט ער שױן ניט געקאָנט מעהר עם אַריבערטראָגען! זי האָט חוזק געמאַכט פון איהם, גאָר אָהן שום חרפה! ער האָט מורא געהאַט, אַז מינא זאָל ניט פאַר'מסר'ן איהר מוטער, און דאָס װעט אױף אײביג איהם דערװײטערן פון פרױ פאָן קעריך. ער האָט ניט געװאוסט װאָס צו טאָן; װאָרום, כאָטש איהם האָט באַנג געטאָן זײן גראָבקײט, װאָלט ער פאַר קײן זאַך אין דער װעלט ניט געבעטען קײן מחילה.
אױף מאָרגען האָט ער געפּרוּבירט גליק װיעדער צו קומען; כאָטש ער האָט געמײנט, אַז מינא װעט זיך ענטזאָגען צו נעהמען די שטונדע. אָבער מינא, װאָס איז געװען צו שטאָלץ פאַר װעמען עס איז זיך צו באַקלאָגען; מינא, װעמעס געװיסען האָט זיך ניט געפיהלט גאַנץ רײן, האָט זיך באַװיזען, נאָך דעם װי זי האָט איהם געלאָזען װאַרטען פינף מינוט מעהר װי געװעהנליך; און זי איז צוגעגאַנגען גלײך צום קלאַװיר שטאָלץ און שטײף, ניט אַ דרעה טאָענדיג

מיט'ן קאָפּ, ניט ארויסריידענדיג א וואָרט, ווי קריסטאָף וואָלט גאָר ניט עקסיסטירט פאַר איהר. זי האָט פון דעסט־וועגען גענומען די שטונדע און די ווייטערדיגע שטונדען, ווייל זי האָט געוואוסט, אז קריסטאָף איז א גרויסער קענער אין מוזיק, און אז זי מוז זיך לערנען קלאַוויר שפּיעלען, אויב זי וויל זיין — דאָס וואָס איהר ווילט זיך זיין: א גוטערצויגענע יונגע פריילין פון א שעהנער משפחה. אבער ווי לאַנגווייליג דאָס איז איהר געווען! ווי לאַנגווייליג עס איז זיי ביידען געווען!

אין איין נעבעלדיגען מערץ פריהמאָרגען, ווען אַ פּאָ־כיגער שניי האָט זיך געטראָגען דורך דער גרויער לופט, האָבען זיי ווידער זיך געפונען אין שטודיר־צימער. עס איז געווען נאָך קוים טאָג. מינא האָט, ווי געוועהנליך, גע'טענה'ט וועגען אַ פאַלשען טאָן, וואָס זי האָט גענומען, אַז „אַזוי שטעהט געשריבען". כאָטש קריסטאָף האָט גאַנץ גוט גע־וואוסט, אַז זי זאָגט אַ ליגען, דאָך האָט ער זיך איבערגע־בויגען איבער'ן העפט, כדי זיך איינצוקוקען, וואָס דאָרט שטעהט. זי האָט געהאַלטען די האַנט אויפ'ן שטענדער, און עס ניט צוגענומען. זיין מויל איז געווען גאַנץ נאָהענט צו דער האַנט. ער האָט געפּרובירט לייענען די נאָטען, אָבער ער האָט ניט געקאָנט: ער האָט געקוקט אויף עפּעס וואָס אַנ־דערש — אָט די צאַרטע, דורכזיכטיגע זאַך, וואָס איז געווען עהנליך צו די בליהונגען פון בלומען. פּלוצלונג (ער האָט אַליין ניט געוואוסט, וואָס איז איהם דורכגעפלויגען דורכ'ן קאָפּ) האָט ער מיט זיין גאַנצען כח ארויפגעדריקט זיינע ליפּען אויף די הענטל.

זיי זיינען ביידע געוואָרען גלייך איבערראשט דערפון. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צוריק, זי האָט אַ ציה געטאָן די האַנט; און ביידע זיינען רויט געוואָרען. זיי האָבען אַ וואָרט ניט אויסגערעדט, האָבען ניט געקוקט איינער אויפ'ן אַנדערן. נאָך אַ מינוט פון צומישונג און פון שווייגען האָט זי ווידער זיך גענומען פאַר'ן שפּילען: איהר ברוסט האָט זיך געהוי־בען, ווי עפּעס וואָלט איהר געדריקט; זי האָט געמאַכט איין

פאַלשען טאָן נאָכ'ן אנדערן. ער האָט עס ניט געמערקט; ער איז געווען מעהר צוטראָגען ווי זי; עס האָט איהם געהאַמערט אין די שלייפען; ער האָט גאָר ניט געהערט, ניט געוואוסט וואָס זי האָט געשפּילט; און נאָר כדי צו ברעכען דאָס שוויי־גען, האָט ער געמאַכט באַמערקונגען סתם אין דער וועלט אריין אין א פאַרשטיקטען טאָן. ער האָט געמיינט, אַז אין מינאַ'ס אויגען איז ער שוין אין גאַנצען א פאַרלאָרענער. ער האָט זיך געשעמט מיט דאָס, וואָס ער האָט געטאָן, און האָט עס געהאַלטען פאַר נאַריש און גראָב. ווען די שטונדע איז פאַריבער, איז ער אוועק, ניט געבענדיג א קוק אויף מינאַ'ן; ער האָט זאָגאַר פאַרגעסען מיט איהר זיך צו געזעגענען. זי אָבער האָט קיין כעס ניט געטראָגען פאַר דעם. זי האָט אפילו מעהר ניט געטראַכט דערפון, אַז קריסטאָף איז שלעכט־ער־צויגען; און אויב זי האָט גענומען אַזוי פיעל פאַלשע טע־נער, איז עס געווען דערפאַר, ווייל זי האָט ניט אויפגע־הערט איהם פון דער זייט צו באַטראַכטען מיט א פאַרוואונ־דערטער נייגעריגקייט. און — צום ערשטען מאָל — מיט סימפּאַטיע.

ווען זי איז געבליבען אליין, האָט זי, אנשטאָט צו געהן צו דער מוטער, ווי געוועהנליך, זיך פאַרשלאָסען ביי זיך אין צימער, כדי זיך אָפּצוגעבען דין וחשבון איבער די דאָ־זיגע אויסערגעוועהנליכע פּאַסירונג. זי האָט זיך אוועקגע־זעצט געגען שפּיגעל, דעם פּנים אונטערגעשפּאַרט פון די הענט. איהרע אויגען האָבען איהר אויסגעוויזען צאַרט און גלאַנצענדיג. זי האָט זיך לייכט געביסען די ליפּען, אנשטרענ־גענדיג איהרע געדאַנקען; און פאַרטראַכטענדיג מיט פאַר־גניגען איהר שעהנעם פּנים, האָט זי לאַכענדיג און רויט ווע־רענדיג ווידער געזעהן אויף זיך די גאַנצע סצענע. ביים

טיש און איז זי געווען היימלאך און לעבעדיג. זי האט זיך ענטזאגט צו געהן שפאצירען, און איז פארבליבען אין זאל א גרויסען טייל פון נאכמיטאג; זי האט געהאלטען א האנט־ארבייט, אין וועלכע זי האט קוים געמאכט צעהן שטעך און די אויך פאלשע. אבער, וואס פאר א ווערדע האט עס! אין א ווינקעל פון צימער, מיט'ן רוקען צו דער מוטער, איז זי געזעסען, און געשמייכעלט צו זיך; מיט אמאל איז אויף איהר ארויפגעפאלען א פלוצלונגער פערלאנג זיך צו באוועגען: און זי האט גענומען ארומשפרינגען איבער'ן צימער, זינגענדיג הויך אויפ'ן קול. פרוי פאן קעריך האט גענומען ציטערן און זיך צושריען, אז זי איז פון זינען אראפ. מינא האט זיך אווארף געטאן איהר אויפ'ן האלז, זיך קייקלענדיג פאר געלעכטער, און איהר געקושט, ווי זי וואלט איהר וועלען דערשטיקען.

אין אווענט, קומענדיג צו זיך אין צימער, האט זי נאך לאנג זיך ניט געלעגט שלאפען... זי האט אלץ געקוקט אויף זיך אין שפיגעל, האט ווידער געזוכט זיך צו דערמאנען און ניט געקאנט, ווייל זי האט דעם גאנצען טאג נאר וועגען דער איין זאך געטראכט. זי האט לאנגזאם זיך אויסגעטאן; זי האט זיך אפגעשטעלט יעדען אויגענבליק, זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן בעט, זוכענדיג ווידער זיך פארצושטעלען קריסטאף'ס בילד: עס איז געווען א פאנטאסטישער קריסטאף, דער וואס האט זיך באוויזען; איצט האט ער איהר אויסגעוויזען גאר ניט אזוי מיאוס. זי האט זיך אוועקגעלייגט, אויסלעשענדיג דאס ליכט. אין צעהן מינוט ארום איז די פריהמארגענדיגע סצענע פלוצלונג איהר ארויף אויפ'ן זינען: און זי האט זיך צולאכט אויפ'ן קול. איהר מוטער האט זיך שטיל אויפגעהויבען, געעפענט די טיר, מיינענדיג, אז ניט

קוקענדיג אויפ'ן פאַרבאַט, לייענט זי אין בעט. זי האָט געפונען מינא'ן ליגענדיג שטיל, די אויגען ווייט אָפען אין דער האַלב־פינסטערקייט פון נאַכטליכט.

— „וואָס איז אזוינס געשעהן?“ — האָט זי גע־פרעגט — „וואָס מאַכט דיך אזוי פרעהליך?“

„גאָר ניט“ — האָט מינא ערנסט געענטפערט — „איך טראַכט!“

— „דו ביזט זעהר גליקליך זיך אזוי צו אמוזירען אין דיין אייגענער געזעלשאַפט. אבער איצט דאַרף מען שלאָפען.“

„יא, מוטער“ — האָט מינא געהאָרכזאַם געענטפערט.

אין זיך האָט זי געבורטשעט:

„געה דאָך שוין! געה דאָך שוין!“

ביז די טיר האָט זיך ווידער פאַרמאַכט, און זי האָט געקאָנט הנאה האָבען פון איהרע טרוימען. זי איז אריינגע־פאַלען אין א טעמפּער שלעפריגקייט. שוין האַלטענדיג ביים איינשלאָפען, איז זי ווידער אויפגעשפּרונגען פאַר פרייד:

„ער ליעבט... וואָס פאַר א גליק! ווי שעהן איז עס פון איהם, וואָס ער ליעבט מיך!... ווי ליעב איך האָב איהם!“

זי האָט ארומגענומען איהר קישען, און איז באַלד איינ־געשלאָפען.

ווען דיביידע קינדער זיינען צום ערשטען מאָל ווידער גע־ווען צוזאַמען, איז קריסטאָף געוואָרען איבעראַשט פון מינאַ׳ס ליעבענסווירדיגקייט. זי האָט איהם געזאָגט גוט מאָרגען, און איהם געפרעגט אין זעהר א זיסער שטים, ווי איהם געהט; זי האָט זיך אוועקגעזעצטביים קלאַוויר מיט זעהר א קלוגער און באַשיידענער מינע; זי איז געווען א מלאך פון געהאָרכ־זאַמקייט. זי האָט מעהר ניט געהאט קיינע פון די בייזע קאַפּ־ריזען פון א שלעכטער שילערין; נאָר זי האָט מיט גרויס אכטונג זיך צוגעהערט צו קריסטאָף׳ס באַמערקונגען; האָט אנערקענט זייער ריכטיגקייט; האָט אליין ארויסגעלאָזען א דערשראָקענעם געשריי, ווען זי האָט געמאכט עפּעס א פעה־לער, און געזוכט זיך צו פאַריכטען. קריסטאָף האָט גאָר ניט פארשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך. אין א גאַנץ קורצער צייט האָט זי געמאכט א וואונדערבארען פאָרשריט. ניט נאָר האָט זי געשפּיעלט בעסער, נאָר זי האָט זאָגאר האָלט געקראָגען די מוזיק. ווי ווייניג חונף ער איז געווען, דאָך האָט ער איהר געמאכט א קאָמפּלימענט. זי איז רויט געוואָרען פאַר פרייד, און איהם אָפּגעדאנקט מיט א בליק, וואָס איז געווען פול מיט טרעהרען פון דאנקבארקייט. זי האָט זיך אויסגעפּוצט פאַר איהם מיט גרויס זאָרג; האָט געטראָגען לענטעס פון פּיקאַנטע פארבען; האָט געשמייכעלט צו קריסטאָף׳ן מיט ביינקענדע אויגען, וואָס איז איהם ניט געפעלען געווען. אבער פון דעסטוועגען אויפגערעגט ביז אין דער טיע־פעניש פון זיין נשמה. איצט איז זי עס געווען, וואָס האָט

געזוכט צו פלוידערן; אבער איהרע געשפּרעכען זיינען גאַר ניט געווען קיין קינדערשע: זי האָט גערעדט ערנסט, און האָט געבראַכט ציטאַטען פון דיבטער פעדאַנטיש און מיט פּרעטענזיעס. ער האָט קוים געענטפערט; ער האָט זיך גע־פיהלט זעהר ניט באקוועם; אָט די נייע מינא, וועלכע ער האָט ניט געקענט, האָט איהם פארוואונדערט און בעאונרו־היגט.

זי האָט איהם נאָכאנאַנד נאָכגעקוקט. זי האָט געוואַרט... אויף וואָס? צי האָט זי אליין עס געוואוסט גענוי?... זי האָט געוואַרט, אַז ער זאָל ווידער אָנהויבען. — ער אבער האָט זיך געהיט, זייענדיג איבערצייגט, אַז ער האָט געהאַנדעלט ווי א גראָבער יונג; עס האָט זאַגאַר אויסגעוויזען, אַז ער טראַכט בכלל מעהר ניט דערפון. דאָס האָט איהר גאַר אַפּ־געענטיג געמאַכט; און איין מאָל, ווען ער איז געזעסען גאַנץ רוהיג אויף א געהעריגען מהלך פון די געפעהרליכע קליינע לאַפּקעס, איז איהר באַפאַלען אַן אונגעדולד: מיט אזא פּלוצלונגער באוועגונג, אַז זי האָט אליין קיין צייט ניט גע־האַט נאָכצוטראַכטען, האָט זי אַרויפגעדריקט איהר האַנט אויף זיינע ליפּען. ער איז געוואָרען גאַנץ איבעראַשט, נאָכ־הער — בייז און פארשעמט. — ער האָט איהר אפילו ניט וויינינגער ליידענשאַפטליך געקושט, דאָך האָט די דאָזיגע נאַיווע חוצפה איהם אין גרויס צאָרן אריינגעבראַכט; און עס האָט געהאַלטען דערביי, אַז ער זאָל איהר לאָזען זיצען.

ער האָט אבער שוין מעהר ניט געקאָנט. ער איז געווען געפאַנגען. א מיש־מאַש פון געדאַנקען האָט געקאָכט אין איהם. ער האָט זיך ניט געקאָנט אַרויסגעפינען. ווי א פאַרע, וואָס הויבט זיך אויף פון א טאָל, אַזוי האָבען זיי זיך אויפגע־הויבען פון דער טיפעניש פון זיין הארצען. ער האָט זיך

אוועקגעלאָזען בלינד, אַהין א וועג פאר זיך אין אַט דעם טומאַן פון ליעבע; און וואָס ער האָט ניט געטאָן, אלץ האָט ער זיך געדרעהט ארום דער איין פיקסער אידעע, ארום דעם איין אונבאקאַנטען פארלאנג, געפעהרליך און פארפיהרעריש, ווי א פלאַם פאר א פליגעלע. עס איז געוועזן דאָס פלוצלינגע אויפ־קאָכען פון די בלינדע נאַטור־כחות.

זיי זיינען דורכגעגאנגען דורך א פעריאָד פון וואַרטען. זיי האָבען איינע די אַנדערע בעאָבאַכטעט, געבענקט און מורא געהאט איינער פאַר'ן אַנדערן. זיי זיינען געווען אונרוהיג. זיי זיינען אפילו אַנגעגאַנגען ווייטער מיט זייערע קליינע סכסוכים און ברוגז'ן; אָבער די התקרבות צווישען זיי איז אַראָפּ: זיי האָבען געשוויגען. יעדער פון זיי איז געווען פאַרנומען דערמיט, אויפצובויען זיין ליעבע שטילערהייט.

די ליעבע האָט משונה'דיגע צרויקווירקונגען: פון דעם אויגענבליק, וואָס קריסטאָף האָט באַמערקט, אַז ער ליעבט מינא'ן, האָט ער מיט אַמאָל אויך באַמערקט, אַז ער האָט איהר שטענדיג געליעבט. זינט דריי חדשים האָבען זיי זיך כמעט טאָג טעגליך געזעהן; און ער האָט אפילו קיין חשד ניט געהאָט, אַז ער ליעבט איהר. אָבער פון דער מינוט אָן, וואָס ער האָט איהר גענומען ליעבען, איז ער געווען זיכער, אַז ער ליעבט איהר פון אייביג אָן.

עס איז פאַר איהם געווען א חיות ענדליך אויסצוגעפינען וועמען ער ליעבט. עס איז שוין דאָך געווען אַזוי לאַנג, אַז ער האָט געליעבט, ניט וויסענדיג וועמען! ער האָט זיך געפיהלט דערלייכטערט, א שטייגער ווי א קראַנקער, וואָס ליידעט פון אַן אַלגעמיינער קרענקליכקייט, פון א ניט קלאָהרע און אויסמאַטערנדע, בעת ער דערפיהלט מיט אַמאָל א שאַרפען ווייטאָג אויף א באַשטימטען אָרט. קיין זאַך מאַטערט אַזוי ניט אויס, ווי א ליעבע אָהן א באַשטימטען ציעל: דאָס עסט אויף און זויגט אויס די כחות, ווי

פיבער. — א ליידענשאַפט, וואָס מען קען, טרייבט דעם גייסט צו איבער אַנשטרענגונג. דאָס פאַרמאַטערט, אבער מען ווייס כאָטש פאַר וואָס.

כאָטש מינא האָט געגעבען קריסטאָף'ן גענוג אורזאכען צו גלויבען, אז זי איז ניט גלייכגילטיג צו איהם, דאָך האָט ער ניט אויפגעהערט זיך צו מוטשען מיט דעם געדאנקען, אז זי פאַראכטעט איהם. זיי האָבען קיינמאָל ניט געהאַט קיין גאַנץ קלאָהרע פאַרשטעלונג איינער פון אנדערן; אבער קיין מאָל איז די פאַרשטעלונג ניט געווען מעהר צופלאָנטערט און פאַלש ווי איצט: זי איז באַשטאַנען פון א רייהע פאַנטאַס־טישע איינבילדונגען, וואָס מען האָט בשום אופן ניט געקאָנט צוזאַמענברייגען אין איין בילד; ווארום זיי פלעגען זיך וואַרפען פון איין עקסטרעם צו א צווייטען, צושרייבענדיג איינער דעם צווייטען מעלות און חסרונות, וואָס זיי האָבען גאָר ניט געהאַט: די מעלות, ווען זיי זיינען געווען ווייטער איינער פון אנדערן, און די חסרונות, ווען זיי זיינען געווען צוזאַמען. ביידע מאָל האָבען זיי א טעות געמאַכט.

זיי האָבען אליין ניט געוואוסט, וואָס זיי ווילען. פאַר קריסטאָף'ן האָט די ליעבע אָנגענומען די פאָרמע פון יענעם הערשענדען, אבסאָלוטען דורשט נאָך צערטליכקייט, וואָס האָט געברענט אין איהם פון קינדהייז אָן, וואָס ער האָט גע־פאָדערט אויך פון אנדערע, און האָט געוואָלט ארויפצווינגען אויף אנדערע מיט'ן גוטען אָדער מיט געוואַלט. מינוטענווייז פלעגט צו דעם דעספאָטישען פאַרלאַנג זיך מקריב צו זיין אין גאַנצען, זיך אליין און די אנדערע — די אנדערע פיי־לייכט מעהר נאָך — ווערן צוגעמישט אויך א שטורם פון אזא יט באַקאַנטען און ברוטאַלען פאַרלאַנג, וואָס האָט איהם געמאַכט שווינדעלדיג, און וואָס ער האָט ניט פאַר־

שטאַנען. מינא, וואָס איז נייגעריג געווען און ענטציקט צו האָבען אַ ראָמאַן, האָט געזוכט דערפון ארויסצוציהען אזוי פיעל פארגניגען ווי נאָר מעגליך פאר איהר עגאָיזם און טעמפּעראַמענט; זי האָט פון גאַנצען הארצען זיך גע־נארט מכח דעם, וואָס זי פיהלט. א גרויסער חלק פון זייער ליעבע איז ארויסגעלייענט געוואָרען פון ביכער: זיי האָבען נאָך אמאָל דורכגעלעבט די דורכגעלייענטע ראָמאַנען, און האָ־בען צוגעטראַכט עמפּפינדונגען, וואָס זיי האָבען גאָר ניט געהאַט.

אָבער עס איז געקומען דער אויגענבליק, ווען די אַלע קליינע שקרים און דער קליינליכער עגאָיזם זיינען פאר־שוואונדען פאר דעם הייליגען ליכט פון דער ליעבע. אַ טאָג, אַ שעה, עטליכע אייביגע סעקונדען... און אַלץ איז געקומען אזוי אונערוואַרט!

איין אָוועגט האָבען זיי געפּלוידערט אַליין. אין צימער איז געוואָרען פינסטער. זייער אונטערהאַלטונג האָט אָנגענומען אַן ערנסטען כאַראַקטער. זיי האָבען גערעדט פון דעם אומענדליכען, פון לעבען, פון טוידט. דאָס האָט געשאַפען אַ ברייטערע ראַהם פאַר זייערע קליינע געפיהלען. מינא האָט זיך באַקלאָגט וועגען איהר איינזאַמקייט: דאָס האָט, גאַנץ נאַטירליך, געפיהרט קריסטאָף'ן צו ענטפערן, אַז זי איז גאָר ניט אַזוי איינזאַם, ווי זי מיינט.

— „ניין" — האָט זי געזאָגט, צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ — „דאָס אַלץ זיינען ווערטער. יעדערער לעבט פאַר זיך, קיין מענש אינטערעסירט זיך ניט מיט דיר, קיינער ליעבט דיך ניט."

אַ הפסקה.

„און איך?" — האָט קריסטאָף פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן, בלייך ווערענדיג פון אויפרעגונג.

דאָס אימפּולסיווע קליינע נפש'ל איז אויפגעשפּרונגען, און איהם אָנגעכאַפּט פאַר די הענט.

די טיר האָט זיך געעפענט. זיי האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן אין פאַרשידענע זייטען. פרוי פאָן קעריך איז אריין. קריסטאָף האָט זיך איינגעגראָבען אין אַ בוך, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַרקעהרט. מינא האָט זיך אריבערגעבויגען איבער איהר ארבייט, און האָט מיט דער נאָדעל איינגעשטאָכען אין פינגער.

דעם גאַנצען אָוועגט האָבען זיי זיך מעהר ניט געפונען

צוזאמען, און האָבען אויך מורא געהאט פאר דעם. ווען פרוי פאָן קעריך האָט זיך איין מאָל אויפגעהויבען עפּעס צו זוכען אין צווייטען צימער, האָט מינא, וואָס איז, געוועהנליך, געווען ניט זעהר געפעליג, זיך דעם מאָל אָנגעבאָטען עס צו ברייגגען פון איהר; און קריסטאָף האָט באנוצט די געלעגענהייט אוועקצוגעהן, ניט זאָגענידג איהר קיין גוט נאכט.

אויף מאָרגען האָבען זיי זיך ווידער געטראָפען מיט אונגעדולדיג ווייטער אָנצופיהרען זייער איבערגעריסענעם געשפרעך. דאָס האָט זיך זיי בשום אופן ניט איינגעגעבען, כאָטש די אומשטענדען זיינען געווען גינסטיג פאר זיי. זיי זיינען געגאנגען שפּאצירען מיט פרוי פאָן קעריך, און האָבען צעהן מאָל געהאט די געלעגענהייט זיך דורכצורייען וויפיעל זיי האָט זיך געלוסט. אבער קריסטאָף האָט ניט געקאָנט ריידען: און ער האָט זיך געפיהלט דערפון אזוי אונגליקליך, דאָס ער האָט זיך געהאלטען אויף דעם מעגליכסט ווייטען מהלך פון מינא'ן. זי האָט זיך געמאכט, ווי זי וואָלט זיין אונהעפליכקייט גאָר ניט באמערקט; אבער עס האָט איהר געקריינקט, און זי האָט עס גאַנץ קלאָהר ארויסגעוויזען. ווען קריסטאָף האָט ענדליך זיך אָנגעטאָן א כח ארויסצוריידען א פּאָר ווערטער, האָט זי זיך צוגעהערט מיט אן אייזקאלטער מינע: ער האָט קוים געהאט דעם מוט צו ענדיגען די פּאָר ווערטער; דער שפּאציר איז געווען געענדיגט און ער איז געווען פארצווייפעלט, פאר וואָס ער האָט עס ניט אויסגענוצט.

א וואָך איז אוועק. זיי האָבען שוין געגלויבט, אז זיי האָבען זיך געגנארט אין זייערע געגענזייטיגע געפיהלען. זיי זיינען ניט געווען זיכער, צי האָט זיך זיי גאָר ניט גע'חלומ'ט די גאנצע סצענע פון יענעם אווענט. מינא איז געווען ברוגז

אויף קריסטאָף'ן. קריסטאָף האָט מורא געהאַט איהר אליין צו טרעפען. זיי זיינען געוואָרען אלץ קעלטער און קעלטער איינער צום אַנדערן, ווי ווען עס איז פריהער.

דער טאָג איז געקומען. — עס האָט גערעגענט דעם גאַנ־צען פריהמאָרגען און א טייל פון נאָך מיטאג. זיי זיינען פארבליבען איינגעשלאָסען אין שטוב, ניט ריידענדיג, ניט לייענענדיג, נאָר גענעצענדיג און קוקענדיג דורכ'ן פענסטער; זיי האָבען זיך געפיהלט לאנגווייליג און בייז. ארום פיער א זייגער האָט דער הימעל זיך אויסגעלייטערט. זיי זיינען אוועק אין גאָרטען. זיי האָבען זיך אָנגעשפּארט אן דער פּארענצע פון דער טעראסע, באטראכטענדיג די קוסטעס, וואָס האָבען זיך געצויגען בארג אראָפּ צום טייך. די ערד האָט ארויסגעלאָזען א פּארע; א ווארימער טומאַן האָט זיך אויפגעהויבען צו דער זון; טראָפּענס רעגען האָבען גע־גלאנצט אין גראָז; דער נאסער ערד־גערוך האָט זיך צונויפ־געמישט מיט דעם ריח פון די בלומען; ארום זיי האָט גע־זשומט א גאָלדענע מחנה ביהנען. זיי זיינען געשטאַנען הארט איינער לעבען צווייטען און זיך ניט אָנגעקוקט; זיי האָבען זיך ניט געקאָנט באשליסען צו צוברעכען דאָס שווייגען. א ביהן איז געקומען צו פליהען, און האָט אומגעשיקט זיך גע־קלאַמערט אַן א בינטעל גליצינען, וואָס איז פון רעגען שווער געוואָרען, און האָט א גאָס געטאָן אויף זיך א גאנצען וואסער־פאל. זיי האָבען צוגלייך זיך פארנאנדערגעלאכט, און אין זעלבען אויגענבליק האָבען זיי דערפיהלט, אז זיי זיינען מעהר ניט בייז איינער אויף'ן אנדערן, אז זיי זיינען גוטע פריינד. פון דעסטוועגען האָבען זיי אלץ אויסגעמיטען צו קוקען איי־נער אויף'ן צווייטען.

פלוצלונג האָט זי, ניט אומדרעהענדיג דעם קאָפּ, איהם

גענומען פאר׳ן האנט און געזאָגט:

„קומט!“

זי האָט איהם גיך געפיהרט צום קליינעם לאבירינט, וואס האָט זיך אויפגעהויבען אין מיטען פון וועלדעל, און צו וועלכען עס האָט געפיהרט א שטעג, באזעצט מיט בוקסבוימער. זיי זיינען ארויף געלאָפען דעם בערגעל איבער דער גליטשיגער, ווייך געוואָרענער ערד, און די נאסע בוימער האָבען אפגעשאָקעלט זייערע צווייגען איבער זיי. ווען זיי זיינען שוין כמעט געווען אויבען, האָט מינא זיך אָפּגעשטעלט, כדי אָפּצוכאפּען דעם אָטעם.

„ווארט א מינוט, ווארט א מינוט“ — האָט זי גאנץ שטיל געזאָגט, זוכענדיג צו שעפּען לופט.

ער האָט א קוק געטאָן אויף איהר. זי האָט געקוקט אָן א זייט; זי האָט געשמייכעלט, פערקייכענדיג זיך מיט א האלב אָפענעם מויל; איהר האנט איז געווען איינגעשלאָסען אין קריסטאָף׳ס האנט. זיי האָבען געפיהלט, ווי דאָס בלוט האמערט אונטער דער הויט פון זייערע צוזאמענגעפּרעסטע הענט, און ווי זייערע פינגער האָבען געציטערט. ארום זיי האָט געהערשט א שטילקייט. די בלאסע אָפּצווייגונגען פון די בוימער האָבען געפלאטערט אין זון. א קליינער רעגען האָט געטריפט פון די בלעטער מיט א זילבערקלאנג; און דורכ׳ן הימעל האָט זיך דורכגעריסען דער גרילצענדער געשריי פון שוואלבען.

זי האָט אויסגעדרהעט דעם קאָפּ צו איהם: עס איז געווען ווי א בליץ. זי האָט זיך א וואָרף געטאָן איהם אויפ׳ן האלז; ער האָט זיך א וואָרף געטאָן אין איהרע אָרימס.

— „מינא, מינא, מיין טייערע!“

„איך ליעב דיך, קריסטאָף! איך ליעב דיך!“

זיי האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען אויף אַ נאַסער הילצערנער באַנק. זיי זיינען געווען פול פון ליעבע, פון אַ זיסער, טיעפער, נאַרישער ליעבע. אַלעס איבעריגע איז פאַרשוואונדען. ניטאָ מעהר קיין עגאָיזם, קיין פוסטע גאוה, קיינע הינטערגעדאַנקען. אַלע שאָטענזייטען פון דער נשמה זיינען אָפּגעווישט געוואָרען פון דעם ליעבעסאָטעם. ליעבע, ליעבע — האָבען גערעדט איהרע לאַכענדע, פון טרעהרען פייכטע, אויגען. אָט די קאַלטע, קאָקעטישע קליינע מיידעל, אָט דער שטאָלצער איינגעל האָבען געברענט מיט דעם פאַרלאַנג זיך אָפּצוגעבען אין גאַנצען, זיך מקריב צו זיין, צו ליידען, צו שטאַרבען איינער פאַר'ן אַנדערן. זיי האָבען זיך אַליין מעהר ניט דערקענט, זיי זיינען מעהר ניט געווען דיזעלבע; אַלץ האָט זיך געביטען: זייער האַרץ, זייערע געזיכטציגען, זייערע אויגען, וואָס האָבען געשטראַהלט פון גוטסקייט און פון אַ ריהרענדער צערטליכקייט. מינוטען פון ריינקייט, פון ענטזאַגונג, פון פאָלשטענדיגער איבערגעבונג פון זיך אַליין, וואָס קומט נאָך איין מאָל ניט פאַר אין לעבען!

נאָך אַ פאַרליעבטער שטאַמלעריי, נאָך ליידענשאַפטליכע שבועות אייביג צו געהערן איינער צום צווייטען, נאָך קושען און ווערטער פון גליק אָהן אַ סדר, האָבען זיי באַמערקט, אַז עס איז שוין שפּעט. זיי האָבען גענומען לויפען צוריק, זיך האַלטענדיג ביי די הענט, אין שטענדיגער געפאַהר אומצופאַלען אין דער שמאָלער אַלייע, אַפּילו זיך אָפּקלאַפּענדיג אָן די בוימער, האָבען זיי עס ניט געפיהלט, בלינדע און פאַר'שכור'טע פון פרייד.

ווען זיי זיינען זיך פאַרנאַנדערגעגאַנגען, איז ער ניט אַוועק אַהיים: ער וואָלט ניט געקאָנט איינשלאָפען. ער איז אַרויס פון שטאָדט, און האָט שפּאַצירט איבער די פעלדער;

ער איז אוועק אין דער נאכט אויף גאָטס בארג. די לופט איז געווען פריש, דאָס לאנד איז געווען פינסטער און פארלאָזן. א סאווע האָט זיך צוקוויטשעט גרילצענדיג. ער איז ארויף דעם בערגעל צווישן די וויינשטאָקען. די קליינע ליכט פון שטאָדט האָבען געציטערט אונטען אין טאָל; און אין טונקעלן הימעל — די שטערן. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א פאר־קאן ביים וועג, און האָט פּלוצלונג אויסגעבראכען אין טרעה־רען. ער האָט אליין ניט געוואוסט פאר וואָס. ער איז געווען צו גליקליך; און די איבערמאָס פון זיין פרייד איז באשטא־נען פון טרויער און פרייד; עס האָט זיך אויך דורכגעמישט א דאנקבארקייט פאר זיין גליק און א רחמנות מיט די, וואָס זיינען ניט גליקליך; א מעלאנכאָלישער, אבער זיסער, גע־פיהל פון דעם, אז קיין זאך האָט קיין קיום ניט, א פאר־שכור׳ונג מיט׳ן לעבען. ער האָט געוויינט מיט פארגניגען, און וויינענדיג איז ער איינגעשלאָפען. ווען ער האָט זיך אויפגעכאפּט, האָט שוין געטאָגט. ווייסע טומאנען האָבען זיך געצויגען איבער דעם טייך, און האָבען איינגעוויקעלט די שטאָדט, וואו מינא האָט געשלאָפען, צובראכען פון פארמאַ־טערטקייט, אבער דאָס הארץ באלויכטען פון א גליק־געלעכ־טער.

גלייך אויף מאָרגען האָט זיי אָפּגעגליקט זיך ווידער צו טרעפען אין גאָרטען. און פון דאָס ניי צו זאָגען, אז זיי ליעבען זיך; אבער עס איז שוין מעהר ניט געוועזן די הייליגע אונשולד פון נעכטען ביינאַכט. מינאַ האָט אביסעל געשפּיעלט די פאַרליעבטע; און אויך ער, כאָטש פיעל אויפריכטיגער, האָט אויך געשפּיעלט א ראָלע: זיי האָבען גערעדט וועגען דעם, וואָס פאַר א לעבען זיי וועלען פיהרען. ער האָט זיך באַקלאָגט אויף זיין אָרימקייט און זיין נידעריגען מצב. זי האָט געשפּיעלט די גרויסמוטיגע, און זיך געקוויקט מיט איהר גרויסמוט. זי האָט גע'טענה'ט, אז זי איז גלייכגילטיג צו געלט. דאָס איז געוועזן אמת, ווארום זי האָט ניט געוואוסט, וואָס געלט איז, ניט וויסענדיג, וואָס עס הייסט פעהלען געלט. ער האָט איהר פאַרשפּראָכען צו ווערען א גרויסער קינסטלער; דאָס האָט זי געפונען פאַר אינטערעסאַנט און שעהן ווי אין א ראָמאַן. זי האָט געהאַלטען פאַר איהר פליכט זיך אויפצופיהרען ווי אן אמת'ע פאַרליעבטע. זי האָט דער־פאַר געלייענט פּאָעזיע, און איז געוואָרען סענטימענטאַל. ער איז געוואָרען דערפון אָנגעשטעקט. ער האָט אָנגעהויבען זיך צו פוצען אין אָנטאָן זיך, און איז געוואָרען דערפון לעכערליך: ער האָט גענומען זיך היטען ווי זיך אויסצודריקען און איז געוואָרען פּרעטענציעז. פרוי פאָן קעריך האָט געקוקט אויף איהם לאַכענדיג און זיך געפרעגט: וואָס האָט איהם געמאַכט אזוי נאַריש?

זיי האָבען פון דעסטוועגען געהאַט אויך מינוטען פון

העכסטער פּאָעזיע, וואָס פלעגען פּלוצלונג אויפליכטען אין מיטען פון בלאַסען טאָג, ווי אַ זון־שטראַהל אין מיטען פון נעבעל. אָפט איז עס געווען נאָר אַ בליק, אַ באַוועגונג, אַ וואָרט וואָס האָט גאָר ניט באַדייט און דאָך זיי געמאַכט זיך צו באַרען אין גליק; דאָס זיינען געווען די „צום ווידערזעהן'ס" ביינאַכט, אויף די שלעכט־באַלויכטענע טרעפּ; די אויגען, וואָס האָבען איינע די אַנדערע געזאַכט און זיך געפונען אין דער האַלב־פינסטערניש; דאָס אויפטרייסלען פון די הענט, וואָס האָבען זיך אָנגעריהרט איינע אָן די אַנדערע; דאָס ציטערן פון דער שטים; די אַלע קליינע נאַרנישט'ן. די ערינע־רונג אָן דאָס אַלץ פלעגט ווערען געדיכטער ביינאַכט, ווען זיי האָבען געשלאָפען זייער לייכטען שלאָף, פון וועלכען זיי פלעגען זיך אויפכאַפּען יעדע שעה, ווען דער זייגער פלעגט שלאָגען און ווען זייער האַרץ פלעגט זינגען, ווי דאָס מורמלען פון אַ קוואַל: „איך בין געליעבט".

זיי האָבען ענטדעקט די שעהנקייט פון אַלץ אין דער וועלט. דער פריהלינג האָט געשמייכעלט מיט אַ וואונדערבאַ־דער זיסקייט. דער הימעל האָט געהאַט אַ גלאַנץ; די לופט — אַ ווייכקייט, וואָס זיי האָבען פריהער גאָר ניט געוואוסט. די גאַנצע שטאָדט, די רויטע דעכער, די אַלטע מויערן, די שלעכט־ברוקירטע גאַסען זיינען געוואָרען באַצויגען מיט אַ חן, וואָס האָט קריסטאָף'ן געריהרט. ביי נאַכט, ווען אַלץ אַרום האָט געשלאָפען, פלעגט מינאַ אויפשטעהן פון בעט און זיך אויסקשטעלען ביים פענסטער אַ שלעפעריגע און פיבערישע. און אין די נאָכמיטאָגען, ווען ער פלעגט ניט קומען, פלעגט זי זיצען אין וויעגשטול אַ פאַר'חלום'טע, מיט אַ בוך אויף די קניע און די אויגען האַלב פערמאַכט, אין אַ שלעפעריגע און גליקליכע פאַרמאַטערטקייט. דער גוף און די נשמה שווע־

בענדיג אין דער פריהלינג־לופט. זי האָט איצט פאַרבראַכט שטונדענלאַנג ביים קלאַוויר, איבער׳חזר׳נדיג מיט א געדולד, וואָס האָט די אַנדערע שטאַרק דערעסען, די אַקאָרדען און גאַמעס. ביז זי פלעגט ווערן פון אויפרעגונג קאַלט און בלייך. זי פלעגט וויינען הערענדיג שומאַנס מוזיק. זי האָט זיך גע־פיהלט פול מיט רחמנות און גוטסקייט פאַר אַלעמען; און מיט איהם איז געווען ווי מיט איהר. זיי פלעגען געבען באַ־האַלטענע נדבות צו די אַרימע לייט, וואָס זיי פלעגען טרעפען, און פלעגען דערביי זיך איבערוואַרפען מיט צושטימענדע בליקען: זיי זיינען געווען גליקליך צו זיין אַזוי גוט.

באמת גערעדט, זיינען זיי עס געווען נאָר ביי געלעגענ־הייטען. מינא האָט פלוצלונג ענטדעקט, ווי טרויעריג עס איז דאָס באשיידענע און איבערגעבענע לעבען פון דער אַלטער פרידא, וועלכע דיענט שוין אין הויז זינט דער קינדהייט פון איהר מוטער; און זי איז גיך אוועקגעלאָפען צו איהר און זיך איהר געוואָרפען אויפ׳ן האַלז, צו דער גרויסער פאַר־וואונדערונג פון דער גוטער אַלטיטשקער, וואָס האָט געראַדע בשעת מעשה געהאַלטען אין פאַריכטען וועש אין קיך. דאָך דאָס האָט איהר ניט געשטערט אין צוויי שעה אַרום שטרענג איהר אויסצורייִדען, פאַר וואָס זי איז ניט געקומען ביים ערשטען קלונג פון גלעקעל. און קריסטאָף, וואָס האָט גע־ברענט מיט ליעבע צו אַלע מענשען, און איז נעגאַנגען א שטיק אַרום, אבי נאָר ניט צו צערטרעטען א חיה׳לע, איז גע־ווען פול מיט גלייכגילטיגקייט צו זיין אייגענער פאַמיליע. דורך א זאַנדערבאַרע רעאַקציע, איז ער געווען אַלץ קעלטער און טרוקענער צו זיינע אייגענע, וואָס מעהר הארציגקייט ער האָט אַרויסגערופען צו פרעמדע: ער האָט קוים געטראַכט וועגען זיי; ער האָט גערעדט מיט זיי בייז, און האָט זיי גע־

זעהן מיט גאַנץ ווייניג חשק. זייערביידענס גוטסקייט איז געווען נאָר פון צופיעל צערטליכקייט, וואָס האָט פון צייט צו צייט זיך אריבערגעגאָסען איבער די כלים, און פון וועלכער דער ערשטער, צופעליגער פארבייגעהער האָט געגאָסען. מיט אויסנאהם פון אזוינע קריזיסען זיינען זיי געווען נאָך מעהר עגאָאיסטיש ווי געוועהנליך; ווארום זייער גייסט איז געווען פול נאָר מיט איין איינציגען געדאנק, און אלץ האָט זיך געדרעהט ארום איהם.

וואָס פאר א פלאַץ האָט אין קריסטאָף'ס לעבען פאר־נומען די געשטאלט פון אָט דער יונגער מיידעל! וואָס פאר אן אויפרעגונג, ווען זוכענדיג איהר אין גאָרטען, פלעגט ער באמערקען פון ווייטענס די ווייסע קליידעל; — ווען אין טעאטער, זיצענדיג עטליכע טריט ווייט פון זייערע נאָך פוסטע, פלעגט ער דערהערען דעם סקריפּ פון די טיר פון זייער לאזשע און די לאכענדיגע שטים, וואָס ער האָט אזוי גוט געקענט; — ווען ער פלעגט אין א פרעמדען גע־שפּרעך צופעליג דערהערען ווי מען דערמאָנט דעם טייערן נאָ־מען פון קעריך! ער פלעגט בלאס און רויט ווערן; אין פארלויף פון אייניגע מינוטען פלעגט ער מעהר קיין זאך ניט הערען און ניט זעהן. און באלד נאָכדעם פלעגט א שטראָם פון בלוט זיך צוגיסען איבער זיין גאנצען קערפּער, א בעפאָל פון אומבאקאנטע כחות.

אָט די קליינע, נאַיווע און תאוה'דיגע דייטשקע האָט געוואוסט פון זונדערבארע קונץ־שטיק. זי האָט אוועקגעלייגט איהר רינג אויף א קופּקע מעהל און זיי האָבען געמוזט מיט די ציינער עס אראָפּנעהמען פון דאָרט איינער נאָך'ן אנדערן און ניט ווייס מאכען די נאָז. אדער זי האָט דורכגעצויגען א פאָדים דורך א סוכארקע, און יעדער פון זיי האָט גענומען א

ברעג פון פּאַדים אין מויל ; און עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגן דעם, קייענדיג דעם פּאַדים, וואָס שנעלער צו צוקו־מען צו דער סוכארקע און עס אָפּצובייסען. זייערע פינמ'ער פלעגען זיך דערביי אַלץ מעהר דערנעהענטערן ; זייער אָטעם פלעגט זיך דורכמישען ; זייערע ליפּען — זיך אָנריהרען ; זיי פלעגען לאַכען מיט א געמאַכטען געלעכטער, און זייערע הענט פלעגען ווערן אייזקאַלט. קריסטאָף'ן פלעגט באַפאַלען א פאַרלאַנג צו בייסען, און וועה צו טאָן ; ער פלעגט זיך אַ כאַפּ טאָן צוריק, און זי פלעגט לאַכען ווייטער מיט א גע־מאַכטען געלעכטער. זיי פלעגען זיך דאַך אָפּקעהרען איינער פון אַנדערן, זיך מאַכען בלומרשט גלייכגילטיג און שטילער־הייט כאַפּען א בליק איינער אויפ'ן אַנדערן.

אָט די אונרוהיגע שפּיעלען האָבען געהאַט פאַר זיי אַן אויפרעגענדע צוציהונגס־קראַפט : זיי פלעגען עס זוכען און וויבען דערפון. קריסטאָף האָט מורא געהאַט פאַר דעם, און האָט שוין בעסער פאַרגעצויגען אַזוינע אָנגעצויגענע באַגע־גענישען, ביי וועלכע פרוי פאָן קעריך אָדער ווער אַנדערש איז געווען אַנוועזענד. קיינעמ'ס אונפּאַסיגע אַנוועזענהייט האָט ניט געקאָנט שטערן די אונטערהאַלטונג פון זייערע פאַרליעבטע הערצער ; שטערונגען האָבען עס געמאַכט נאָך שטאַרקער און זיסער. אַלץ האָט דאַמאָלט ביי זיי באַקומען א גרויסען ווערט : א וואָרט, א דרעה מיט די ליפּען, א בליק זיינען געווען גענוג צו מאַכען דורך־שיינען דורך דעם באַנאַלען שלייער פון זייער וואָכעדיגער עקסיסטענץ דעם רייכען, נאָך ניט אָנגעריהרטען אוצר פון זייער אינעווייניגסטען לעבען. נאָר זיי אַליין האָבען עס געקאָנט זעהן : אַזוי, ווייניגסטענס, האָבען זיי געמיינט, און געלאַכט גליקליכע מיט זייער קליינעם סוד. צוהערענדיג זיך צו זייערע ווערטער, האָט מען ניט

געקאָנט באמערקען מעהר ווי א געוויינליכען סאלאן־געשפרעך וועגען גלייכגילטיגע זאכען; פאר זיי אבער איז עס געווען דאָס אייביגע ליעד פון ליעבע. זיי האָבען געלייענט די אם שנעלסטען פארבייגעהענדע ענדערונגען אין זייער געזיכטס־שטריכען און שטים, ווי פון אן אָפענעם בוך; זיי וואָלטען גע־קענט אזוי לייענען, אויך מיט פארמאַכטע אויגען; ווארים זיי האָבען נאָר געדארפט זיך צוהערען צו דעם אייגענעם הארצען, כדי דאָרט צו הערען דעם אָפקלאנג פון הארצען פון זייער געליעבטען. זיי זיינען געווען פול אריבער מיט פערטרויען אין לעבען, אין גליק, אין זיך. זיי האָבען גע־ליעבט, געווען געליעבט, געווען גליקליך אָהן א שאָטען, אָהן צווייפעל, אָהן זארג וועגען דער צוקונפט. א, די וואונדערבארע לויטערקייט פון אָט די פריהלינגס טעג! קיין איין וואָלקען אין הימעל, א גלויבען, וואָס איז אזוי פעסט! עס האָט אויס־געוויזען, דאָס קיין זאך וועט איהם קיינמאָל ניט באפלעקען. א פרייד, וואָס איז פול, דאָס קיין זאך האָט איהר ניט גע־קאָנט אויסשעפען. צי האָבען זיי געליעבט? צי האָבען זיי געטרוימט? געוויס, זיי האָבען געטרוימט. קיין זאך איז ניט געווען געמיינזאם צווישען דעם לעבען און זייערע טרויי־מען. קיין זאך ניט, נאָר אין אָט דער שעה פון כשוף זיינען זיי אליין געווען ניט מעהר ווי א טרוים: זייער לעבען איז געווען צושמאָלצען אין דעם הויך פון ליעבע.

עס האָט ניט גענומען לאַנג פאַר פרוי פאָן קעריך צו באַ־מערקען זייערע קליינע פאַרשטעלענישען, וועלכע זיי האָבען געהאַלטען פאַר זעהר קונציג, אָבער וועלכע זיינען געווען באמת ניט געראָטען. מינא האָט באַקומען א שטיקעל פאַר־דאַכט, זינט איהר מוטער איז איינמאָל אַריין אונערוואַרטעט, ווען זי האָט גערעדט מיט קריסטאָף'ן אַביסעל נאָהענטער ווי עס פּאַסט זיך, און ווען ביים קלאַפּ פון טיר זיינען זיי זיך צולאָפען איינער פון אַנדערן שטאַרק צומישטע. פרוי פאָן קעריך האָט זיך געמאַכט ווי זי וואָלט קיין זאַך ניט באַמערקט. מינא'ן האָט עס כמעט פאַרדראָסען. איהר האָט זיך געוואָלט האָבען א קאַמפּף מיט דער מוטער: דאָס וואָלט דאָך געווען ראָמאַנטישער.

איהר מוטער האָט זיך אָבער גוט געהיט ניט צו געבען איהר פאַר דעם קיין געלעגענהייט: זי איז געווען צו קלוג זיך צו בעאונרוהיגען אָדער איהר צו מאַכען א באַמערקונג וועגען דעם. זי האָט אָבער פאַר מינא'ן גערעדט וועגען קריס־טאָף'ן מיט איראָניע, מאַכענדיג חוזק אָהן רחמנות פון זיינע לעכערליכע זייטען: זי האָט איהם פאַרניכטעט אין עטליכע ווערטער. זי האָט דערביי קיין חשבונות ניט געמאַכט; זי האָט עס געטאָן אינסטינקטיוו, מיט דער נאַטירליכער פאַלש־קייט פון א גוטער פרוי, וואָס פאַרטיידיגט איהר אייגענס: מינא האָט געמענט זיך שטעלען אַנטקעגען, זיך בלאָזען, זיין גראָב און אָפּלייקענען די ריכטיגקייט פון איהרע באַמער־קונגען: זיי זיינען פאַרט געווען ריכטיג; און פרוי פאָן קעריך

האָט פאַרמאָגט אַ גרויזאַמע קונסט צו טרעפען אין שוואַכ־טען פּונקט. קריסטאָף׳ס גרויסע, גראָבע שטיוועל, זיינע מיאוסע קליידער, זיין שלעכט אויסגעפּוצטער הוט, זיין קליינשטעטעלדיגע שפּראַך, זיין לעבערליכער זאַרט באַגריסען זיך, זיין הויכער, וואולגאַרער לאַכען, קיין זאַך איז ניט פאַרגעסען געוואָרען, וואָס עס האָט געקאָנט אָנריהרען מי־נאַ׳ס זעלבסטליעבע; עס זיינען שטענדיג געווען נאָר איינ־פאַכע באַמערקונגען, אַרויסגעזאָגט לאַחר יד; קיין מאָל האָט עס ניט אָנגענומען די פאָרמע פון אַ אָנקלאַגע; און ווען מינאַ פלעגט זיך פּיהלען געקריינקט און זיך שטעלען דיבאָם צו ענטפערן, פלעגט פרוי פאָן קעריך גאָר אין אַ אונשולדיגען טאָן ריידען וועגען גאַנץ אַנדערע זאַכען. אָבער דער פייל פלעגט בלייבען שטעקען און מינאַ פלעגט זיין געטראָפען.

זי האָט אָנגעהויבען צו קוקען אויף קריסטאָף׳ן מיט אַ וויניגער צערטליכען בליק. ער האָט עס אונקלאָהר גענומען פיהלען און איהר געפרעגט, אַז אונרוהיגער:

— „פאַרוואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי?“

זי האָט געענטפערט:

„אַזוי זיך“!

אָבער אין אַ מינוט אַרום, ווען ער איז שוין געווען הייט־ליך, האָט זי איהם בייז אויסגערעדט, פאַר וואָס ער לאַכט אַזוי הויך. ער איז געוואָרען אַ צומישטער, ווארום קיין מאָל איז איהם גאָר ניט איינגעפאַלען, אַז ער זאָל זיך דאַרפען קאָנטראָלירען פאַר איהר, ווען ער לאַכט: די גאַנצע פרייד

איז געווען צושטערט. אָדער, ווען ער האָט געפּלוידערט, זיך פאַרגעסענדיג אַן אַלץ, האָט זי אַ פאַרטראַכטע איהם פּלוצלינג איבערגעריסען צו מאַכען אַ ניט־פריינדליכע באַמערקונג ווע־גען זיין טואַלעט; אָדער זי האָט פאַרריכט זיינע פּראָסטע אויסדריקע מיט אַ פּעדאַנטישער בייזקייט. ער האָט פאַרלאָ־רען דעם חשק בכלל עפּעס צו ריידען, און איז צייטענווייז געווען גאַנץ גראָב. נאָכהער האָט ער זיך גענומען איינריי־דען, אַז דאָס וואָס זיינע מאַניערען מאַכען איהר בייז, איז אַ באַווייז, וואָס פאַר אַ גרויסען אינטערעס מינאַ נעהמט אין איהם; און זי האָט זיך אויך איינגערעדט אַזוי. ער האָט אונטערטעניג געפּרובירט זיך צו באַנוצען דערמיט. זי אָבער האָט איהם דאַפיר ניט געדאַנקט, וואָרום דאָס האָט איהם זעלטען ווען זיך איינגעגעבען.

אבער ער האָט ניט געהאַט קיין צייט — און אויך מינאַ ניט — צו באַמערקען די ענדערונג, וואָס איז פאַרגעקומען אין איהר: פּסח איז געקומען, און מינאַ האָט געזאָלט מאַכען מיט דער מוטער אַ קליינע רייזע צו קרובים ניט ווייט פון ווייכּאַר.

אין דער לעצטער וואָך פאַר דער צושיידונג, האָבען זיי ווידער געפונען די שטימונג פון דער ערשטער וואָך. מיט אויסנאַהם פון עטליכע קליינע באַמערקונגען, איז מינאַ גע־ווען הארציגער ווי ווען עס איז: דעם אָווענט פאַר'ן אָפּפאָהרען האָבען זיי געמאַכט אַ לאַנגען שפּאַציר אין גאַרטען; זי האָט געהיימניספול קריסטאָף'ן אוועקגעשלעפּט טיעף צווישען די געדיכטע ביימער, און איהם אויפגעהאַנגען אויפ'ן האַלז אַ פאַרפומירטע זיידענע בייטעל, אין וועלכע זי האָט אריינגע־לייגט אַ לאָקען פון איהרע האָר. זיי האָבען פון דאָס נייע זיך געשוואָרען אייביגע טרייהייט, און פאַרשפּראָכען יעדען

טאָג צו שרייבען איינער צום צווייטען; אין הימעל האָבען זיי אויסגעקליבען אַ שטערן, וואָס זאָל קוקען אויף זיי ביי־דען יעדען אַוועגט צו דער זעלבער צייט.

דער אונגליקליכער טאָג איז געקומען. צעהנמאָל האָט ער זיך געפרעגט אין פאַרלויף פון דער נאַכט: „וואו וועט זי מאָרגען זיין?" און איצט האָט ער געטראַכט: „היינט איז עס; היינט אין דער פריה איז זי נאָך דאָ; היינט אין אָווענט וועט זי שוין מעהר ניט זיין." נאָך פאַר אַכט אַזייגער איז ער אַוועק צו איהר. זי איז נאָך ניט געווען אויפגעשטאַנען. ער האָט געפּרובירט זיך אַרום דרעהען אין גאָרטען; ער האָט ניט געקאָנט, און איז געקומען צוריק. די קאָרידאָרען זיינען געווען פול מיט קאַסטענס און טשעמאָדאַנעס. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל פון צימער, זיך צוהערענדיג צו דעם קלאַפּען פון די טירען און צום גערויש פון די פּאָדלאָגע, דערקענענדיג די טריט, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען הין און צוריק אויפ'ן אויבערשטען עטאַזש. פרוי פאָן קעריך איז פאַר־ביי געגאַנגען; איהם בערזעהענדיג, האָט זי אַ ליכטען שמייכעל געטאָן און, זיך ניט אָפּשטעלענדיג, איהם צוגעוואָרפען אַ שפּאַטישען גוט מאָרגען. ענדליך האָט זיך מינא באַוויזען. זי איז געווען בלייך, און איהרע אויגען זיינען געווען פאַר־שוואָלען; זי האָט די נאַכט געשלאָפען אַזוי וועניג ווי ער: מיט אַ וויכטיגער מינע האָט זי געגעבען באַפעהלען צו די דיענסטען; זי האָט קריסטאָף'ן דערלאַנגט די האַנט, ריי־דענדיג ווייטער מיט דער אַלטער פרידאַ. זי איז שוין געווען

פארטיג צו דער רייזע. פרוי פאַן קעריך איז געקומען צוריק. זיי האָבען ביידע זיך דורכגערעדט וועגען אַ שאַכטעל פון אַ הוט. מינא האָט אויסגעוויזען גאָר ניט צו באַמערקען קריסטאָף'ן, וועלכער איז געשטאַנען ביים קלאַוויר פארגעסען און אונגליקליך. זי איז ארוים מיט דער מוטער, און איז באַלד צוריקגעקומען; פון שוועל האָט זי נאָך עפּעס צוגעשריען צו פרוי פאַן קעריך. זי האָט פארמאַכט די טיר. זיי זיינען געווען אַליין. זי איז צוגעלאָפען צו איהם, אַנגעכאַפּט איהם פאר'ן האַנט און אריינגעשלעפּט אין צווייטען קליינעם צימער, וואו די פאָרהאַנגען זיינען געווען אראָפּגעלאָזען. דאָרט האָט זי פּלוצלונג צוגעדריקט איהר געזיכט צו קריסטאָף'ס און קרעפּ־טיג, מיט אַלע כחות, איהם אַנגעהויבען קושען. זי האָט געפרעגט וויינענדיג:

„פארשפּרעכסטו מיר, פארשפּרעכסטו מיר, אַז דו וועסט מיך אייביג ליעבען?“

זי האָט געכליפּעט גאַנץ שטיל, מאַכענדיג קאָנוואולסי־ווע אַנשטרענגונגען, אַז מען זאָל עס ניט הערען. ביי דעם גערויש פון טריט, זיינען זיי זיך פארנאַנדערגעגאַנגען. מינא האָט אויסגעטריקענט די אויגען, און האָט ווידער ארויפּ־געצויגען אויף זיך די וואַזשנע האַלטונג געגען די דיענס־טען; איהר שטים האָט אָבער געציטערט.

עס האָט זיך איהם איינגעגעבען צוצונעהמען איהר טי־כעל, וואָס זי האָט אראָפּגעוואָרפען: דאָס קליינע, בלאָטיגע, פון טרעהרען נאַסע טיכעל.

ער האָט באַגלייט זיינע פריינדינען אין זייער קאַרעטע ביז צום וואַקזאַל. זיצענדיג איינער אַנטקעגען דעם אַנדערן, האָבען די ביידע קינדער קוים געוואַגט צו קוקען איינער אויפ'ן צווייטען, מורא האָבענדיג, אַז זיי זאָלען ניט אויספּלאַצען מיט

א געוויין. זייערע הענט האבען זיך געטראָפען א ווײלע, און זיך געדריקט ביז שמערצען. פרוי פאָן קעריך האט גוטמו־טיג זיך צוגעקוקט צו זיי, און זיך געמאכט, ווי זי מערקט גאָר ניט.

ענדליך האָט די שטונדע געשלאָגען: קריסטאָף איז גע־שטאנעןביים טיר פון וואגאָן, און ווען דער צוג האָט זיך גענומען ריהרען, איז ער נאָכגעלאָפען ביים זייט פון וואגאן, זיך ניט ארום קוקענדיג, זיך אָנשטויסענדיג אויף די באהן־אָנגעשטעלטע, די אויגען אויסגעשטעלט אויף מינא׳ס וואָ־גאָן, ביז דער צוג איז פארביי. ער איז נאָך אלץ געלאָפען וויטער, ביז עס איז שוין קיין זאך מעהר ניט געווען צו זעהן. דאמאָלט איז ער געבליבען שטעהן אָהן אָטעם; און האָט זיך ווידער געפונען אויפ׳ן וואקזאל אין מיטען פון גלייכגיל־טיגע מענשען. ער איז אוועק צוריק אהיים, וואו קיינער איז צום גליק ניט געווען; און א גאנצען פריהמאָרגען האָט ער געוויינט.

צום ערשטען מאָל האָט ער זיך דערוואוסט, וואס עס הייסט דער שוידערליכער שמערץ פון צושיידונג: אַן אונער־טרעגליכע מאַטערניש פאר אַלע ליעבענדע הערצער. די וועלט איז פוסט, דאָס לעבען איז פוסט, אַלץ איז פוסט. עס דריקט דאָס האַרץ; מען קען מעהר ניט אָטעמען: עס איז אַ מין גסיסה־געפיהל; עס ווערט כמעט אוממעגליך צו לעבען, באַ־זונדערס, ווען אַרום און אַרום בלייבען די מאַטעריעלע שפור־רען פון דער פארשוואונדענער געליעבטער; ווען די אַלע זאַכען אַרום דערמאָנען שטענדיג אָן איהר; ווען מען פאַר־בלייבט אין דערזעלבער סביבה, וואו מען האָט צוזאַמען פאַרבראַכט; ווען מען שטרענגט זיך אָליין אָן ליידענשאַפט־ליך אָפּצופרישען ווידער אויפ׳ן זעלבען אָרט דאָס פאַר־שוואונדענע גליק. דאַמאָלט איז עס, ווי אַ תהום וואָלט זיך עפענען אונטער יעדען טריט: מען בויגט זיך אריבער, עס הויבט אָן צו שווינדלען, עס דאַכט זיך, אַז מען פאַלט; און מען פאַלט. מען מיינט, אַז מען זעהט דעם טוידט אין פנים; און מען זעהט איהם טאַקי באמת: די צושיידונג איז נאָר איינע פון זיינע מאַסקען. מען זעהט לעבעדיגערהייט, ווי דאָס טייערסטע, וואָס דאָס האַרץ פאַרמאָגט, פאַרשווינדעט: דאָס לעבען ווערט פאַרלאָשען; עס בלייבט נאָר אַ שוואַרצע לאָך, גאַרנישט.

קריסטאָף פלעגט באַזוכען אַלע טייערע ערטער, און האָט נאָך מעהר געליטען. פרוי פאָן קעריך האָט איהם איי־בערגעלאָזען דעם שליסעל פון גאָרטען, כדי ער זאָל קענען

דאָרט שפּאַצירען, בעת זיי וועלען ניט זיין. נאָך אין זעלבען טאָג האָט ער זיך אומגעקעהרט אין גאַרטען, און געמיינט, אַז ער ווערט דערשטיקט פון הארץ־ווייטאָג. געהענדיג אהין, האָט ער געמיינט צו געפינען עפּעס וואָס פון דער, וואָס איז אָפּגעפּאָהרען; און ער האָט געפונען נאָך צופיעל; איהר בילד האָט דאָרט ארומגעשוועבט איבער אלע גראָז־פלעצער; ביי יעדען עק פון אַן אלייע האָט ער ערוואַרט, אַז זי וועט זיך באַווייזען; ער האָט געוואוסט, אַז זי קען זיך ניט באַ־ווייזען; אבער ער האָט זיך אליין געמאַטערט זיך צו אי־בערצייגען פאַרקעהרט, אויפצוזוכען די שפּורען פון זיינע ליעבע־זכרונות: דער וועג צום לאַבירינט, די טעראַסע, וואָס איז פון גליצינען ארומגעהאַנגען, די באַנק אין דער בעסעד־קע; און ער האָט זיך אליין ניט אויפגעהערט צו פּייניגען, איבער'חזר'נדיג: „עס איז געווען פאַר אַכטאָגען... עס איז געווען מיט דריי טעג צוריק. אָט דאָ איז עס געווען, נעכטען איז זי דאָ געווען... זאָגאַר היינט אין דער פריה...“ ער האָט זיין הארץ געמאַטערט מיט די געדאַנקען, ביז ער האָט געמוזט אויפהערן, פיהלענדיג, אַז ער געהט אוים מיט די כחות, אַז ער האַלט ביים שטאַרבען. צו זיין טרויער האָט זיך צוגעמישט אויך אַ כעס אויף זיך אליין, פאַר די גאַנצע, אומזיסט פאַר־לאָרענע, צייט, וועלכע ער האָט ניט אויסגענוצט. אזוי פיעל מינוטען, אזוי פיעל שטונדען, ווען ער האָט גענאָסען דאָס אונענדליכע גליק איהר צו זעהן, איהר אין זיך איינצוזאָפּטע־מען, זיך צו דערקוויקען מיט איהר! און ער האָט עס ניט אָפּגעשאַצט! ער האָט געלאָזען די צייט פאַרביינעהן, זיך ניט דערקוויקענדיג מיט יעדער סעקונדע! און איצט!... איצט איז שוין צו שפּעט... מען קען שוין ניט גוט מאַכען!... מען קען שוין ניט גוט מאַכען!...

ער איז ווידער אוועק אהיים. זיין פאַמיליע איז איצט געווען פאַר איהם שרעקליך. ער האָט ניט געקאָנט אריבער־טראָגען זייערע פּנים'ער, זייערע העוויות, זייערע נאַרישע געשפּרעכען, שטענדיג די זעלבע ווי נעכטען, די זעלבע ווי אין די פריהערדיגע טעג, ווען זי איז נאָך געווען דאָ. זיי האָבען זיך געפיהרט ווי געוועהנליך, אזוי ווי אזא גרויסער אומ־גליק וואָלט גאָר ניט פאָרגעקומען הארט לעבען זיי. אויך די שטאָדט האָט גאָר ניט געפיהלט. די מענשען זיינען געגאַנגען צו זייערע באַשעפטיגונגען לאָבענדיג, טומעלדיג, פאַרטאָגנע, די גרילען האָבען געפּישצעט; דער הימעל האָט געשטראַהלט. ער האָט זיי אַלעמען געהאַסט; און זיך געפיהלט פון אַלע־מענס עגאָזים צומאַלען. אבער ער אַליין איז געווען עגאָיס־טישער, ווי די גאַנצע וועלט. קיין זאַך האָט פאַר איהם קיין ווערדע ניט געהאַט. ער האָט קיין שום גוטסקייט מעהר ניט געהאַט, האָט קיינעם ניט האַלט געהאַט.

ער האָט פערבראַכט קלאָגעדיגע טעג. זיינע באַשעפ־טיגונגען האָבען איהם אויטאָמאַטיש ווידער אריינגעצויגען; אבער ער האָט מעהר ניט געהאַט דעם מוט צו לעבען.

איין מאָל אין אָווענט, ווען ער איז מיט זיין פאַמיליע געזעסען ביים טיש א שטומער און נידערשלאָגענער, האָט דער בריעף־טרעגער אָנגעקלאַפּט אין טיר, און איהם דער־לאַנגט א בריעף. זיין הארץ האָט דעם בריעף דערקענט, נאָך איידער ער האָט דערזעהן די האַנטשריפט. פיער פאָר אויגען זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף איהם מיט א ניט פאַר־דעקטער נייגעריגקייט, וואַרטענדיג, אז ער זאָל דעם בריעף דורכלייענען, און זיך אָנכאַפּענדיג פאַר די האָפנונג צו געפינען א צערשטרייאונג פון זייער געוועהנליכער לאַנגוויי־ליגקייט. ער האָט אוועקגעלייגט דעם בריעף לעבען זיין טע־

לער א ניט געעפענטעז, זיך מאכענדיג גאָר גלייכגילטיג דער־צו, אזוי ווי ער וואָלט געוואוסט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך. דאָך זיינע ברידער, זייענדיג פאראינטערעסירט, האָבען איהם ניט געגלויבט, און ווייטער איהם נאָכגעקוקט מיט פאָרשענדע בליקען; און אזוי האָט ער זיך געפייניגט ביז צו ענד פון עסען. ערשט דאמאָלט איז ער געווען פריי זיך צו פארמאכען ביי זיך אין צימער. זיין הארץ האָט געקלאפּט אזוי שטארק, אז ער האָט דעם בריעף כמעט צעריסען עפע־נענדיג; אבער ווי נאָר ער איז דורכגעלאָפען די ערשטע ווער־טער, האָט א פרייד איהם באהערשט.

דאָס זיינען געווען עטליכע, זעהר ליידענשאפטליכע שורות, וועלכע מינא האָט געשריבען באהאלטענערהייט. זי האָט איהם אָנגערופען: „טייערער קריסטל“; האָט איהם דערצעהלט, אז זי האָט זעהר פיעל געוויינט; אז זי האָט יעדען אָוועגט, וואָס זי האָט פארבראכט אין פראנקפורט, געקוקט אויף די שטערען; אז פראנקפורט איז א גרויסארטי־גע שטאָדט, וואו עס געפינען זיך וואונדערבארע קראמען; אבער אז זי קוקט אויף קיין זאך ניט, ווייל זי טראכט נאָר וועגען איהם. זי האָט איהם דערמאָנט, אז ער האָט געשוואָ־רען צו בלייבען טריי צו איהר און קיינעם ניט צו זעהן, כל זמן זי איז ניטאָ, כדי ער זאָל קענען טראכטען נאָר פון איהר אליין. זי האָט געוואָלט, אז ער זאָל ארבייטען די גאנצע צייט, וואָס זי איז ניטאָ, כדי ער זאָל ווערען באריהמט, און זי — צוזאמען מיט איהם. זי האָט געענדיגט מיט דער פראגע: צי טראכט ער נאָך וועגען דעם קליינעם זאַל, אין וועלכען זי האָט זיך מיט איהם געזעגענט אין דעם פריהמאָרגען פאר איהר אָפּרייזען? און זי האָט איהם געבעטען נאָך אמאָל אריבער צו געהן אהין; זי האָט איהם פארשפּראָכען אין איה־

רע געדאַנקען דאָרט נאָך אַמאָל צו זיין, און איהם נאָך אַמאָל צו זאָגען אַזאַ „זיי געזונט“. זי האָט זיך אונטערגעשריבען: „אייביג דיינע! אייביג!“... זי האָט נאָך צוגעשריבען אַ הוספה, געבענדיג איהם אַן עצה אַז ער זאָל זיך צו קויפען אַ שטרויענע הוט, אַנשטאָט זיין העסליכע פילצענע — „אַלע עלעגאַנטע מענשען טראָגען עס דאָ.“ אַ גראָב געפלאָכטענע שטרוי־הוט מיט אַ ברייטען, בלויען באַנד.“

קריסטאָף האָט דורכגעלייענט דעם בריעף פיער מאָל, איידער ער האָט איהם אין גאַנצען פאַרשטאַנען. ער איז געווען ווי באַטויבט, און מעהר ניט געפונען קיין כח צו זיין גליקליך; פּלוצלונג האָט ער זיך דערפיהלט אַזוי פאַרמאַטערט, אַז ער האָט זיך געמוזט אַוועקלייגען, לייענענדיג און קושענדיג דעם בריעף פון דאָס ניי. ער האָט איהם אַוועקגעלייגט אונטער'ן קאָפּ־קישען, טאַפּענדיג שטענדיג מיט דער האַנט, צו ער איז דאָרט דאָ. און אונאויסשפּרעכליכער גליק האָט איהם באַהערשט. ער איז אָפּגעשלאָפען אין איין אָטעם ביז אויף מאָרגען.

זיין לעבען איז געוואָרען ערטערגליכער: מינאַ'ס טרייע געדאַנקען האָבען געשוועבט אַרום איהם: ער האָט זיך אַוועקגעזעצט איהר ענטפערן, אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין רעכט איהר צו שרייבען פריי; ער האָט געמוזט באַהאַלטען, וואָס ער פיהלט; דאָס איז געווען שמערצליך און שווער. ער האָט זיך געפלייסט שלעכט צו פאַרדעקען זיין ליעבע אונטער די פאָרמען פון צערעמאָניעלע העפליכקייטען, וועלכע ער האָט אַזוי ניט געשיקט און אויפ'ן קאָמישסטען אופן געברויכט.

אָפּשיקענדיג דעם בריעף, האָט ער גענומען וואַרטען אויף מינאַ'ס ענטפער, און נאָר געלעבט מיט דער ערוואַרטונג. כדי זיך אַנצוקלייבען מיט געדולד, האָט ער געפּרובירט געהן שפּאַ־

צירען און לעזען; אבער ער האָט נאָר געטראַכט וועגען מי־נאָ'ן, און ער פלעגט האַלטען אין איין איבער'חזר'ן איהר נאָמען מיט דער עקשנות פון א מאַניאַק; ער האָט פאר דעם נאָמען באַקומען אַזא געצענדינגערישע ליעבע, אז ער האָט אָנגעהויבען שטענדיג ארומצוטראָגען ביי זיך אין קעשענע א באַנד פון לעסינגס ווערק, ווייל דאָרט געפינט זיך דער נאָ־מען מינא; און יעדען טאָג, געהענדיג פון טעאַטער, פלעגט ער אויפלייגען א שטיק וועג, כדי פארבייצוגעהן פאר א גאַלאַנט־ריי־געשעפט, אויף וועמעס שילד עס זיינען געווען אויפגע־שריבען די פיער געליעבטע אותיות.

ער האָט זיך געמאַכט פארוואורפען, פאר וואָס ער צוגיישעט די צייט, בעת זי האָט איהם אזוי שטרענג באַפוי־לען צו ארבייטען, כדי איהר באַריהמט צו מאַכען. דער נאַי־ווער עגאָיזם פון דער בקשה האָט איהם גערירט ווי א ציי־כען פון איהר צוטרוי. כדי איהר וואונש צו ערפילען, האָט ער באַשלאָסען צו שרייבען א ווערק, וואָס זאָל ניט נאָר זיין געווידמעט צו איהר, נאָר טאַקי זיין געהייליגט פאר איהר. גאַנץ נאַטירליך האָט ער איצט קיין אַנדער זאַך ניט געקאָנט טאָן. קוים האָט ער אויפגעשטעלט א פּלאַן פאר דעם, ווי עס האָבען גענומען שטראָמען ביי איהם מוזיקאַלישע געדאַנ־קען. עס איז געווען ווי א וואַסער־קוואַל, וואָס האָט חדשים־לאַנג זיך צוזאַמענגעקליבען אין איין רעזערוואואר, און וואָס רייסט פּלוצלינג זיך דורך, פארניכטענדיג אַלע דאַמבעס. אכט טעג נאַכאַנאַנד האָט ער ניט פארלאָזען זיין צימער. לואיזע פלעגט אוועקשטעלען דאָס עסען ביי דער טיר; וואָ־רום ער האָט אפילו איהר ניט אריינגעלאָזען.

ער האָט געשריבען א קווינטעט פאר קלאַרנעט און סטרוּ־

נע־אינסטרומענטען. דער ערשטער טייל איז געווען אַ געדיכטע, פול פון האָפענונג און יוגנט־פאַרלאַנגען ; דער צווייטער טייל אַ ליעבע־שפּאַס, פון וועלכען עס האָט ערטערווייז זיך אַרויס־געוויזען קריסטאָף'ס ווילדער הומאָר. אבער דאָס גאַנצע ווערק איז געשריבען געוואָרען צוליעב דאָס צווייטע שטיק, דאָס ל אַ ג ר ע ט אַ, אין וועלכען קריסטאָף האָט געמאָלען אַ קליינע, פייערינע און קינדישע נשמה, וואָס עס איז געווען — אָדער וואָס האָט געזאָלט זיין — מינאַ'ס פּאָרטרעט. קיינער וואָלט איהר ניט דערקענט אין דעם ; זי אליין — ווייניגער ווי ווער עס איז ; דער עיקר איז אבער געווען, וואָס קריס־טאָף האָט איהר אין דעם פאָלשטענדיג דערקענט ; און אַ ציט־טער פון גליק האָט איהם אַרומגעכאַפּט ביי דעם געדאַנקען, אַז ער האָט אַזוי באַהערשט די פּערזאָן פון זיין געליעבטער. קיין אַרבייט האָט איהם זיך ניט איינגעגעבען אַזוי לייכט, און איהם ניט געמאַכט פיהלען אַזוי גליקליך: דאָס האָט זיך פאַרנאַנדערגעגאָסען די צופיעל ליעבע, וואָס האָט זיך אָנ־געקליבען אין איהם דורך דאָס שיידען זיך מיט איהר ; אין דערזעלבער צייט האָט די זאָרג פאַר דאָס קונסטווערק איהם צוגעגעבען די נויטיגע אַנשטרענגונג, כדי צוזאַמענצובריינגען די ליידענשאַפט אין אַ שעהנער און קלאָהרער פאָרמע ; און איהם געגעבען די גייסטיגע געזונטקייט, דאָס גלייכגעוויכט פון אַלע זיינע כחות, וואָס האָט איהם פאַרשאַפען אויך אַ פיזישען פאַרגניגען. עס איז דער העכסטער גענוס, וועלכען יעדער שאַפענדער קינסטלער קען ; בעת ער שאַפט, איז ער פריי פון דער שקלאַפעריי פון באַגעהר און פון שמערץ ; ער ווערט זייער הערשער. אַלץ וואָס מאַכט איהם, געוועהנליך, צו געניסען, אַלץ וואָס מאַכט איהם צו ליידען, ווייזט איהם אויס ווי דער פרייער שפּיעל פון זיין ווילען. קורצע מאָמענ־

טען! ווארום ער פיהלט נאָכהער נאָך דריקענדער די קייטען פון דער ווירקליכקייט.

אזוי לאַנג ווי קריסטאָף איז געווען פארנומען מיט דער ארבייט, האָט ער קוים געהאַט צייט צו טראַכטען וועגען דעם. וואָס מינא איז ניטאָ: ער האָט מיט איהר געלעבט. מינא איז מעהר ניט געווען אין מינא'ן; זי איז אין גאַנצען געווען אין איהם. אבער ווען ער האָט געענדיגט, האָט ער ווידער אויסגעפונען, אז ער איז אליין, נאָך איינזאמער ווי פריהער, מעהר פארמאַטערט ווי פריהער, אויסגעשעפּט פון דער אנ־שטרענגונג; ער האָט זיך דערמאָנט, אז עס איז שוין אוועק צוויי וואָכען, זינט ער האָט מינא'ן געשריבען, און זי האָט איהם ניט געענטפערט.

ער האָט איהר געשריבען פון דאָס ניי; דעם מאָל האָט ער ניט געקאָנט אין גאַנצען זיך באהערשען, אָפּ־צוהיטען אין גאַנצען דעם צוואַנג, וואָס ער האָט אזוי שטארק געלייגט אויף זיך אין ערשטען בריעף. ער האָט אין א שפּאָס פארגעווארפען מינא'ן — ערנסט האָט ער אליין ניט געגלויבט אין דעם — אז זי האָט איהם פארגעסען. ער האָט זיך אויסגעבייזערט פאר איהר פוילקייט, און האָט צערטליך זיך געררייצט מיט איהר. ער האָט גערעדט וועגען זיין ארבייט זעהר געהיימניספול, כדי צו ער־וועקען איהר נייגעריגקייט, און כדי איהר צו מאכען אן אי־בערראשונג, ווען זי וועט קומען צוריק. ער האָט מיט אלע פּרטים באשריבען די הוט, וואָס ער האָט זיך געקויפט; און ער האָט דערצעהלט, אז כדי צו ערפילען די באפעהלען פון זיין קליינער דעספּאָטין — ווארום ער האָט אין בריעף אויס־געמיטען אלע פּרעטענזיעס — זיצט ער די גאַנצע צייט אין דער היים און האָט זיך ערקלעהרט פאר קראַנק, אויסצומיידען

אַלע איינלאַדונגען. ער האָט אָבער פאַרשוויגען, אַז ער איז אין קאַלטע באַציהונגען צום גרויספירשט אַליין, ווייל פון גרויס התמדה האָט ער זיך ענטזאָגט צו קומען צו אַן אונטערהאַל־טונג אין שלאָס, וואוהין ער איז געווען איינגעלאַדען. דער גאַנצער בריעף איז געווען געשריבען אין אַ גאַנץ פרעהליכען טאָן און פול פון יענע קליינע סודות, וואָס זיינען אַזוי טייער פאַר פאַרליעבטע: ער האָט זיך איינגערעדט, אַז מינאַ אַליין האָט דעם שליסעל דערצו, און ער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גאַנצען חכם, ווייל ער האָט מיט גרויס זאָרג איבעראַל באַ־נוצט אַנשטאָט דאָס וואָרט ליעבע — פריינדשאַפט.

נאָכדעם, ווי ער האָט אָנגעשריבען דעם בריעף, האָט ער אַ קורצע צייט געפיהלט אַ דערלייכטערונג; קודם כל דער־פאַר, ווייל דער בריעף האָט איהם געגעבען די אילוזיע, ווי ער וואָלט זיך אונטערהאַלטען מיט דער, וואָס איז געווען ווייט פון איהם; און מעהר ווי אַלץ, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז מינאַ וועט איהם באַלד ענטפערן. ער איז דערפאַר געווען זעהר געדולדיג אין פאַרלויף פון די ערשטע דריי טעג, וואָס ער האָט באַוויליגט דער פּאָסט צו ברייגגען זיין בריעף צו מינאַ'ן, און מינאַ'ס ענטפער צו איהם. אָבער ווען דער פיער־טער טאָג איז פאַרביי, האָט ער ווייעדער ניט געוואוסט, ווי אַזוי וועט ער קענען לעבען. ער האָט געהאַט ענערגיע און אינטערעס צו זאַכען נאָר אין די שטונדען פאַר יעדער פּאָסט. דאַמאָלט פלעגט ער ציטערן פון אונגעדולד. ער איז געוואָרען אָבערגלויביש, און האָט גענומען זוכען אין די קלענסטע סמנים — אין דאָס קנאַקען פון פייער אין אויווען, אין אַ צופעליג אַרויסגעזאָגטען וואָרט — די פאַרזיכערונג, אַז אַ בריעף וועט קומען. פלעגט אָבער די שעה פאַרביי, אַזוי פלעגט ער ווייעדער אַריינפאַלען אין זיין נידערשלאַגענקייט.

ניטאָ מעהר קיין ארבייט, ניטאָ קיין שפּאַצירען; דער איינ־ציגער צוועק פון לעבען איז נאָר געווען צו וואַרטען אויף די נאָהענטסטע פּאָסט; און די גאַנצע ענערגיע האָט ער פאַר־וועגדעט נאָר אויף דעם, צו געפינען די קראַפט אַזוי לאַנג צו וואַרטען. אבער ווען דער אָווענט פלעגט אָנקומען, און עס איז שוין מעהר קיין האָפנונג ניט געווען אויף דעם טאָג, דאַ־מאָלט פלעגט ער זיך פיהלען אין גאַנצען צוּבראָכען: עס פלעגט איהם זיך דאַכטען, אַז עס וועט איהם מעהר זיך קיין מאָל ניט איינגעבען צו דערלעבען ביז אויף מאָרגען אין דער פריה. ער פלעגט שעה'ן־לאַנג בלייבען זיצען ביים טיש, ניט ריידענדיג, ניט טראַכטענדיג, ניט האָבענדיג אפילו קיין כח זיך אוועקצולייגען, ביז דער לעצטער טראָפּען ענערגיע פלעגט איהם מאַכען זיך אוועקלייגען אין בעט. ער פלעגט אריינפאַ־לען אין אַ שווערען שלאָף פול פון נאַרישע חלומות, וואָס פלעגען איהם מאַכען גלויבען, אַז צו דער נאַכט וועט קיין מאָל קיין סוף ניט קומען.

אָט די שטענדיגע ערוואַרטונג איז מיט דער צייט גע־וואָרען אַ פיזישע פּייניגונג, אַן אמת'ע קראַנקהייט. קריס־טאָף איז דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט אָנגעהויבען חושד זיין דעם פאָטער, די ברידער, דעם בריעף־טרעגער אַליין, אַז זיי האָבען באַקומען דעם בריעף און באַהאַלטען פון איהם. ער איז געוואָרען אויפגעגעסען פון אונרוה. אין מינאַ'ס טריי־קייט האָט ער אַ מינוט ניט געצווייפעלט. אויב זי שרייבט איהם ניט, איז עס, ווייל זי איז קראַנק, האַלט ביים שטאַר־בען, פיללייכט שוין געשטאָרבען. ער האָט־פון דאָס ניי זיך גע־כאַפּט פאַר'ן פעדער, און האָט אָנגעשריבען אַ קורצען בריעף, אַ פּאָר האַרץ־רייסענדע שורות, ניט טראַכטענדיג דעם מאָל אָפּצוהיטען זיינע געפיהלען און די אויסלייגאַכץ.

זיך איילענדיג צו דער פּאָסט, האָט ער אויסגעמעקט שטיקער, אָפּגעווישט דאָס אָנגעשריבענע ביים פּארבייגען א זייט, האָט אויך פארשמירט דעם קאָנווערט ביים פארמאכען: עס איז ניט וויכטיג! ער האָט ניט געקאָנט מעהר וואַרטען ביז דער צווייטער פּאָסט. ער איז געלאָפען אריינוואַרפען דעם בריעף, און האָט געוואַרט אין טויט־שרעק. אין דער צווייטער נאַכט האָט ער דייטליך געזעהן מינא'ן, א קראַנקע, רופענדיג איהם; ער איז אויפגעשטאַנען, און געהאַלטען דערביי זיך אַוועקצולאָזען צו פוס איהר אויסזוכען. אבער אַוואו? וואו קען מען איהר געפינען?

אויפ'ן פיערטען פריהמאָרגען איז ענדליך געקומען א בריעף פון מינא'ן — א האַלבע זייט — קאַלט און בייז. זי האָט געשריבען, אַז זי פארשטעהט ניט, וואָס האָט ביי איהם ארויסגערופען אַזא נאַרישען שרעק; אַז זי פיהלט זיך גוט; אַז זי האָט ניט קיין צייט צו שרייבען; און אַז זי בעט איהם ווייטער זיך ניט אַזוי אויפצורעגען און אויפצוהערען איהר שרייבען בריעף.

קריסטאָף איז געוועזען גאַר ערשטוינט. ער האָט דעם קלענסטען ספק ניט געהאַט וועגען מינא'ס אויפריכטיגקייט. ער האָט זיך אַליין באַשולדיגט, ער האָט געטראַכט, אַז מינא איז אין כעס פאר די ניט־פארזיכטיגע און משוגע'נע בריעף, וואָס ער האָט געשריבען. ער האָט זיך גערופען אידיאָט, און זיך געקלאַפּט מיט'ן פויסט אין שטערן. אבער, וואָס ער זאָל ניט האָבען געטאָן, האָט ער דאָך געמוזט אָנהויבען פיהלען, אַז מינא ליעבט איהם ניט אַזוי, ווי ער ליעבט איהר.

די טעג, וואָס זיינען געקומען נאָך דעם, זיינען געוועזען אַזוי טרויעריג, אַז עס לאָזט זיך גאָר ניט באַשרייבען. גאָר נישט'ן לאָזען זיך ניט באַשרייבען. זייענדיג באַרויבט פון

דאָס איינציגע גוטע, וואָס ער האָט געהאט אין לעבען: פון די בריעף צו מינא'ן, האָט קריסטאָף געלעבט נאָר ריין מע־כאניש; און די איינציגע ארבייט, וואָס האָט איהם נאָך אינ־טערעסירט, איז געווען, ווען ער פלעגט אין אָוועגט, ביים געהן שלאָפען, אויסמעקען ווי א חדר־איינגעל פון זיין לוח איינעם פון יענע אונערטרעגליכע טעג, וואָס שיידען איהם אָפּ פון מינא'ס צוריקקומען.

די צייט, ווען זיי האָבן געדאַרפט צוריקקומען, איז שוין געווען פאַרביי. שוין א וואָך ווי זיי האָבן געדאַרפט זיין דאָ. נאָך זיין נידערשלאָגענקייט איז אויף קריסטאָף'ן איצט געקומען א פיבערהאַפטע אויפרעגונג. מינא האָט איהם פאַרשפּראָכען ביים אפּרייזען, אז זי וועט איהם לאָזען וויסען דעם טאָג און די שעה פון זייער צוריקקומען. ער האָט גע־וואַרט פון מינוט צו מינוט זיי צו דאַרפען באַגעגענען; און ער האָט זיך אויסגעמאַטערט, מאַכענדיג השערות וועגען זייער פאַרשפּעטיגונג.

איין אָוועגט איז איינער פון זייערע שכנים, דעם אַל־טען'ס א פריינד, דער טאַפּעצירער פישער, געקומען צו פאַר־רייכערן א לולקע און זיך דורכצושמועסען מיט מעלכיאָר'ן, ווי ער פלעגט עם עפּטער טאָן נאָכ'ן עסען. קריסטאָף, וועל־כער האָט געהאַלטען אין איין זיך גריזשענען, האָט שוין גע־וואָלט ארויף צו זיך אין צימער, אזוי ווי ער האָט שוין אומ־זיסט אָפּגעוואַרט דעם בריעף־טרעגער, ווען איין וואָרט האָט איהם געמאַכט אויפציטערן. פישער האָט געזאָגט, אז ער מוז מאָרגען גאַנץ פריה געהן צו די קעריך'ס אויפהיינגען פאָרהאַנגען.

— „זיינען זיי שוין דען געקומען?“

„קאַטאָוועסניק! דו ווייסט עס אזוי גוט ווי איך!“ — האָט דער אַלטער פישער געזאָגט מיט שפּאָט — „שוין לאַנג! איירערנעכטען זיינען זיי אהיים געקומען.“

קריסטאָף האָט שוין מעהר קיין זאַך ניט געהערט. ער

האָט פארלאָזען דעם צימער און זיך געקליבען אוועקצוגעהן. זיין מוטער, וואָס האָט איהם זייט איינִיגער צייט שטילער־הייט נאָכגעקוקט, איהם ניט געבענדיג עס צו מערקען, איז איהם נאָכגעגאנגען אין קארידאָר, און געפרעגט א דער־שראָקענע, וואוהין ער געהט. ער האָט גאָר ניט געענטפערט, און איז אוועק. ער האָט שטארק געליטען.

ער איז אוועקגעלאָפען צו די דאמען פאָן קעריך. עס איז געווען ניין אזייגער אין אָווענט. זיי זיינען געווען אין זאל, און האָבען אויסגעוויזען ניט צו זיין פארוואונדערט, וואָס ער איז געקומען; גאנץ רוהיג האָבען זיי איהם געזאָגט „גוט נ'אָווענט." מינא, וואָס האָט געהאלטען אין שרייבען, האָט איהם אויסגעצויגען די האנט איבער'ן טיש, און שריי־בענדיג ווייטער, איהם א פרעג געטאָן, א צערשטרייטע, וואָס הערט זיך עפּעס גוטס? זי האָט זיך אפילו ניט ענטשולדיגט פאר איהר ניט העפליכקייט, און זיך געמאכט, ווי זי וואָלט זיך איינהערען, וואָס ער רעדט; זי האָט איהם אבער באלד איבערגעריסען די רייד עפּעס צו פרעגען ביי דער מוטער. ער האָט געהאט פארבערייט א ריהרענדע רעדע וועגען דאָס אַלץ, וואָס ער האָט דורכגעליטען אין דער צייט, וואָס זיי זיינען ניט געווען: ער האָט אבער קוים געקאָנט ארויסשטאמ־לען עטליכע ווערטער; קיינער האָט זיך ניט אינטערעסירט דערמיט; און ער האָט ניט געהאט דעם מוט ווייטער אנצו־געהן מיט די רייד. — עס האָט געקלונגען אזוי פאלש.

ווען מינא האָט געענדיגט דעם בריעף, האָט זי גענומען א האנטארבייט, זיך אוועקגעזעצט עטליכע טריט ווייטער פון איהם, און האָט אָנגעהויבען דערצעהלען וועגען איהר רייזע. זי האָט גערעדט וועגען די שעהנע וואכען, וואָס זי האָט פאר־בראכט; וועגען איהרע רייט־שפּאצירען, וועגען דעם לעבען

אויפ'ן שלאָס, וועגען דער אינטערעסאנטער געזעלשאפט ; זי איז ביסלאכווייז אריין אין התפעלות, און געמאכט באמער־קונגען וועגען פאסירונגען און מענשען, וועלכע קריסטאָף האָט ניט געקענט, אבער די ערינערונג אָן וועלכע עס האָט ארויסגערופען א שמייכעל ביי איהר און ביי דער מוטער. קריסטאָף האָט זיך אין דער גאנצער געשיכטע געפיהלט אלס פרעמדער ; ער האָט ניט געוואוסט, ווי זיך צו האלטען, און האָט מיטגעלאכט אין פארלעגענהייט. ער האָט ניט געקאָנט אָפרייסען די אויגען פון מינא'ס פנים, בעטענדיג זיך, זי זאָל איהם שענקען א קוק. אבער, ווען זי האָט אויף איהם א קוק געטאָן, — דאָס האָט זי ניט אָפט געטאָן, ווייל זי האָט עפ־טער זיך געווענדעט צו דער מוטער — זיינען איהרע אויגען, ווי איהר שטים, געווען אפילו פריינדליך, אבער גלייכגילטיג. צי האָט זי זיך קאָנטראָלירט צוליעב דער מוטער, אדער ער האָט איהר ניט פארשטאַנען? איהם וואָלט זיך אזוי שטארק געוואָלט דורכריידען זיך מיט איהר אונטער פיער אויגען ; אָבער פרוי פאָן קעריך האָט אויף איין מינוט זיי ניט געלאָזען אליין. ער האָט געפרובירט ארויפפיהרען דעם געשפרעך אויף פערזענליכע אנגעלעגנהייטען ; ער האָט גערעדט וועגען זיינע ארבייטען, וועגען זיינע פלענער ; ער האָט געהאט א ניט־קלאָהרען געפיהל, אז מינא גליטשט זיך לאנגזאם ארוים פון איהם ; און ער האָט געפרובירט אינסטינקטיוו איהר פאר־אינטערעסירען אין זיך. און באמת האָט עס אויסגעוויזען, אז זי הערט זיך צו מיט גרוים אויפמערקזאמקייט ; זי האָט אָפט איבערגעריסען זיין געשפרעך מיט פארשיעדענע באַ־מערקונגען, וואָס זיינען ניט שטענדיג געווען זעהר צום פונקט, אבער וועמעס טאָן עס האָט אויסגעוויזען צו זיין פול פון אינטערעס. אבער אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט שוין

ווידער אָנגעהויבען צו שעפּען האָפנונגען. אין גאַנצען פאַרשבור'ט פון איהר רייצענדען געלעכטער, האָט ער באַמערקט אַז זי לעגט צו די האַנט צום מויל און געגעצט. ער איז באַלד אַנטשוויגען געוואָרען. זי האָט עס באַמערקט, און האָט פריינדליך זיך ענטשולדיגט מיט איהר פאַרמאַטערטקייט. ער האָט זיך אויפגעהויבען, רעכענענדיג, אַז מען וועט איהם נאָך פאַרהאַלטען; זיי האָבען אבער גאָר ניט געזאָגט. ער האָט פאַרצויגען דאָס געזעגענען זיך; ער האָט געוואַרט אויף אַן איינלאַדונג מאָרגען ווידער צו קומען; אבער אויך דאָס איז ניט געטאָן געוואָרען. ער האָט געמוזט אוועקגעהן. מינא האָט איהם אבער ניט באַגלייט. זי האָט איהם אין מיטען פון זאַל דערלאַנגט די האַנט — א גלייכגילטיגע האַנט, וואָס איז געלעגען קאַלט אין זיין האַנט, — און אַזוי האָט ער זיך געזעגענט אין מיטען פון זאַל...

ער איז געקומען אהיים מיט א שרעק אין האַרצען. פון יענער מינא, וואָס ער האָט געהאַט מיט צוויי חדשים צוריק, פון זיין טייערע מינאַ, איז גאָר ניט געבליבען. וואָס איז געשעהן? וואָס איז פון איהר געוואָרען? פאַר אַן אָרימען אינגעל, וואָס האָט נאָך קיין מאָל ניט דורכגעמאַכט די שטענדיגע ענדערונגען, דאָס פאַלשטענדיגע פאַרשווינדען און אבסאָלוטע באַנייאונג פון לעבעדיגע נשמות, פון וועלכע דער גרעסטער טייל איז גאָר ניט קיין נשמה, נאָר גאַנצע קאָלעקציעס פון נשמות, וואָס קומען אויף איינע נאָך דער אַנדערער, ענדערן זיך און ווערען אויף שטענדיג אויסגעלאָשען; פאַר אַזאַ איינעם איז דער פשוט'ער אמת געווען צו גרויזאַם, אַז ער זאָל איהם קענען גלויבען. מיט שרעק האָט ער צוריק געשטויסען דעם געדאַנק וועגען דעם; און האָט געפּרובירט זיך איינריידען, אַז ער האָט ניט ריכטיג געזעהן, און

אַז מינאַ איז אַלץ דיזעלבע. ער האָט באַשלאָסען גלייך אויף מאָרגען אין דער פריה ווידער אוועקצוגעהן צו איהר, און זיך דורכצורײדען: עס מעג קאָסטען, וואָס עס וויל.

ער האָט ניט געשלאָפען. ער האָט געצעהלט איינע נאָך די אַנדערע ווי דער זייגער האָט געשלאָגען אַ שעה נאָך אַ שעה. שוין פון גאַנץ פריה אַן האָט ער זיך אַרומגעדרעהט אַרום פאַן קעריך׳ס הויז, און איז דאָרט אַריין, ווי נאָר ער האָט געקאָנט. אָבער געזעהן האָט ער ניט מינאַ׳ן, נאָר פרוי פאַן קעריך. אַ טעטיגע, און אַ פריהע אויפשטעהעריןן, האָט זי געהאַלטען אין באַגיסען די בלומענטעפּ אויף דער וועראַנדאַ. באַמערקענדיג קריסטאָף׳ן, האָט זי שפּאַטיש אויסגערופען:

„יאָ! דאָס זייט איהר!... איהר זייט געקומען אין רעכטער צייט; איך וויל טאַקי מיט אייך זיך דורכריידען. וואַרט אַביסעל, וואַרט"...

זי איז אויף אַ מינוט אַריין אין הויז אוועקצושטעלען די קאַן און אָפּצוטריקענען די הענט; זי איז באַלד געקומען צוריק און מיט אַ שמייכעל געקוקט אויף דעם גאַנץ־צוטומעלטען פּנים פון קריסטאָף׳ן, וועלכער האָט געפיהלט, אַז דאָס אומגליק קומט.

„לאָמיר געהן אין גאָרטען" — האָט זי ווייטער געזאָגט — „דאָרט איז רוהיגער":

ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך פרוי פאַן קעריך אין גאָרטען, וואָס איז געווען אין גאַנצען פול מיט זיין ליעבע. עס האָט אויסגעוויזען, אַז זי איילט זיך ניט צו ריידען, זיך אַמוזירענדיג מיט דעם איינגעלס צומישטקייט.

„זאָלען מיר זיך דאָרט אַוועקזעצען" — האָט זי ענדליך געזאָגט.

עס איז געוועזן יענער באַנק, אויף וועלכען מינא האָט איהם איהרע ליפּען אויסגעשטרעקט אין דעם אָווענט פאַר׳ן אוועקפאָהרען.

„איך מיין, אז איהר ווייסט ווענען וואָס עס האַנדעלט זיך — האָט פרוי פאָן קעריך געזאָגט, מאַכענדיג א שטריינגע מינע, כדי איהם אין גאַנצען אָראָפּצוזעצען פון טראָפּ — „איך וואָלט עס קיין מאָל ניט געגלויבט אויף אייך, קריסטאָף! איך האָב אייך געהאַלטען פאַר אַן ערנסטען איינגעל. איך האָב געהאַט דעם פולען צוטרוי צו אייך. איך האָב קיין מאָל ניט געטראַכט, אז איהר זאָלט עס וועלען מיסברויכען, כדי צו פאַרדרעהען מיין טאָכטער דעם קאָפּ. זי איז געווען אונטער אייער שוץ. איהר האָט עס געדאַרפט רעספּעקטירען, מיך רעספּעקטירען, זיך אַליין רעספּעקטירען.“

עס איז געלעגען א לייכטע איראָניע אין איהר טאָן; פרוי פאָן קעריך האָט די קלענסטע וויכטיגקייט ניט צוגעגעבען צו אָט דער קינדערשער ליעבע. — קריסטאָף אָבער האָט עס ניט געפיהלט. די פאַרוואורפען, וועלכע ער האָט גענומען זעהר טראַגיש, ווי אַלץ, זיינען איהם טיעף אין האַרצען אריין.

— „אָבער, מאַדאַם... אָבער, מאַדאַם...“ — האָט ער געשטאָמעלט מיט די אויגען פול פון טרעהרען — איך האָב קיינמאָל ניט מיסברויכט אייער צוטרוי... איך בעט אייך, גלויבט עס ניט... איך בין ניט קיין פאַלשער מענש, דאָס שווער איך אייך!... איך ליעב פרייליין מינא, איך ליעב זי פון גאַנצען האַרצען; איך וויל מיט איהר חתונה האָבען!“

פרוי פאָן קעריך האָט געשמייכעלט.

„ניין, ניין, מיין אָרימער יונג“ — האָט זי געזאָגט פריינדליך, אָבער אזוי גאווה׳דיג, אז ער האָט עס שוין אָנ־

געהויבען צו פארשטעהן — „ניין, דאָס איז ניט מעגליך; דאָס איז א קינדעריי".

— „פארוואָס? פארוואָס?" — האָט ער געפרעגט.

ער האָט איהר אָנגעכאַפּט פאַר די הענט, ניט גלויבענ־דיג, אז זי רעדט עס ערנסט, און זיך פיהלענדיג שוין כמעט בארוהיגט פון איהר זיסער שטים.

„דערפאר" — האָט זי געענטפערט מיט'ן זעלבען שמייכעל.

ער אָבער האָט דורכאויס געפאָדערט אן ערקלעהרונג. איראָניש־מיושב'דיג (זי האָט איהם בשום אופן ניט גענומען ערנסט) האָט זי איהם ערקלעהרט, אז ער האָט קיין שום פארמעגען ניט, און אז מינא האָט א גאַנץ אַנדער געשמאַק. ער האָט איהר געפּרובירט איינריידען, אז דאָס איז ניט וויכ־טיג, אז ער וועט זיין רייך, באַריהמט, אז ער וועט האָבען כבוד, געלט, אלץ וואָס מינא וועט נאָר וועלען. פרוי פאָן קעריך האָט זיך ארויסגעוויזען סקעפּטיש דערצו; זיין שטאַר־קער גלויבען אין זיך האָט איהר פארשאַפט שפּאַס, און זי האָט זיך באַגנוגט צו שאָקלען מיט'ן קאָפּ אויף ניין... ער אָבער האָט ניט נאָכגעלאָזען.

„ניין, קריסטאָף" — האָט זי ענדליך ארויסגערעדט אין א פעסטערן טאָן, — עס לוינט זיך ניט וועגען דעם צו ריידען. דאָס איז ניט מעגליך. עס האַנדעלט זיך ניט נאָר וועגען געלט. אזוי פיעל זאכען!... דער מצב"...

זי האָט מעהר ניט געדאַרפט פארענדיגען. עס איז גע־ווען א שטאָך, וואָס איז איהם דורך ביז אין מאַרך פון די ביינער. זיינע אויגען האָבען זיך געעפענט; ער האָט גע־שפּירט די איראָניע הינטער דעם פריינדליכען שמייכעל; ער האָט דערזעהן די קאַלטקייט הינטער דעם פריינדליכען בליק;

ער האָט מיט אמאָל פאַרשטאַנען, וואָס איהם האָט אפּגעזונדערט פון דער פרוי, וועלכע ער האָט געליעבט מיט דער ליעבע פון א זוהן, און וועלכע האָט איהם, דאַכט זיך, באהאַנדעלט ווי א מוטער; ער האָט דערפיהלט, ווי פיעל אפּוטרפּסות און גאוה עס זיינען געווען אין איהר פריינדליכקייט. ער האָט זיך אויפגעהויבען, א טוידט־בלאַסער. פרוי פאָן קעריך האָט נאָך אלץ גערעדט צו איהם מיט איהר לאַשטשענדע שטים; אבער עס איז שוין געווען דער סוף; ער האָט מעהר ניט געהערט די מוזיק פון די ווערטער; ער האָט הינטער יעדען וואָרט געהערט די רויהקייט פון אַט דער עלעגאַנטער נשמה. ער האָט קיין איין וואָרט ניט געקאָנט ענטפערן. און ער איז אוועק. אלץ איז געפאַלען מיט די פוטער אראָפּ.

קומענדיג צו זיך אין צימער, האָט ער זיך אריינגעוואָרפען אין בעט, און אין אַנפאַל פון צאָרן און פאַרוואונדערטען שטאָלץ איז איהם באַפאַלען, ווי גאָר אין די קינדערשע יאָהרען. ער האָט צוביסען זיין קישען, האָט זיך פאַרשטאָפּט די מויל מיט א טיכעל, כדי מען זאָל איהם ניט הערען שרייענדיג. ער האָט געהאַסט פרוי פאָן קעריך. ער האָט געהאַסט מינא'ן. ער האָט זיי שרעקליך פאַראַכטעט. ער האָט געפיהלט, ווי מען וואָלט איהם אויסגעפאַטשט, און ער האָט געציטערט פון שאַנד און צאָרן. ער האָט געמוזט זיי ענטפערן, האַנדלען גלייך אויף אַן אָרט. ער וואָלט געשטאָרבען, ווען ער וואָלט זיך ניט נוקם געווען.

ער האָט זיך אויפגעהויבען און אָנגעשריבען א ווילדשטרענגען בריעף:

„מאַדאַם,

„איך וויים ניט, צי איהר האָט, ווי איהר טענה'עט, זיך גענאַרט אין מיר. וואָס איך וויים אבער יאָ, איז, אַז איך האָב

זיך שרעקליך גענאַרט אין אייך. איך האָב געגלויבט, אַז איהר זייט מיינע אַ פריינדין. איהר האָט עס געזאָגט, איהר האָט זיך פאַרשטעלט, ווי איהר וואָלט עס געווען. און איך האָב אייך געליעבט מעהר ווי מיין לעבען. איצט זעה איך, אַז דאָס אַלץ איז געווען נאַר אַ ליגען, און אַז אייער סימפּאַטיע צו מיר איז געווען ניט מעהר ווי אַ שווינדעל: איהר האָט מיך אויסגענוצט, איך האָב אייך אַמוזירט, איך האָב אייך צו־שטרייט; איך האָב מוזיק פאַר אייך געמאַכט — איך בין געווען אייער דיענער. אייער דיענער בין איך אָבער ניט! איך בין ביי קיין מענשען קיין דיענער ניט!

„איהר האָט גראָב מיר געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז איך האָב קיין רעכט ניט צו ליעבען אייער טאָכטער. קיין זאַך אויף דער וועלט קאָן ניט שטערן מיין האַרץ צו ליעבען דאָס, וואָס איך ליעב; און כאָטש איך בין ניט פון אייער ראַנג, בין איך דאָך אַזוי איידעל ווי איהר: נאַר דאָס האַרץ מאַכט דעם מענשען איידעל; און אויב איך בין ניט קיין גראַף, האָב איך דאָך אין זיך מעהר עהרע ווי אַ סך גראַפען. לאַקיי אָדער גראַף — אין דעם אויגענבליק, וואָס ער באַליידיגט מיך, פאַראַכטע איך איהם. איך פאַראַכטע ווי בלאָטע אַלץ, וואָס פּרעטענדירט צו זיין איידעל, און האָט ניט די איידעלקייט פון דער נשמה.

„זייט געזונט! איהר האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען. איהר האָט מיך גענאַרט, איך האָס אייך.

„דער, וואָס ליעבט פרייליין מינאַ, צו להכעיס אייך, און וואָס וועט איהר ליעבען ביז אין טויט אַריין, ווייל ז י געהערט איהם, און קיין זאַך קען איהר ניט אַפּריי־סען פון איהם."

קוים האָט ער אַריינגעוואָרפען דעם בריעף אין בריעף־

קאסטען, האָט ער זיך אליין דערשראָקען פאר דאָס, וואָס ער האָט געטאָן. ער האָט געפּרובירט וועגען דעם ניט טראכטען; אָבער געוויסע אויסדריקע זיינען איהם געקומען אויף'ן זכרון; און א קאלטער שווייס האָט איהם ארויסגעשלאָגען, ווען ער האָט זיך געטראכט ווי פרוי פאַן קעריך לייענט די שרעקליכקייטען. אין ערשטען מאָמענט האָט זיין פארצווייפלונג אליין איהם צוגעגעבען מוט; אָבער שוין אויף מאָרגען האָט ער פארשטאַנען, אז זיין בריעף קען ניט האָבען קיין אנדער ערפאָלג, ווי נאָר איהם אין גאנצען צו צושיידען פון מינא'ן; און דאָס האָט איהם אויסגעוויזען פאר דעם שרעקליכסטען אומגליק. ער האָט נאָך געהאָפט, אז פרוי פאַן קעריך, וואָס האָט געוואוסט, ווי לייכט ער ווערט צוקאָכט, וועט ניט נעהמען די זאַך אויף דעם מאָל זעהר ערנסט; און אז זי וועט זיך באַגנוגען מיט א שטריינגען אויסרייד; און — ווער ווייס? — אפשר וועט זי גאָר ווערען גערירט דורך די איבעריכטיגקייט פון זיין ליידענשאַפט. ער האָט נאָר געוואַרט אויף אן ענטפער, כדי זיך איהר צו וואַרפען צו די פיס. פינף טעג האָט ער געוואַרט אויף דעם. נאָכהער איז געקומען א בריעף. עס איז דאָרט געווען געשריבען:

„טייערער הערר!

„אזוי ווי לויט אייער מיינונג עקסיסטירט ביי אונז א מיספארשטענדניס פון ביידע זייטען, איז געווים די קליגסטע זאַך, עס ווייטער ניט צו פארציהען. איך וואָלט זיך אליין ניט מוחל געווען, אויב איך וואָלט אויף אייך אויך ווייטער ארויפגעלייגט באַציהונגען, וואָס זיינען געוואָרען אונאַנגענעהם פאר אייך. איהר וועט אַלזאָ געפינען פאר גאַנץ נאַטירליך, דאָס מיר זאָלען עס איבערייסען. איך האָף, אז עס וועט אייך שפּעטער ניט פעהלען קיין אַנדערע פריינד, וואָס

וועלען וויסען אייך אָפּצושאַצען, אזוי ווי איהר פארלאַנגט עס. איך צווייפעל ניט אין אייער צוקונפט; און וועל פון ווייטען נאָכפאָלגען אייערע ערפאָלגען אין דער מוזיקאַלישער קאַריערע. מיט גערוס,

יאָזעפא פאָן קעריך.“

די ביטערסטע פאָרוואורפען וואָלטען געווען ווייניגער גרויזאם. קריסטאָף האָט זיך געפיהלט פארלאָרען. מען האָט געקאָנט ענטפערן איינעם, וואָס באשולדיגט אייך אומגערעכט. אבער וואָס האָט מען געקאָנט טאָן געגען דאָס גאר נישט פון אָט דער העפליכער גלייכגילטיגקייט? ער איז געווען ווי משוגע. ער האָט געטראַכט, אז ער וועט שוין קיין מאָל ניט זעהן מינא'ן, און דאָס האָט ער ניט געקאָנט אריבערטראָגען. ער האָט געפיהלט ווי ווייניג עס וועגט די גאַנצע שטאָלץ פון דער וועלט געגען א קליין ביסעל ליעבע. ער האָט פארגעסען זיין גאַנצע ווירדע, איז געוואָרען א שוועכלינג, האָט געשריבען נייע בריעף, אין וועלכע ער האָט געבעטען, מען זאָל איהם מוחל זיין. זיי זיינען געווען ניט ווייניגער נאריש ווי דער, אין וועלכען ער האָט אויסגעגאָסען זיין כעס. מען האָט איהם גאָר ניט געענטפערט — און אלץ איז געווען געזאָגט.

ער איז כמעט ניט געשטאָרבען דערפון. ער האָט געטראכט וועגען זיך נעהמען דעם לעבען. ווייניגסטענס האָט ער זיך איינגערעדט, אז ער האָט עס געוואָלט. ער האָט געהאט רויבערישע, מערדערישע פארלאנגען. מען פארשטעהט גאָר ניט די אָנפאלען פון ליעבע און האס, וואָס עסען אויף אָפטמאָל געוויסע קינדערשע הערצער. עס איז געווען דער שרעקליכסטער קריזיס פון זיין קינדהייט. דאָס האָט געמאכט א סוף צו זיין קינדהייט. ער האָט פארהארטעוועט זיין ווילען. אבער עס האָט ניט געפעהלט פיעל איהם אויף אייביג צו צערברעכען.

ער האָט מעהר ניט געקאָנט לעבען. אָנגעשפארט אָן פענסטער, פלעגט ער שעה'ן־לאנג אראָפקוקען אויף דעם געפלאסטערטען הויף און טראכטען ווי דאמאָלס, בעת ער איז נאָך א קינד געווען, אז עס איז דאָ איין מיטעל פטור צו ווערען פון די מאטערניש פון לעבען, ווען עס ווערט שווער. דער מיטעל איז פאראן דאָ, פאר זיינע אויגען, גערייט צו העלפען תיכף ומיד... תיכף ומדי? ווער ווייס?... אפשר נאָך שטונדען — נאָך יאהר־הונדערטע — פון גרויזאמער מאַטערניש?... אבער אזוי מיעף איז געווען זיין קינדערשע פארצווייפלונג, אז ער האָט זיך געלאָזט אריינציהען אין דעם שווינדעלדיגען תהום פון אזעלכע געדאנקען...

לואיזע האָט געזעהן, אז ער ליידעט. זי האָט ניט געקאָנט קלאָהר פארשטעהן, וואָס אין איהם געהט פאָר; אבער איהר אינסטינקט האָט איהר אונקלאָהר פאָרגעזאָגט ווע־

גען דער געפאהר. זי האָט געפּרובירט זיך דערנעהענטערן צו איהר זוהן, צו דערגעהן זיין שמערץ, כדי איהם צו טרייסטען. אָבער די אָרימע פרוי האָט פאַרלאָרען די געוואָהנהייט צו ריידען אינטים צו קריסטאָף׳ן; זייט יאָהרען האָט ער פאַרשלאָסען אין זיך זיינע געדאנקען; און זי איז געווען צופיעל פאַרטאָן מיט מאטעריעלע זאָרגען צו האָבען גענוג צייט זיי אויסצוגעפינען. איצט, ווען זי האָט געוואָלט איהם קומען צו הילף, האָט זי ניט געוואוסט, ווי עס צו טאָן. זי האָט זיך ארומגעדרעהט ארום איהם, ווי א בלאָנדזשענדע נשמה; זי האָט געזוכט ווערטער, וואָס זאָלען איהם גוט טאָן; זי האָט אבער מורא געהאט זיי ארויסצוריידען, כדי איהם ניט אויפצורעגען. און ניט קוקענדיג אויף איהר גאנצע פאַרזיכטיגקייט, פלעגט זי איהם ארויסברייגען פון געדולד דורך איהרע באוועגונגען, דורך איהר אנוועזענהייט אליין; ווארום זעהר געשיקט איז זי ניט געווען; און ער איז ניט געווען זעהר געדולדיג. פון דעסטוועגען האָט ער איהר געליעבט, האָבען זיי ביידע זיך געליעבט. אבער עס איז אזוי ווייניג נויטיג אום צו דערווייטערן מענשען, וואָס ליעבען און אכטען איינע די אנדערע פון גאנצען הארצען! א צו הויכער וואָרט, א ניט־פּאסיגע באַוועגונג, אן אונשולדיגער צוק מיט׳ן אויג, אָדער מיט דער נאָז, דאָס האלטען זיך ביים עסען, ביים געהן, ביים לאכען, א פיזישע שטערונג, וואָס לאָזט זיך ניט ערקלעהרען... מען רעדט זיך אליין איין, אז דאָס איז גאָר ניט; עס איז אבער א גאנצע וועלט. גאנץ אָפט איז עס גענוג, אז א מוטער און א זון, א ברודער און א ברודער, א פריינד און א פריינד, וואָס זיינען גאנץ נאָהענט איינער צום אנדערן, זאָלען אויף אייביג בלייבען דערווייטערט איינער פון אנדערען.

קריסטאָף האָט דערפאר ניט געפונען אין דער צערט־

ליבקייט פון זיין מוטער קיין געגוג שטאַרקע שטיצע אין דעם קריזיס, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט. און אויסערדעם, וואָס פאַר א ווערט האָט די צערטליכקייט פון אַנדערע פאַר דעם עגאָיזם פון ליידענשאַפט, וואָס באַשעפטיגט זיך נאָר מיט זיך אַליין?

איינמאָל ביינאַכט, ווען די פאַמיליע האָט געשלאָפען, און ער איז געזעסען ביים טיש ניט ריהרענדיג זיך און ניט טראַכטענדיג, נאָר אַריינגעטאָן אין זיינע געפעהרליכע אי־דעען, האָט דער גערויש פון טריט אָפּגעקלונגען אין דער קליינער, שטילער גאַס; און דאָס קלאַפּען אין טיר האָט איהם אַרויסגעריסען פון זיין באַטויבונג. מען האָט געהערט דאָס ניט דייטליכע מורמלען פון שטימען. ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז דער פאָטער איז אין אָווענט נאָך ניט געקומען אַהיים; און ער האָט מיט כעס געטראַכט, אַז מען האָט איהם ווידער געבראַכט א שכור'ן, ווי פאַראַכטאַגען, ווען מען האָט איהם געפונען ליעגענדיג אויסגעצויגען אין מיטען גאַס. וואָ־רום מעלכיאָר האָט אינגאַנצען אויפגעהערט זיך איינצוהאַל־טען; ער האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר אָפּגעגעבען צו זיין לאַסטער; כאָטש זיין געזונדהייט פון א גבר האָט דאָס קלענסטע ניט געליטען פון די אַלע אויסגעלאַסענקייטען און פּאַרזיכטיגקייטען, וואָס וואָלטען אַן אַנדערען שוין לאַנג גע־טוידט. ער האָט געגעסען פאַר פיערען; האָט געטרונקען ביז טוידט שכרות, האָט פאַרבראַכט נעכט אויף דרויסען אונטער אייז־קאַלטע רעגענס, האָט פיעל מאָל געקראָגען געבראָכען רוק און לענד אין געשלעג; און דאָך פלעגט ער אויף מאָרגען אין דער פריה ווידער זיין אויף די פיס מיט זיין געוועהנליכער פרעהליכקייט, וועלענדיג, אַז די גאַנצע וועלט אַרום איהם זאָל אויך זיין אַזוי מלא שמחה ווי ער.

לואיזע איז ארויסגעשפּרונגען פון בעט, און איז גיך געלאָפן עפענען די טיר. קריסטאָף האָט זיך צוגעמאַכט די אויגען, כדי ניט צו דאַרפן הערן מעלכיאָר׳ס פאַר׳שכור׳טע שטים, און די שפּאַטישע באַמערקונגען פון די שכנים...

פּלוצלונג איז איהם באַפאַלען אַן אונערקלעהרליכער שרעק: ער האָט גענומען ציטערן גאַר אַהן אַן אורזאַך, באַ־האַלטענדיג דעם פּנים אין די הענט. און גלייך האָט אַ הערצ־רייסענדער געשריי איהם געמאַכט אויפהויבען דעם קאָפּ. ער האָט אַ שפּרונג געטאָן צום טיר...

אין מיטען פון אַ גרופּע מענשען, וועלכע האָבען גערעדט שטיל אין פינסטערן קאָרידאָר, וואָס איז געווען באַלויכטען פון דעם ציטערנדען ליכט פון אַ לאַמטערנע, איז געלעגען אויסגעצויגען אונבאַוועגליך אויף אַ מיטה — ווי אמאָל דער זיידע — אַ קערפּער, פון וועלכען עס האָט גערונען וואַסער. לואיזא האָט געבליפּעט אויף זיין האַלז. מען האָט אַקאָרשט געפונען מעלכיאָר׳ן אַ דערטרונקענעם אין מיה־גראָבען.

קריסטאָף האָט ארויסגעלאָזען אַ געשריי. די גאַנצע איי־בעריגע וועלט איז פאַרשוואונדען, אַלע זיינע אַנדערע שמער־צען זיינען אָפּגעווישט געוואָרען. ער האָט זיך אַ וואָרף גע־טאָן אויפ׳ן פאַטער׳ס קערפּער, לעבען לואיז׳ען, און זיי האָ־בען ביידע געוויינט צוזאַמען.

זיצענדיג לעבען דער בעט, און איבערוואכענדיג דעם לעצטען שלאף פון מעלכיאר'ן, וועמעס געזיכט עס האט איצט באקומען א שטרענגען און פייערליכען אויסדרוק, האט ער געפיהלט ווי די טרויעריגע רוהיגקייט פון טוידט נעהמט איהם דורך. זיין קינדערשע ליידענשאפט איז פארשוואונדען ווי אן אנפאל פון פיבער. דער איינציגער הויך פון קבר האט אלץ מיט זיך אוועקגעטראגען: מינא'ן, זיין שטאלץ, זיין ליעבע, איהם אליין... אך, צו הייסט דאס אן אונגליק? ווי קליין איז די באדייטונג פון דאס אלץ לעבען דער ווירקליכקייט, דער איינ־ציגער ווירקליכקייט: דעם טויט! צי האט זיך געלוינט אזוי פיעל צו ליידען, אזוי פיעל צו באגעהרען, אזוי פיעל זיך צו מאטערן, כדי דארט אנצוקומען!...

ער האט געקוקט אויף זיין איינגעשלאפענעם פאטער. און א רחמנות אהן א סוף האט איהם דורכגעדרונגען. ער האט זיך גענומען דערמאנען אן די קלענסטע אויסדריקע פון זיין גוטסקייט און צערטליכקייט; ווארום ביי אלע זיינע חסרונות, איז מעלכיאר ניט געווען קיין גאר שלעכטער מענש; ער האט געהאט פיעל גוטעס אין זיך. ער האט האלט געהאט זיין משפחה. ער איז געווען עהרליך. ער האט גע־האט אביסעל פון דער אונאפהענגיגער אויפריכטיגקייט פון די קראפטס, וועלכע האט ניט פארטראגען קיינע סכסוכים אין פראגען פון מאראל און עהרליכקייט; און וואס האט ניט דערלאזען קיינע פון יענע פשרות מיט דער מאראל, וועל־כע אזוי פיעל מענשען פון דער בעסערער געזעלשאפט האלטען

ניט פאר קיין גרויסען חטא. ער איז געווען מוטיג, און זיך איינגעשטעלט אין יעדער געפעהרליכער לאגע מיט פרייד. אויב ער איז געווען אן אויסברייננגער פאר זיך, איז ער עס געווען אויך פאר אנדערע; ער האט ניט געקאנט אריבער־טראגען, אויב מען איז געווען טרויעריג; און ער האט מיט פארגניגען אפגעגעבען, אלץ וואס האט געהערט צו איהם — און וואס האט ניט געהערט צו איהם אויך — צו יענע ארימע לייט, וואס ער פלעגט טרעפען אויפ'ן וועג. אט אן די אלע מעלות האט זיך איצט קריסטאף דערמאנט: צום טייל האט ער זיי אויסגעטראכט, אדער מגזם געווען. איהם האט זיך געדאכט, אז ער האט זיין פאטער ניט געקענט: ער האט זיך פארגעווארפען, וואס ער האט איהם ניט גענוג געליעבט. ער האט געזעהן ווי ער איז באזיעגט געווארען פון לעבען; ער האט געגלויבט, אז ער הערט ווי די אונגליקליכע נשמה וואנ־דערט ארום, זייענדיג צו שוואך צו קענען קעמפפען, און זיפצט איבער איהר נוצלאז פארלארענעם לעבען. ער האט פון דאס ניי געהערט די קלאגענדיגע בקשה, וואס האט איהם שוין איינמאל צעריסען דאס הארץ:

— „קריסטאף, פאראכטע מיך ניט!"

און געוויסענביסע האבען איהם געפייניגט: ער האט זיך אווארף געטאן אויפ'ן בעט, און האט וויינענדיג געקושט דעם פנים פון טוידטען. ער האט איבערגע'חזר'ט ווי דאמאלט:

„מיין טייערער פאטער, איך פאראכטע דיך ניט, איך ליעב דיך! זיי מיר מוחל!"

אבער יענער קלאגערוף האט זיך ניט בארוהיגט. און האט זיך איבערגע'חזר'ט פול פון שרעק:

„פאראכטע מיך ניט! פאראכטע מיך ניט!"

און פּלוצלונג האָט קריסטאָף זיך אליין געזעהן אויסגע־צויגען אויפ׳ן פּלאַץ פון טויזטען; ער האָט געהערט די ווער־טער קומענדיג פון זיין אייגענעם מויל; ער האָט דערפיהלט אין זיין הארצען די פארצווייפלונג פון א לעבען, וואָס איז שוין אויף אייביג נוצלאָז. און ער האָט געטראַכט מיט שרעק: „אך! אלץ, אלע ליידען, דער גאנצער עלענד פון דער וועלט, אבי ניט דערגעהן דערצו!“... ווי נאָהענט איז ער געווען פון דעם? צי דען האָט ער כמעט ניט געפּרובירט אליין צו צער־ברעכען זיין לעבען, כדי ווי א טרוס זיך צו ראטעווען פון זיין שמערץ? אזוי ווי אלע ליידען און די אלע פעראטען וואלטען ניט געווען קינדערשע שמערצען לעבען דער מאטערניש פון דעם גרעסטען פארברעכען: זיך אליין צו פעראטען, דעם גלויבען אין זיך צו פארליערען, זיך צו פעראטען ביז צום טויזט!

ער האָט געזעהן, אז דאָס לעבען איז א שלאַכט אָהן א שטילשטאנד, אָהן גנאָדע, וואו יעדער מענש, וואָס וויל ווערט זיין דעם נאָמען מענש, דאַרף קעמפּפען געגען אן ארמיי פון שונאים, וועלכע מען קען גאָר ניט זעהן: געגען די מערדע־רישע כחות פון דער נאַטור, געגען די שלעכטע באַגעהרען און פינסטערע געדאַנקען, וואָס טרייבען איהם פארטעריש זיך אליין צו דערנידעריגען און צו פארניכטען. ער האָט געזעהן, אז גליק און ליעבע זיינען נאָר די נארעריי פון איין מינוט, כדי צו פיהרען דאָס הארץ אוועקצולייגען די וואפען און זיך אפּזאָגען פון אלץ. און דער קליינער פופצעהניעהריגער מאָ־ראַלישער גאון האָט געהערט די שטים פון זיין גאָט:

„געה, געה, און רוה קיין מאָל ניט!“

— „אבער וואוהין זאָל איך געהן, גאָט מיינער! וואָס

איך זאָל ניט טאָן, וואוהין איך זאָל ניט גײן, צי דען וועט דער סוף ניט זײן שטענדיג דערזעלבער? צי ענדיגט זיך ניט אַלץ דאָרט?"

„גײט און שטאַרבט, איהר וואָס מוזט שטאַרבען! גײט און לײדעט, איהר וואָס מוזט לײדען! מען לעבט ניט, אום צו זײן גליקליך. מען לעבט אום מײן ג ע ז ע ץ צו ערפילען. לײד, שטאַרב, אָבער זײ דאָס, וואָס דו דאַרפסט זײן — אַ מענש.